Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library



אופג...

פארלאג...

פערעצ מארקיש



# אופגאנג אפנ דניעפער

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1937







פארלאג
עמעס



פּערעץ מאַרקיש

O.P.C.N.
BUCURESTI

# אויפגאַנג אויפן דניעפּער

פּאָעמע

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1937

2203

Universitäts-
bibliothek
UNIVERSITÄT POTSDAM
Inventarnr.
*98032496*

1

וְוי ס'פירנ לײַט זיכ פאר א װײַטנ װעג,
האָט אוורָאָמ־הערש אינ שטוב זיכ צוגעזעצט א װײַלע,
באקוקט די װענט, ארויסגעפײַפט א ביסל שרעק
אונ אפ אנ עמעס זיכ גענומענ אײַלנ.

געליימטע זיבנ װערסט, פארזונקענע אינ אומעט,
זיכ ציִענ טויב אונ שטויביק צומ װאָקזאל;
פאר־װאָרפנ אפנ קארק האָט אוורָאָמ־הערש דעמ קלומעק,
אונ אינ די הענט — דאָס קוישל ברויט אונ זאלצ.

אונ אויסמעסטנ דעמ װעג צופוס האָט ער געלאָזט זיכ,
געלאָזט זיכ סילעקנ װי קלאפטער יעדנ טראָט;
די שטיבעלעכ װי בוידנ — אלטע אונ פארלאָזטע.
האָט ער צומ לעצטנ מאָל א שילט געטאָנ די שטאָט,

אז אויסרײַסן פֿון אָרט זאָל זיך א יעדער סטויפּ
און אויך צופּוס — דער רועך ווייסט וווהינ — ערגעץ אוועקגיינ.
עס האָבן זיך פֿון דר'ערד געטאָן צו אים א הויב
די פּערציק יאָר זײַנע די אָפּגעשונדענע אפּ וועגנ.

האָט ער מיט קאס און גרימצאָרן נאָך אײַליקער געשפּאנט,
געזידלט זיך דעם גאנצן ווענ מיט פײַער:
— א גאנצע שטאָט געפּירט אפּ לײבנ צו דער באנ,
נ'פּאר זיך אליינ האָט קיינ פּארשיווע קליאטשע ניט געסטײַעט. —

אונטער די טריט האָט אים געקוויטשעט פּרישע פּאשע,
מיט זיבנ קוילעס האָט זי אים גערופנ אפּ צוריק:
— אָט איז די היים, די שטאל, און דער פּידאשעק,
דער פּערדנ-כראָמק, וואָס האָט דעם זשאָלעב יאָרנלאנג געוויגט... —

געצויגנ האָט דער קלומעק אים די אקסל צו דער ערד,
דאָס קוישל עסנ ניט ארויסגעלאָזט האָט פֿון די הענט ער;
ס'האָט א שינעל אנ אלטער נאָכגעשלעפּט זיך שווער
מיט פּאָלעס אויסגעגעסענע און דורכגעברענטע.

ווי א סאָלדאט פֿון א פּארזאמטנ אורלויב אויסגעזוענ האָט ער,
וואָס גייט די שטראָפּ זײַנע באקומענ ווי ס'געהערט אים;
געגאנ, ווי אפּ א בארג, און אלע ווײַל געטאָנ א קלער:
— באדארפט געווענ זיך נעמענ דורך די גערטנער... —

עס איז געווענ א גאָלדענער פּארטאָג,
געלייגט זיך ווי א רויטע שאל ארומ דעם האלדז אים;

דאָס פּאָנעם איז אין הוילע פליאמען אָנגעטאָן,
די פליאמען — אָנגעצונדן מוירעדיק און גלאַנציק.

אזוי איז אווראָם-הערש געגאַנגען אין קאיאָר
דער אומבאַוווּסטער בלויער ווײַס אַנטקעגן;
צו זײַנע פערציק שווערע באַלעגאָלעדיקע יאָר
האָט ער זיך מיט זײַן היים צום לעצטן מאָל געזעגנט.

נ׳דורך זיבן ווערסט געליימטן וועג
האָט ער פאַרלאָזט זײַן לײַבלעכע געבורט־שטאָט;
פון שלאָף האָבן קאָסאָקע שטיבלעך זיך געוועקט,
און ער האָט גייענדיק דעם גאַנצן וועג געבורטשעט:

— עס גייט דיר נאָך א יעדער בוים דעם גאַנצן וועג,
א יעדע קרענעצע, וואָס האָסט בא איר די פערד געפּויעט;
אז מיט א זיסן סקריפּ אזא זיך שטרעקט
צו דיר איצט ווי א טיר און ווי א טויער,

וואָס מ׳האָט דיר דאָרטן דורכגיין קיינמאָל ניט געטרויט
א קוק טאָן נאָענט קיינמאָל ניט פאַרגינט דיר;
איצט — מיט די ביינערדיקע פליגל, אָן דער הויט
פון אומעטום זיך יאָגט נאָך דיר די אַלטע ווינט־מיל —

און דאָ און דאָרט — איז א געיעג און א געטריפּ!
מיט ווידערקאָל פאַרלויפט דעם וועג א יעדער ווינטל,
און יעדער בערגעלע און יעדער ריוו,
און יעדער ציילעם פונעם צווינטער, —

אָט פונקט זיי וואָלטן וויסן, אז צום לעצטן מאָל
דעם וועג גייט אווראָם־הערש אצינד פארביי דאָ —
און עפּעס אָנזאָגן באדארף נאָך יעדער טאָל,
און עפּעס אויספרעגן באדארף נאָך יעדער ביידל...

נאָר ס'האָט א פור פון שטאָט אפ אים געטאָן א לאָז זיך,
און אזא היימיש קאָל: — וווהין? — האָט ער דערהערט;
ס'האָט אווראָם־הערש אין קאָל דערקענט דעם פאָ:פענדיקן זאָזל.
דעם קאָפּ ניט אויסגעדרייט, נאָר אָפּגעשטעלט די פערד

האָט זאָזל אין דער ווייט זיך איינגעזויפּט צעטראָגן
און מיט א האלבער ליפּ א ווונק געטאָן דערביי: —
וואָס לויפסטו, אווראָם־הערש? — נעם, קריך אריין אין וואָגן,
די זעק גיב נאָר א רוק א ביסל אין דער זייט!

האָט אווראָם־הערש ארופגעכאפּט זיך אפן וואָגן,
אין מויל מיט קאס ארייַנגעלייגט א שטרוי.
דער וועג האָט זיך גענומען אָפּוויקלען און יאָגן,
און ווי ס'פארשווינדט זיין היים, האָט אווראָם־הערש געקוקט אזוי,

אז ס'האָט א טרער געשטעלט זיך אין די אויגן,
א קרעכץ פארייזנעט האָט בא אים אין האלדז.
האָט ער צו זיך דעם קלומעק פעסטער צוגעצויגן,
דאָס קוישל עסן, דעם ארום און אלץ —

און זיך דערמאָנט, אז אן ארטעל א גאנצער ווארט
אפ אים. ער ווארט פון לאנג שוין באם וואָקזאל דאָרט;

און אז דער צוג גייט דורכ האלב צוויי באנאכט,
אז מער ווי א מ׳נוט ט׳ער באמ וואָקזאל זיכ ניט פארהאלטנ.

האָט ער אפ זאָזלענ אויגנ אויסגעשטעלט ווי גלעזלעכ בראָנפנ:
— וואָס פירסטו, זאָזל, זעק? — האָט ער דערלאנגט א האק.
נאָר זאָזל האָט א טרונק געטאָנ און רויִק אויסגעפּאָנפעט:
— סע מאכט ניט אויס קיינ איבעריקער זאק! —

און אָנגעקומענ איז מענ צומ וואָקזאל,
זיכ אויסגעזעצט אפ דר׳ערד, אפ קלומקעס צוגעשפּארט זיכ;
ס׳האָט איינער בא דעמ אנדערנ באטאפּט דעמ זאק,
געקרעכצט און צוגעווונטשעט מיטנ גאנצנ הארצנ.

נאָר א געשריי און א געראש איז נאָכ געוואָרנ, איידער
דער צוג ט׳באוויזנ אופלייכטנ דעמ וועג;
און אופגעכאפּט האָט זיכ אינ שרעק די גאנצע איידע,
ווי אפ א נאכטיקנ געשלעג.

א פלי געגעבנ האָבנ פּעק און אלטע זעלנערישע קעסטלעכ,
און טאָרבעס פּעדערנ, וואטניקעס פול מיט שטויב;
גענומענ דעמ וואגאָנ זיי האָבנ ווי א פעסטונג,
און איינער האָט דעמ אנדערנ פארלישעט און פארטויבט.

פארפלאָנטערט איינער ט׳זיכ דעמ צווייטנ אינ די פיס,
און ווער אפ טרעפּ זאָ אפ פּאָרענטשעס צוגעקלעפּט זיכ האָט דאָרט;
און אינ געדראנג האָט זיי דער צוג דערלאנגט א ריס,
ווי שטאמענ פונ דער ערד, איניינעמ מיט דער בלאָטע...

א פײַפ האָט זיך פארמאָסטן ווי א שווערד. א סאַפּ און — אָפּ.
א וואָרפ געטאָן מ'האָט זיך צוריק צו אָפּגעפלאָסענע ארומען,
אזוי ווי איבערגעלאָזט עמעצער וואָלט דאָרט דעם קאָפּ,
און עמעצער — דאָס הארצ און עמעצער — דעם קלומעק...

נאָר אווראָם־הערש ז'געשטאנען און געצויגן א ציגאַַרער
און פײַערלעך פונווײַטן דורכגעלאָזט פארבײַ;
דעם רויך דער נאכט ארויסגעלאָזט צושטײַער
נ'דעם ווינט געגעבן אָפּטראָגן א שפײַ.

## 2

ס׳איז האלבע נאכט, עס לויפט דער צוג,
אפ הערנער נעמט ער דאָרט דעמ אומעט פונ די מײַלנ —
אימ קלעקט קײנ צײַט און קײנ געדולד
זיכ שטעלנ פײַפנ דאָרט א יעדער ווײַלע.

ער גיט א פײַפ א דויערדיקנ אײנעמ,
ער גיט א ריס דאָס אינגעווייד פונ שטאָל
פאר פינעפ — זעקס פאָלסטאנקעלעכ אינײנעמ,
פאר פינעפ — זעקס פאָלסטאנקעס מיטאמאָל,

און טראָגט זיכ ווײַטער — קײַענדיק די קאָליעס,
און טראָגט זיכ ווײַטער — רײַסנדיק דעמ רוימ;
אנ אײנ־און־אײנציקס און באפעלנדיקס — זײַנ קאָל איז,
עס איז צו קײנעמ אינ דער פינצטער ניט פארטרויט.

און ניט קיין שאָרכ און ניט קיין מורמל
פונ מיטנ נאכט, פונ מיטנ סטעפּ, —
ער לויפט, דער צוג, דאָרט אפּ געשלעגנ מיטנ אוראלט,
ער לויפט דער צוג דאָרט אפּ געשלעגנ מיטנ דניעפּ.

א דרײַסיק־טויזנטיקע מאכנע ט׳שוינ דעמ וועג פארשטעלט אימ,
עס זײַנענ ברעגנ שוינ באלאגערט און באזעצט;
פונ זיבנ הויפּטשטעט און פונ דערפער און פונ שטעטלעכ
גייט אפּ אימ אופ די קליגסטע צוימ און דער געזעצ.

עס טראָגנ בערג זייערע שטיינער שוינ צושטײַער,
און די קאריערנ זײַנענ אופגעשפּארט און גרייט;
איז רײַסט דער צוג זיכ אפּ קיינ אויגנבליק ניט הײַענ,
און אינ דער ווײַט וואָקזאלנ ווארטנ אינ דער ריי.

דורכ שויבנ — ליכט און קעפּ, און — א געהודע
פונ אלע ווינטיקע וואגאָנעס נאָכאנאנד —
ס׳פארמאכט דאָס פענצטער איינער פאר א צוגווינט,
דאָס הארצ צעעפנט איינער פאר דער נאכט.

און אלע ווארטנ אפּ א ווונדערלעכער סטאנציע,
בא יעדנ ז׳אָנגעטאָנ אפּ פלייצעס דער באגאזש —
א גאסט אנ אָנגעלייגטער ט׳יעדער דאָ אינ קאנט זײַנ,
ס׳וועט אימ די געגנט דאָ באגעגענענ מיט ראש.

נאָר איינער שפּאנט איבערנ מיטלסטנ וואגאָנ אומ,
פונ שווארצער שויב פארוקט ער דעמ ברעזענט.

ער וויל עפּעס אינ געגנט דאָ דערקאָנענ,
ער וויל עפּעס אינ געגנט דאָ דערזענ.

ס'גייט דאָ זײַנ קינדהײַט נאָכ ארומ איבער די מיסטנ,
א יעדער דורכגעלאָזטער בוימ אימ טוט דאָ באנק;
ס'קאָנ יעדער ווינט דאָ פונעמ קאנט אימ א באגריס טאָנ
אונ אימ ארומנעמענ אונ אויספּליעסקענ: — טרובא!

זע, ווי דער פרילינג גיט זיכ בראָיענד א צעברענ איצט,
זע, ווי אינ בלױונג אונ אינ גרינס ער טוט אונדז אָנ. —
מיט יאָרנ צריק דורכ אָט די וועגנ צו א גרענעצ
געפירט אפּ שלאכטנ האָט טרובא אנ עשעלאָנ.

איצט אײַלנ צוגנ זיכ אפּ פרידלעכע מארשרוטנ,
די ערד צעבליט זיכ איצט מיט ליבע אונ געבוי;
ער וואָלט ארויפגעגאנ א הוילער פונ זײַנ רו דאָ,
אזוי געגאנגענ ביז די קני וואָלט ער אינ טוי

נ'געזאָגט וואָלט ער צו יעדערנ אזוי:
— אפּ זיבנ גרענעצנ מיר האָבנ זיכ געשלאָגנ,
אפּ זיבנ גרענעצנ מ'האָט פאנצער־וועגט געזוימט,
אפּ זיבנ גרענעצנ געפאלנ ווי א האָגל

פאר אָט דער ערד, פאר אָט דער נאכט, פאר אָט דעמ פרילינג,
פאר אָט דעמ פרידלעכנ געאָרעמ מיטנ ווינט. —
נאָר ס'שנײַדט דער צוג, אונ צײַט האָט ניט באוויליקט,
נאָר ווײַטנ אפּ אנטקעגנ טראָגנ זיכ געשווינד

מיט רויך פון שמעלץ, מיט פעלד־געדוך פון האָניק,
מיט לעצטע קאנעצלעך אריַינגעדרייט דערשראָקן;
און כוואליעס רײַסן זיך: — רעווע טא סטאָנע,
און ברעגן בראָיען דאָרטן: — דניפּ שיראָקי...

ס׳הערט איַין טרובא זיך, פאָרנדיק אין צוג,
אים דוכט זיך אויס, — ער הערט זייער געשריי דאָ.
אים דורכן לײַב גייט דורך אזא מין צוק,
ווי דאָס וואָלכן פון דניעפּ געשריגן זײַנע זיידעס.

און מעלדן פאָרט ער זיך עס איצט צו זיי דאָרט,
צו גאסט ער פירט זיי איצט אן עשעלאָן;
עס ווערט אים הייס: — נו, גרייט זיך דאָרטן, זיידעס! —
די אויגן גיבן אין דער נאכט אריַין א לאָפּ:

ער וואָלט מיט ליפּן זיך איצט צוגעלייגט צום פאָל נאָכ,
אן אָנגעגאָסענער מיט רײַפקײַט און געוואג,
און צו זײַן יוגנט אויסגעדונערט: — „Полный!“
ווי אפּן דעק פון שיפּ אין ווײַסע נעכט פון דער ניעווא.

און ווי א הויפּן פאלנדיקע שטערן
גיבן זיך יאָרן פאר דערמאָנונג א צעשיט;
ער זעט זיי — שטײַפע, שטייניקע און שווערע,
ער זעט זיי — קלעטערן אפ מאסטן פון דער שיפּ.

נאָר ס׳שווימט פארבײַ די שויבן א וואָקזאל,
א צוויי־דרײַ פײַערלעך און עמעצנס באנאכטיק קאָל דאָרט,

עס לויפט דער צוג, די ווײַטקײַט ער באפאלט,
די נאכט מיט פונקענ ער באשפריצט דאָרט אונ באגאָלדיקט.

אונ ווידער אזא פײַפ א דויערדיקער אײנער,
וואָס גיט א ריס דאָס אינגעווייד פונ שטאָל,
פאר פינעפ — זעקס פאָלסטאנקעלעכ אינײנעמ,
פאר פינעפ — זעקס פאָלסטאנקעס מיטאמאָל.

צוויי שטראָמענ ליכט — ווי זילבערנע צוויי הערנער,
צוויי שטראָמענ ליכט — ווי בויגנס אינ געיעג;
דער הימל לויפט פארבלאָנדזשעט צווישנ שטערנ,
די ווײַט קומט אָנ אונ לײגט זיכ אפנ וועג

מיט שרעק, מיט ווינט, מיט בלענדיקײַט געפאסיקט,
צופוסנס אונטער ראָד זי פאלט דאָרט צו,
אפ צוויי צעלאָזטע אונ באלויכטענע לאמפאסנ
שנײַדט דורכ אפ העלפט די פינצטערניש דער צוג.

לאמטערנס צוויי — אפ זײַנ געפאנצערטנ צוקאָפּנס,
אונ די געוועלטיקײַט אפ שטרעקעס אים געהערט,
אפ מײַלנ ווײַט — די קאָליעס ציטערנ אונ קלאפנ,
אונ ווײַטנ מעלדנ זיכ אלײנ ווי צומ פארהער.

אונ צומ פארהער קומט אויכ די אלטע היימ
די אויסגעהוילט אונ וויסטע, —
זי גיט דאָרט שאָלעמ אָפ פונווײַטנ מיט געוויינ,
אונ נידעריק ביז דר׳ערד צו יערערנ זי גריסט זיכ...

ווערבעס טריבע,
מיט בלינדע שטיבעלעך פארשטאָכן אין דער ווײַט;
מע פאָרט מיט שנעלן דורכשווינד זיי אריבער,
מיט גרילץ פון צוגן יאָגט מען זיך פארבײַ.

וואָס קערן זיי די דורכפאָרער פארבײַיִקע דען אָן זיך?
וואָס גריסן זיי אזוי זיך נידעריק־פארנײַעט?
נאָר ס׳גיט דער ווינט א ברעך זיך און א בלאָנדושע,
דער וועג גיט נאָך אפ זיי אן אומעטיקן טײַט:

אָט דאָ ניט ווײַט — געלאטעט און געלעכערט,
אָט דאָ ניט ווײַט — פריטשמעליעט און געלענקט, —
זיי זיצן נאָך אין אש און קראצן זיך די דעכער
מיט אָפּגעברענטע קראָקוועס, ווי מיט אויסגעדרייטע הענט.

אָט זײַנען זיי — פון ראנד ביז ראנד צעוואָרפן,
ווי טאָרבעס אָנגעפילט מיט טרויער און מיט שרעק;
שוין אומעטום געווען זײַנען זיי אָרכים
אף גאָרער ערד — פון עק ביז עק.

און איצטער האָט א ווינט זיי דאָרט צעהוידעט,
ער טרײַבט זיי איצטער סווישטשענדיק ארום
זיך אויסטרייסלען דעם אָטעם פון די בוידעמס,
און אויסברעכן דעם טרויער ביזן גרונט.

---

און ס׳שפאנט טריבא פונ א װאגאָנ אינ א װאגאָנ:
דאָ צאנקענ בערד, דאָ צאנקענ אױגנ קאליע, —
ער קאָנ דאָ קײנעמ ניט און אלעמענ ער קאָנ,
אנ אײגענער איז ער דאָ גלײַכ מיט אלע.

ס׳איז אינ ברעזענט דאָ יעדערער פארמאכט,
די קעלנער אופגעשטעלט, מיט שאליקעס פארצױגנ;
עס װערט זײַנ אומעט שװארצער פונ דער נאכט,
װענ עמעצער פונ זײ שטרעקט אױס צו אימ די אױגנ.

ער קוקט אינ שױב. די נאכט איז הױל,
... זײ פאָרנ אזױ לאנג ארומ שױנ אפ די באנענ,
און אײנער גענעצט אױס דעמ אנדערנ אינ מױל:
— און װיפל טעג צו פאָרנ איז פאראנ נאָכ? —

און זיכער איז אזױ דאָס פאָרנ מיט דער באנ
און גוט, װאָס איז פאראנ אזױפיל מײַלנ;
מע זעצט זיכ אױס א באנק אנטקעגנ באנק,
מע זעצט זיכ אױס מ׳ט מײַלער קעגנ מײַלער.

מע דרײט זיכ אײַנ, מע סאדערט זיכ די רוקנס,
און אײנער טונקט אינ צװײטנס זאלצ דאָס ברױט,
און אײנער בײַסט מיט צאָנ מיט אײנציקנ א שטיקל צוקער,
װי ער װאָלט דעמ דאָס גאנצע לעבנ אָנגעטרױט...

און עמעצער באדארפ א מעסער, —
עס ליגט אפ זײַנע קני א הערינג, װי א קינד —



644—2

אימ דוכט: — ער האָט עפּעס אינ דר'היימ פארגעסנ,
עס זייַנענ בא אימ אויגנ בעלמעדיק פארקילט...

אונ איבער דעמ צעלייגטנ שטויב אונ ברוכ
שטעקט איינער אויס א יאָלעמדיקנ קאָפּ אהערצו;
ער קאָנ איבער די טאָרבעס אונ געפּעק ניט דורכ,
אונ עפּעס א באקאנטער קאָל אימ אינ דעמ טומל הערט זיכ...

פונ זיכ אליינ ער לויפט אונ רייַסט זיכ — קוימ א גאנצער,
עס האָבנ אויסגאנגענ אימ, דאכט זיכ, שוינ פארפעלט;
נאָר דער קאָנדוקטאָר שטעלט אימ אָפּ: — ס'איז ניט קיינ סטאנציע,
נאָר דער קאָנדוקטאָר איז אינ קאס: — מיר שטייענ דאָ אינמיטנ פעלד!

עס גייט די וועטשערע די אָרעמע נ'וואגאָנ,
מ'האָט שוינ געפּארעט טיי, מע בלאָזט שוינ אונ מע סמאָקעט;
ס'באווייַזט פונ ערגעצ זיכ א קאָפּ. ער קוקט זיי אלע אָנ,
צו אימ גיט זיכ א לאָז א זאָקנ — אויסגעמאָגערט —

אונ מיט דער באָרד אינ אימ זיכ א פאראנקער:
— כ'מיינ אייַכ, כ'מיינ טאקע אייַכ אליינ! —
ער ציט זיכ אויס אונ פרעגט דאָרט מיט דער האנט אימ:
— כ'מיינ, עפּשער האָט איר, כאווער, — ניינ?

דערמאָנט אייַכ נאָר, —
א פרייַע פּיליזשאנקע...
איר זייַט מיר אזא קאָנטלעכער,
אזא באקאנטער! —

ס׳פארשטאָפּט זיך אים דאָס מויל
מיט שרעק, דעם זאָקן,
די צונג ער דרייט און קנוילט
און סמאָקעט:

— איר זעט עפּעס סאָוועטסקע וולאסט וואָס דאָ איז?
סע פעלט אונדז דאנקען גאָט דאָ ניט קיין האָר;
עס זאָל נאָר אזוי וועלן גיין דער פּאָיעזד
נאָך א הונדערט צוואנציק יאָר,

מע זאָל אפ יעדער סטאנציע פארען טיי,
און ברויט זאָל מען אפ יעדער סטאנציע געבן —
איז וואָלט מען זיך שוין ווי־ניט־איז געטיילט
און ווי־ניט־איז שוין אָפּגעשטופּט דאָס לעבן... —

די אלטע שרעק פארלייגט דאָס קאָל אים:
— מישטיינסגעזאָגט, וואָס דארף א ייִד — א סאך?
איר זייט, דאכט זיך, דער קאָדניער באלעגאָלע,
הא?

דערמאָנט אייַך נאָר,
ווי רופט מען אייַך — דערמאָנט אייַך, —
איר זייט מיר אזא קאָנטלעכער,
אזא באקאנטער!..

## 3

דערנעבן אין קופע האָט זיך געטומלט און געראַשט,
מ׳איז דאָרט געשטאַנען אויסגעפּוצט אין היימישע וואַטניקעס;
און אַווראָם־הערש דער בריגאַדיר האָט דאָרט געגאָסן פון א פלאַש
נ׳אָפּ יעדן וואָרט האָט ער זיך לאַכנדיק פאַרהיקעט.

געקרייצט האָט זיך ס׳געלעכטער מיט דעם פייַף פון צוג,
מיט גרילץ פון שטאָל געפּלאַצט האָבן די פלעשער;
א פּאָרע — אין דער הייך. דאָס ליכט זיך מאָרדעוועט און טוקט,
עס שליידערן זיך הענט געזונטע, ווי באַם דרעשן.

די קעפּ פאַרוואַרפן זיך פאַר גרינער שאַרף פון בראָנפן,
אָט איז טרובא. מיט אויגן איבער שקאַליקעס א פיר,
אין שמייכלט קלינגענדיק אַרויס און אָפן:
— א נעכטעלע פון זעלבסטעט־קייט, א, בריגאַדיר? —

עס גיט בא אלעמען דאָס האַרץ א טיאָכקע,
א פריילעכקײַט בא אלע כאַפּט זיך אָן אין בליק;
נ'וועגן איינער פרוּווט זיך אופהייבן פון אָרט דאָרט,
גיט מיט דער באָרד דאָרט אווראָם־הערש אזא קאָמאנדע: — ליג!

מיט ווינטשעוואניעס גרויסע אָנגעפילט זײַן קאָל איז,
די גלאָז דערלאנגט ער טומלדיק דעם גאַסט:
— ס'איז ניט קיין מאשקע! — ס'פאָרן באלעגאָלעס
פארדינען ברויט בא דער סאָוועטסקער וולאַסט! —

עס האָבן הענט געהויבן זיך, ווי פוזשעלעס, אָן בײַטשן,
געסמאָקעט מ'האָט די גלאָז די איינציקע אף א וואגאָן,
דער צוג פון דר'היים געווען איז זייער ווײַט שוין, —
ס'האָט קיינער פון צוריק שוין טראכטן ניט געקאָנט.

האָט אווראָם־הערש געזעגט אין דר'הייך דעם בריגאדירסקע גאָרגל
און מיט דער פלאַש געטוליעט זיך צו יעדער פאָר:
— נעווײלעס! אָן דער בײַטש זאָלט איר מיר דאָרטן נאָכגיין,
ווי ס'זײַנען פערד בא מיר געגאנגען צוואנציק יאָר. —

ס'האָט גלײַך זיך אָפּגעטאָן פון אלעמען דער ראַש,
געווישט דאָס מויל האָט אווראָם־הערש זיך מיט דער פאָלע
און אף כּרובאַן האָט אווראָם־הערש געטײַטלט מ ט דער פלאַש:
— איז זאָל מען ווּיסן, אז א באלעגאָלע איז א באלעגאָלע!

געזעגנט, פארפרוּווט, זיך אויסגעגלײַכט און — אײַדא!
און איצטער, באלעגאָלעס, אײַנגעשפּאַנט זאָל זײַן —

לעכאים, באלעגאָלעס, לעכאים, ווי בא לייַטן, —
און פון דער פלאש האָט ער אליין דאָס לעצטינקע דערזייַט.

מיט קלומקעס און מיט זעק פארוואלגערט דער וואגאָן איז.
ניטאָ קיין פלאצ אפ אויסציילן א שפאן;
פון שטעטל אופגעהויבן האָבן זיך די באלעגאָלעס
און אָפגעלאָזט אפ ארבעט זיך — צופוס און מ׳ט דער באן.

זיך אויסגעפוצט ביז לעצט — אין אויסגעקראָכענע, אין אלטע פעלצן,
און ביזן הימל אויסגעוידלט זיך — אפ קאָשער און געדיכט,
און אווראָם־הערשן אויסגעקליבן פארן עלטסטן,
און אווראָם־הערשן אויסגעקליבן פארן בריגאדיר.

נאָר אָפגעזונדערט אין א ווינקל איז געזעסן זאָול,
ווי אזא קוואָקעדיקע הון אונטער א זיפ,
דאָס פליכעוואטע פאָנעמ איז בא אימ געווען פארבלאָזן,
און אלעמאָל האָט ער א לעק געגעבן זייַן צעהאקטע ליפ.

ס׳האָט אימ זייַן פערד אין מויל אמאָל געטאָן א נערעק,
אז ס׳האָט די ליפ געפלאצט בא אימ אפ העלפט,
נאכהער איז עס פארוואקסן זייער ניט געהעריק:
א האלבע ליפ — אהין, א האלבע ליפ — אהער.

נ׳געדאכט האָט זיך, אז ער האָט אָנדערהאלבן מייַלער.
איז ער געזעסן אין א ווינקל און געקרעכצט,
און אווראָם־הערש ט׳אימ פאָרגעהאלטן אלע ווייַלע:
— וואָס דרייסטו מיט די זיבן מייַלער, זאָזל, לינקס און רעכטס? —

און ס'האָט זיכ אווראָמ־הערש געבעטנ בא אימ ראכמימ:
— קרעכצ ניט, זאָזל־לעבנ! קרעכצ ניט, כ‌ִיעס,
פארשטער אונדז ניט דעמ וועג! וואָס האָסטו זיכ צעיאכמערט,
נעוויילע מ‌ִיעסע וואָס דו ביסט?

און ווידער — טומלדיק, און ווידער — ראשיק,
און צומ פארבײַסנ ברויט ווערט פײַערלעכ דערלאנגט.
א יעדער זוכט עפּעס פארזאָרגט אינ זײַנע טאשנ,
בא יעדערנ אינ קלומעקעס זיכ גליטשט די האנט.

מע גיט אפּנ וואגאָנ דעמ רייעכ פונ ציבעלעס א לאָז אָנ
אזוי, אז טרערנ שפּריצנ פונ די אויגנ ווי פונ גאז;
און ציבעלעס מע עפנט אופ די בײַכיקע, ווי רונדע מאָזערס
מיט גאָלדענע קאָפּערטעס טרישטשענדיק געפּאסט.

מע קיצלט זיי, מע טאפּט זיי און מע דרייט זיי — און סע דאכט,
אָט באלד וועט מענ זיי אָנצ‌ִינ‌ְנ ווי אלטע גראָבע זייגערס,
און זיי וועלנ צעקלינגענ זיכ — פארצײַטיק צארט,
ווי ס'האָבנ גלעקער באלעגאָלישע געקלונגענ בא די זיידעס.

און — קיינער ניט קיינ וואָרט. מע קוקט זיכ נאָר ארומ.
מיט נעזלעכער — מע פרעגט. מיט נעזלעכער — מע ענטפערט.
מיט נעזלעכער — מע מרוקעט: — המ.. הומ...
און ווער — סע רוקט זיכ אָפּ, און ווער — סע רוקט זיכ נענטער.

און ס'הערט זיכ דער געכראָמק, און ס'הערט זיכ דער געראנגל
פונ ציבעלעס, גענומענע אפּ אופגעבראכטע ציינ;

זיי וואַרפֿן פֿון אַ יאַסליע צו אַ יאַסליע זיך דערלאַנגען,
און אַ יעדער מוסקול גלײַך ווי קוועקזילבער דערציילט:

ווי זיס ס'זײַנען די ציבעלעס, ווי ס'שפּריצט פֿון זיי מיט שפּײַעכץ,
ווי ס'גלוכט זיך נאָך אַ הערינג אַ געזאַלצענער צו זיי.
און די ציינער מאָרדעווען זיך, און די ציינער שרײַען,
פֿון איין זײַט אַף דער אַנדערער — צעמאָלן און צעזייט.

און די נאַכט איז לאַנג, זי ציט זיך דאָרט אַף מײַלן,
און אַ ווינט דאָרט ערגעץ בושעוועט און דרייט;
איז ווישט מען זיך מיט אַרבל מעכטיק אָפּ די מײַלער,
מע צעקעמט די בערד מיט פֿינגער ווי אין דר'היים.

דערנאָך שטעקט מען אַרײַן די קעפּ נאָך אין די קלומקעס,
פּונקט ווי אין די טאָרבעלעך פֿאַרגראָבן זיך די פֿערד,
און מע ציילט ס'געבליבענע — שווער אַזוי און אומעטיק,
און ס'גלוסט זיך יעדן אײַנציקן אַ וואַלגער טאָן אַף דר'ערד.

נאָר ס'רײַבט זיך אוראָם־הערש די אויגן מיט דער פּאָלע
און שטורכעט יעדן איינעם, ווי אַן אָנגעכּווישטן זאַק;
— דאָס איז ניט קיין וועטשערע, כאַווײרים באַלעגאָלעס,
ס'איז מיט די סאָוועטן, באַלעגאָלעס, אַ קאָנטראַקט! —

און מיט אַלטע קלומעקלעך דורך פֿענצטער אויפֿגעמאַכטע,
און מיט ווײַט־אַרויסגעשטעקטע נײַגעריקע קעפּ
איז צו דאָרט צום וואָקזאַל דער צוג, ווי אַזאַ וואַכטע,
אַף רוישיקן געפּליעסק פֿון אופֿגאַנגדיקן דניעפּ.

# 4

פֿונ מאַקײעווקער זײַט — דורכ פּרימאָרגיקע רוימענ געראמע,
מיט גאָלדענע בערד, ווי מיט שטיקער באַגינענ געלאַטעט,
זײַנענ מאַכנעס געגאַנגענ צופֿוס מיט אָפּצווענגעס אונ האַמערס,
זײַנענ באָכורימ געגאַנגענ, געגאַנ זײַנענ זיידעס אונ טאַטעס.

געשפּרייט האָט א גלאַנציקער וועג זיכ מיט קוילנ פֿאַרפּראָשעט,
געשווינדלט אינ דר'הייכ האָט א וועג פֿונ קאַנאַט אינדערלופטנ;
זײַנענ די מאַכנעס געגאַנגענ גוט-מאָרגעדיק אפֿ זאַפּאָראָזשיע,
אונ ס'האָבנ באַטראַקעס אזוי אפֿנ טאַמ דעמ באַגינענ געפּרוווט דאָרט.

אונ די זונ, ווי א גאָלדענער קויש א געפּילטער מיט זאָמענ,
איבער שטאָלענע טאָפּאָלס אונ שטרעקעס פֿאַרוויקלטע רויכנ, —
האָבנ באַטראַקעס פֿאַרקוקט זיכ, ווי ס'שוועבט דאָרט די זונ אינ די הויכנ
צו די מײַלער פֿונ שמעלציקע אויוונס אונ באַרגיקע דאָמנעס.

—ווילקאָמענ, סעזאָניקעס פּעסטע, מיט בערד מיט פארזאָרגטע,
ווילקאָמענ, באטראקעס, מיט הענט מיט געשטאָלטע אונ שטילע!
אזוי פריש איז דער אָטעמ אינ סטעפּ אונ די זונ אינ פרימאָרגנ,
אזוי גוט אונטערוועגס אפנ סטעפּ איז צו כאפּנ א פרילינג!

אזוי פריש אפנ סטעפּ איז דער וועג מיט די גראָזיקע ווײַטנ,
מיט געפּענטעטע פערד אונ צעוואָרפענעמ ווילדגראָז אפ פּאשע;
אז עס שמעקט אזוי זיס מיט באשטאנעס אונ האָפּנ אונ קרײַטער —
איז געזעצט זיכ אינמיטנ דעמ סטעפּ אונ צעוואָרפנ זיכ פריילעכ אונ ראשיק,
אונ צעעפנט די טאָרבעס אונ קלומקעס — מיט כודאָבע איניינעמ א קײַ טאָנ.

אונ עס רײַסנ מיט כיישעק זיכ אופּ אלטגעבאקענע קאָרענע לאבנס,
אונ עס וואָרפט זיכ א מעסער פונ האנט איבער האנט, ווי א זוניקער בליצ דאָרט.
אָנגעכמורעטע טעסלער פארזאָרגטע אונ מוליער אונ זעגער אונ גראבער
מיט די בלײַשטיפטס — א מעטער די לענג — אונטער שטערנס צעהיצטע:
א רעגע — ווערט גרייט א געצעלט! אינ א צווייטע — ווערט פארטיק א טאבאָר!

געשמאק איז צו כאפּנ א נאכט אפ די טו־יִקע סטעפּעס אוקראינער,
געשמאק דעמ קאיאָר איז דורכ טוי אונ דורכ פײַפעלעכ פונ פאסטעכער הערנ, —
ס'גייענ בלויקײַטנ צו אזוי נאָענט צומ מויל, ווי צעיויערטע ווײַנענ,
ס'קאָנ א יעטווידע רעגע ארויס פונ א זײַט א כאליאסטרע ציגײַנער
מיט פארפלאָכטענע שטערנ אינ צעפּ אונ מיט ציינער, צעבליצטע ווי שטערנ.
איז ווילקאָמענ, סעזאָניקעס, פּעסטע, מיט בערד, ווי מאכאָרקע,
ווילקאָמענ, באטראקעס, מיט הענט ווי געשטאָלטע קריסילעס, —

אזוי פריש איז דער אָטעם אין סטעפּ און די זון אין פרימאָרגן,
אזוי גוט אפן סטעפּ אונטערוועגס איז צו כאפּן א פרילינג.

האָט מען געמאכט א האפסאָקע אין גאנג. זיך געזעצט נעבן ריוו דאָרט,
האָט מען צעעפנט די טאָרבעס און קלומקעס פון ווײַטינקע היימען, —
היטלען — אראָפּ! און טשופּרינעס, ווי בלעטער פוןביימער,
און מאָגערע סאלע, אין יעריקע וואָבלע, און ברויטיקע ריפּטלען,
און קאווענעס שווערע, ווי קעפּ, אין מע שפּאלט — ס׳איז אן איימע!

געקיפּט האָט מען קאווענעס גרויסע. ס׳א פרייד — אומגעהויער!
געמאכט מ׳האָט אין וועג נאָך א בײַט און א הילכיקן האנדל, —
געקיפּט אף באשטאנעס מ׳האָט קאווענעס פעסטע און רויע,
געפּרוּווט אין די קאָרענע הענט און געפּלעטשט אין די ראנדן,
און יעדער באזונדער האָט צוגעלייגט הארט צום פּארוואקסענעם אויער:

— עס טרישטשעט! — האָט יעדער באזונדער געשריגן אף זײַנער, —
עס טרישטשעט ווי שניי אין א פּראָסט אונטער טריט און מיט פּײַער געסילעקט;
דער ערשטער אראָפּנעם מיט גליק פון באשטאנעס, אוקראינע!
באטראקישע בערד פון מאכאָרקע און העמדער פון היימישע לײַנען
און פּארהאָרוועטע הענט ווי געפּרוּווטע, ווי אלטע, ווי גוטע קריסילעס!

און אלע מיט קאווענעס פעסט צו די בײַכער ווי קעפּ פון געליבטע,
און אלע מיט קניפּעקלעך טעמפּע פון כאָליעוועס שטיביקע, דארע —
מיט אויגן פארלאָפּענע, מילדע און שטארע.
און ס׳דאכט זיך: די בײַכער די אייגענע שנײַדט מען אף ריפּטלען.
מע ריפּטלט, מע פערטלט די בײַכער, און זאפּטן ווי בלוט זיך צעטריפּטן!

מע פּראַוועט אַ פֿרישטיק אין סטעפּ נאָך אַ נאַכט אַ געשמאַקער,
און ס'פּליוסקען זיך קערלעך פֿון מויל און פֿון בערד און פֿון וואָנצעס.
ס'זעט אײנער דעם אַנדערן אויס אַזוי פֿרײלעך און גוט און טשיקאַווע,
די מײַלער פֿאַרשטאָפּטע מיט ברויט און מיט זאַפּט און מיט שמײכלען
געשמאָלצן,
און ס'ציט זיך אַ שטילער געאַמפּער דורך פֿלײשיקע קערלעך פֿון קאַווענ.

אַזוי גוט איז די ערד, אָט די אַלעמענס ערד, ווער מיט מי נאָר
ס'באַטרעט זי.
כאָטש נעם זי אַזוי אָפּ די הענט ווי אַ גרויסן אַ זאַפּטיקן קאַוון —
און שנײַד פֿון איר ריפּטלען און וויג זי און גלעט זי,
און זאָג צו איר — מאַמע, און זאָג צו איר — ברודער, און זאָג צו איר —
כאַווער.
אַזוי גוט איז די ערד, אָט די אַלעמענס ערד, ווער מיט מי נאָר
ס'באַטרעט זי.

— נו, איז עסט צו געזונט! און זיך זעטיקט! און ווײל זאָל עס, ווײל
אײַך באַקומען!
דער סטעפּישער פֿרישטיק איז זיס און מיט שמעקעכץ פֿון קרײַטער
פֿאַרציט ער,
דער טאָג איז צעעפֿנט — אַ מילדער, אַ הײמישער קלומעק,
די זון ז'ווי אַ פֿרישער, אַ זאַפּטיקער קאַוון צעשניטן.

און דער וועג פֿון גודראָן איבער סטעפּ, און דער וועג פֿון קאַנאַט איבער
יאַמען,
און עס שוועבן וואַגאָנעס אין דר'הײך מיט געזאַנג און מיט לאַנד און
מיט לידער,

און עס דרייען זיך קעפ בא באטראקעס פארהויבן אין דר'הייך, ווי די האמערס, —
האָט לֿוקא דער באטראק זיך א הייב געטאָן, — ברידער! —
און א סמאָקע געטאָן צו די ווײַטן: — טראסץ אין דער מאמען!

ס'האָט קיינמאָלֿ קיין ערד ניט פארמאָגט אונדזער גראד אלֿע יאָרן,
ס'האָט קיינמאָלֿ קיין פי ניט געהאט אונדזער גראד אפ צו לֿינדן די לֿאסטן,
און אזא מין ווי איך — האָב איך מער ניט געהאט ווי דעם זאסטעפּ,
און אזא מין ווי מיר — האָט אפ יעטווידער פאסקע געבאָרן
די לֿוקאעכע מײַנע א יונג. גלֿײַך פון בויך — מיט א בײַטש — און א פאסטעכ!

און אָפּגעשפּאָרט האָב איך אזוי-אָ די גרייס — ווי פאסטעכער דרײַ,
און אָפּגעשפּאָרט האָב איך אזוי־אָ די גרייס — ווי יונגען געטרײַ,
דערנאָך זײַנען דרײַ דאָרט זיך שלֿאָגן געגאנגען פאר דער פרײַ,
און אזוי-אָ די גרייס — ווי יאָר-אויס און יאָר־אײַן,
און זיי זײַנען דאָרט, זאָגט מען, צו די באָלֿשעוויקעס ארײַן!

און דערנאָך איז אוועקגעגאנגען א צײַט און ס'איז איינער געקומען אין דאָרף,
און גערופן א סכאָד און געהאלֿטן א ראַט
און געזאָגט האָט ער: — אלֿע פון די פון באטראקישן גראד
דארפן אלֿע אינאיינעם — אהין און אהער — און כ'פארשטיי ניט קיין וואָרט,
אז ס'האָט קיינמאָלֿ קיין ערד ניט געהאט אונדזער גראד.

און איצט, — ווישט דאָס מויל זיך לֿוקא, — אז מ'עט קומען צו נײַע פאראָמען,
איז אזא מין ווי איך און ווי מיר און ווי אלֿע
איז גיב איך א שטעלֿ זיך אוועק און א זאָג: — „כאווער סטאלֿין,
אָט האָסטו די האק און אָט האָסטו דעם זאק און די זעג מיט די לֿאָמען,
און איך גיי מיר ארײַן אין דער וולֿאסט אפ באגלֿײַך און מיט אלֿע!“ —

און שטיל שאָקלען צו די באַטראַקעס מיט שטויביק־באַוואַקסענע קעפּ,
עס טראָגט זיך נאָך שטיל דער פּאַרצוק פון די ציין אין די שטרעקעס, —
און שטיל איז אין סטעפּ,
עס הערט זיך דער זאַפּטיקער שליאָפּ פון די ליפּן אין זיסקײַט פאַרקלעפּט,
ווי דער צופלוס פון כוואַליעס צו זאַמדיקע ברעגן...

דערנאָך לייגן שאָלן פון קאַווענעס אויס אַפן סטעפּ זיך פאַרוויגן,
ווי שאַרבנס, ווי אויסגעפּיקט ליידיקע שאַרבנס אַפן שלאַכטפעלד,
און ס'שלאָפן די וואָגנס — אַף ווײַטן — פאַרשפּאַרטע,
כוד אָבע טרײַבט אָפּ מיט די לופּטיקע ווײַדלען מיט האַרטע
פאַרלאָפענע מענגעס קאָלירטע און בײַסיקע פליגן.

און דער טאָג הייבט זיך אוף, און די זון אַף צעבלעטערטע קעפּ איז,
עס זינגען די ווײַטן מיט שמעלץ און מיט לופּטיקע ווענן;
עס זײַנען באַטראַקעס געקומען, מע גייט מיט די העק און מיט זעגן,
אָט זײַנען זיי — אָט! אַף די אייגענע בערג אין קאַריערן און סטעפּעס,
און עס גייט מיט צעשוימיקטן: בלוי זיי אַרויס אַף אַנטקעגן דער דניעפּער.

## 5

געגאַנגענ מ׳איז דורכ ווו נאָר ס׳איז פאַראַנ א וועג,
געגאַנגענ מ׳איז דורכ ווו עס איז פאַראַנ א שליאַכ נאָר.
אפ שטרעקעס וויַיט ארומ האָבנ געוועקט
די פעסטע טריט פונ גייענדיקע מאַכנעס.
אפ שטרעקעס וויַיט האָבנ זיכ בערג געבויגנ
צומ דורכגאַנג פונ גרויסאַרטיקע באַוווּסטע אירע,
געשולטע לאַנד-מייַסטערס פונ שלאַכט אונ פונ געבוי,
באַרימטע טעסלערס, שטיינהעקערס אונ בעטאָנירער.
עס האָט אינ ערגעצ זיכ ניט אָפּגערוט קיינ וועג,
מיט טריט האָט זיכ קיינ וועג אינ ערגעצ ניט געזעגנט;
געגלאַנצט האָבנ אפ פֿלייצעס אויסגעשלייַפטע העק,
געשפיגלט אינ דער זונ האָבנ זיכ בליאַסקענדיקע זעגנ.
אונ צו דעמ שטראָמ פונ לייַט איז ניט געווענ קיינ עק,
אונ צו דעמ איבערשטראָמ איז ניט געווענ קיינ אויפהער,
אפ שטרעקעס וויַיט ארומ האָבנ די טריט געוועקט,
אפ שטרעקעס וויַיט אינ דר׳הייכ האָבנ די טריט געטופעט,

ווי כמארעס אָנגערוקט זיי האָבן זיך צו נאכט.
און ניט געקאָנט דער ברייטער בארגעדיקער ברעג האָט
דאָרט אלעמען באזאָרגן מיט א דאך
נ'באזאָרגן אלעמען מיט א געלעגער.
באלייגט איז שוין געווען דער גאנצער ברעג
מיט אופגעפליגלטע געצעלטן און באראקן,
ווי גרויסע ברויטן אויסגעזעצטע אפ א ברעט, —
זיי זאָלן אפ דער זון א קאפ זיך נאָר דערבאקן,
נאָר ניט באוויזן אופצושטעלן האָט מען דאָך
אזויפיל פאר א טאָג — אריַינעמען ס'זאָל אלע;
געגאנ און אָנגעקומען זײַנען נאָך,
עס האָבן מענגעס אפ די וועגן זיך געכוואליעט.
און אומצופרידנקײַט געזאָטן האָט אין קעפ,
און פון די שטארקע בערד געזאָטן האָט פאריבל.
נאָר א געפאלמעסטער געלעגן איז דער דניעפּ,
געפאסט אין זאמד אין זוניקן פון זײַטן — קעגניבער.
געשטאנענ זײַנען זומערדיקע ברוינע טעג,
אזעלכע זוניק־אָנגעפילטע, גינגאָלדענע טשאנען.
האָט די געקומענע טרובא אפגיך דערווײַל צעשטעקט
א ווו־ניט־איז — ביז וואָס, ביזוואנען,
בא זיך, בא צווייטע און בא ענלעכע — צו גאסט —
ווו נאָר מ'האָט ניט דערווידערט און געלאָזט זיך.
און ווער עס האָט א נאכט גענעכטיקט אפ דער גאס,
און ווער ס'האָט ערגעץ־ווו זיך אויסגעמאָסטיעט,
און איינער ז'אומגעגאנ א גאנצן טאָג,
געזוכט, גענישטערט ביז פארנאכט דאָרט;
און צו טרובאנ מיט פרייד געטאָנ ס'האָט אים א טראָג:
— פאראנ! א ווירונג! אויסגעצייכנט! פארטיק! —

— פאַראַן? — געוווּנדערט זיך טרובאַ מיט אַלע האָט. —
אַזוי, נישקאָשע פון אַן אָרט דאָרט?
— קיין בעסערס דאַרף מען ניט. אַ פּאַלאַץ! ס'איז איין באָד;
און איצט בין איך געקומען, כאַווער, נאָך אַן אָרדער! —

טרובאַ געשטאַנען איז אַ ווײַל געפּלעפּט,
און יענער האָט פון אײַנפאַל אַזש געשוויצט און זיך געשמאָלצן.
— זיך אײַנגעאָרדנט ווי די גרעפּ,
עס קאָן גאָר בעסער ניט געמאָלט זײַן!
אַ גאַנצער קאָלעקטיוו
ז'פאַראַן דאָרט...—

און ס'האָט טרובאַ אַ שלעפּ געטאָן דעם אָטעם טיף,
געגעבן זיך אַ לאַך פאַנאַנדער:
— איז וואָס זשע פעלט אײַך נאָך? אַ ראָגאָזשע און זייף?
אַ בעזעמל אַרויסגעבן זאָל דער פאַרטקאָם אײַך? —
געפּלאָנטערט זיך אַ ביסל צווישן זיי,
ווי עמעצן געוואָלט האָט ער דערקאָנען:
— הומ... הומ... איין באָד
זיך אײַנגעאָרדנט... —
אַנטקעגן אַלעמען געטאָן האָט ער אַ טראָט:
— איז הערט! איז אָן אַן אָרדער
פאַראָרדן איך אײַך בלויז איין נאַכט,
און ניטצעווייקט ווערן זאָלט איר מיר דאָרטן! —

נאָכהער האָט זיך טרובאַ צעלאַכט
און זוכן ז'ער אוועק אַליין פאַר זיי אַן אָרט דאָרט.

## 6

געוועלבט איז דער קאריער, מיט קאלעכענע קופאָלנ צעבראָקט,
אונ שפאלטנ דורכגעפרעסענע זיכ רײַסנ פונ די טיפנ.
ווענ אווראָמ־הערש האָט זיכ פארפוצט אינ גומענעמ אינ לאנגנ ראָק
אונ אָנגעטאָנ די גומענע די הויכע שטיוול,
איז ער געוועזנ ענלעכ צו אנ עלטסטנ פונ אזא מינ שייוועט,
וואָס האלט זיכ אופ אינ היילנ העפקערע פונ בערג;
נאָר ס'איז דער קאלכ, ווי קויטיק אײַז, געשווומענ א געשטרייפטער
אונ אימ געטראָגנ, אווראָמ־הערשנ, ווי אנ אומעטיקנ ווײַסנ בער.

אונ פײַערלעכ איז ער געשטאנענ, אווראָמ־הערש, דער טיפעניש פארטרויט,
ווי אָפגענומענ וואָלט ער דאָ אפנ קאריער גרויסארטיקע פאראדנ;
ער האָט געשוויצט, די אויגנ זײַנענ אימ געוועזנ אָנגעגאָסנ־רויט,
אונ האָט געטראכט, אז מיט א טאנצ וואָלט ער דאָס אויסגעטאָנ אוואדע,
אונ מיט א טאנצ וואָלט ער צוריק די בײַטש גענומענ, אווראָמ־הערש דאָרט,

און מיט א טאנצ וואָלט ער אינ וואָגנ צריק אריַינ;
א זשמעניע היי — א זשמעניע גערשטנ,
און צום וואָקזאל וואָלט ער אוועקגעשמיסנ אינ א קערעפּיַיענ.

אויב אַלע באַלעגאָלעס זיַינענ דאָ, אפנ קאַריער,
איז עס די טיַיטש — אז א וואָקזאַל א לעבעדיקער שטייט דאָרט ליידיק;
און נאָכ געטראכט האָט אווראָמ־הערש, אז ברויט מיט קוילעטש האָבנ
וועט אָט דער,
וואָס וועט דער ערשטער אופהייבנ די פּיס און מאכנ פּלייטע.

נאָר ווענ ער האָט דאָרט אויסגעפּוצטערהייט דערזענ
די באַלעגאָלעס ארומ זיכ אינ שפּיציק־הויכע קאַפּישאָנענ, —
איז ווי א בער ט'ער אופגעהויבנ זיַינע גרויסע הענט
און אויסגעוויאָקעט: — נו, איז וועט מענ מאכנ — שעכעיאָנו! —

ס'הייסט: — שטעלט זיכ, באַלעגאָלעס, אַלע אויס,
און נעמט זיכ, באַלעגאָלעס, ווי מע דארפ, צו דער אווידע!
און זאָל פונ איַיכ די באַלעגאָלעדיקע פּארע גליַיכ ארויס,
און הערנ זאָל מענ ניט פונ איַיכ קיינ וואָרט און קיינ געוויי דאָ!

ס'האָט אווראָמ־הערש אמאָל אזוי די פּארע ניט געשוינט
פונ זיכ אליינ און פונ די מאָגערע פּאריאָגטע שקאַפּעס,
ווענ מיט א וואָגנ איידעלע פּארשוינ
האָט מענ געטריבנ און געיאָגט — מ'זאָל ניט אריַינפאָרנ אינ שאבעס.

ס'האָט קיינער ניט געטאָרט ארויספאָרנ פּאַרפריִ'ר,
געקיניגט ט'אווראָמ־הערש איבער די זיבנ ווערסט געליימטע בלאָטע;
און אויב אנטקעגנ אָנגעקומענ איז א פּויערישע פור,
האָט זי גענומענ רעכטס און אווראָמ־הערשנ אָפּגעטראָטנ.

געוווּקסיק־הויך איז אוראָם־הערש דער באַלעגאָלע,
ס׳געשטופּלט פּאָנעם איז מיט רויטע פלאַמעס פײַערלעך באַהויכט;
ווי נאָר ער פלעגט אראָפּוואַרפן די פּאַסאַזשירן, איז באַלד פאַרהויבן זיך א פּאָלע
נ׳געשטעלט זיך מאַשטן זײַן אין מאַרק באַם פערד אונטערן בויך.

און אויסזידלען אין דר׳הייך די שטאָט די גאַנצע אפן קאָל,
און איבערשיטן זידלענדיק דאָס ביסל סיטשקע אינעם וואָגן,
און ערגעץ אויסזוכן א טשאַסטאָקאָל,
נ׳זיך לויפן שלאָגן.

ער האָט דער איינציקער אין שטאָט פאַרגינט זיך פירן פראָקלאַמאַציעס מיט זײַנע פערד,
אונטערן געזעס פלעגט ער זיי אויסבעטן און זיבן ווערסט מיט זיי זיך טרייסלען
און אין ברעזענטיק־ברייטע היפּטן צוגעקלאַפּט: — אַהער
מעג זיך אליין מאַטריעך זײַן אַרײַנקריכן דער קייסער!

אַפּ א יאַריד איז אוראָם־הערש געגאַנגען זאָגן בלויז מעווינעס
און העלפן אויסדינגען א רעכטן פרײַז;
דאָס אויג — געשלײַפט און קאַלט און גרינג איז,
די ווײַט פאַר אים צעשפּאַרט אליין זיך און צערײַסט.

און בלויז פון דורכגאַנג האָבן פערד אליין געעפנט אים די מײַלער,
און בוזעמס האָבן זיך צעשפּאַרט בא פויערלעך — אליין —
איז וואָס האָט שוין די ווערט געהאַט צו טרעפן
יאָ צי ניין?!

געריסנ האָט מענ זיכ צו אימ פונ יעדער זײַט — אָנ אופהער:
אָט דאָ – א קוק, אונ דאָרט — א פערד פארפרווונ,
אונ אלעמאָל דערלאנגט דער מארק א הירזשע אונ א ריטש,
אונ אלע ווײַלע — טרינקענ גייט דאָרט אוראָמ־הערש מיט עמעצנ מאריטש.

געפלאצט האָבנ די שקאליקעס דאָרט — גרויס אונ קליינע,
אונ אָקעס ביר צעשוימיקט — אינ דער הייכ — אליינ,
דערנאָכ האָט אלצ זיכ אויסגעמישט אינייִנעמ
טאנדעט אונ פעלצנ, גלאָז אונ באקאליי.

אונ פונ אנ אָגער — אונטער ד׳הענט — געוואָרנ איז א שקאפע,
אונ פונ א שקאפע — אונטער ד׳הענט — געוואָרנ איז א קאלב;
אונ אויגנ האָבנ זיכ פארגלײַזט שוינ אונ פארגאפעט,
אונ מ׳האָט די קעפ געשפאָלטנ אפ דער האלב.

אונ אויסגעהאלטנ מיט מוזיק האָבנ כאזיירימ אפ די וואָגנס,
א יעדער בויכ ז׳אנ אָנגעבלאָזנ־מעשענער טראָמבאָנ;
דער מארק דער גאנצער אויסגעמישט אינ איינ פארדרייטנ קאָנ איז,
מע הייבט זיכ אונ מע פאלט אונ יעדער האלט אינ עפעס דאָרט זיכ אָנ.

אונ ס׳רײַסט אינ לופטנ זיכ דאָס ריטשענ פונ כאזיירימ שווער,
פארשטופט אינ דושנע זעק צו גאנצע זעקסנ;
אזוי ווי זיי וואָלט מענ געבראכט אהער,
אז ריטשענ זאָלנ זיי, ווענ אָנהייבנ ס׳ועט דאָ געשלעג זיכ.

עס שוויצט דער מארק. ער טראָגט זיכ ווי אפ אײַז צומ טהאָמ,
אונ ס׳ליסקענ זיכ בא יעדערנ די האלדז־אונ־נאקנס;

א יעדער שרײַט דאָרט מיט די גאָרגלען אויס זײַן קראָם,
און פּענעמער ווי דעכער אין א סרייפּע בייגן זיך און קנאקן.

עס גיט א גרילץ א סעדעכע, ווי עמעצן וואָלט זי באוויינען,
און איינער שווערט זיך מיטן טאָג, און איינער שווערט דאָרט מיט דער נאכט זיך,
און צוגעגאנוועט האָט מען שוין א פּעקל פלאקס בא איינעם;
— כ׳האָב אָקאָרשט עס געהאלטן, — קלאפּט א דריטער זיך אין הארצן.

און איינער אָנגעכאפּט האָט עמעצנס א באָרד
און שרײַט: — אָט איז עס אָט — אָט איז עס! —
און שרײַט: — ס׳איז פּונקט אָט דער קאָליר! אָט האָט איר צו דער פּאָר —
און נאָך א בינטל פלאקס ווערט צום פארגלײַך דעם מארק באוויזן.

און יעדער כאפּט א קוק אפן געפּאקטס,
און אוילעמ — זידט, און אוילעמ — וואקסט,
און יענער מעסט דאָרט ציץ — פארדרייט ווי אפ אן אקס:
— וואָס זאָגט איר, הא? ס׳א באָרד, ס׳י ניט קיין פלאקס!

— וואָס זאָגט איר פלאקס? א וועלכע פּאָר?
— וואָס האָט איר זיך באזעצט אפ מײַנע יאָרן?
— איך בעט אײַך, גייט אוועק! איר וועט מיך שפּעטער רײַסן פאר דער באָרד,
— אז איך וועל אָפּלאָזן דעם אָרל!

— ס׳א באָרד, זאָג איך אײַך, — ייִד!
— וואָס האלטסטו מיך, וואָס האלטסטו!

— ס'א באָרד און ס'א יאריד
— און ס'א נאכאלסטווע!

און אווראָם־הערש איז אינ גערדראנג. ווי האָפּנ בליִען אפּ אים דאָרט די פּליאמעס,

אפּ זייַנע הענט איז א געפּליעסק און ס'ציקלט זיך א גליטש;
ער איז דאָרט בוידעק פלאמיקע פּעגירעס־פּערד צו צענ מיטאמאָל,
און אלע ווייַלע גייט ער טרינקענ מיט אנ אנדערנ מאריטש.

און פונ אנ אָגער ווערט אונטער די הענט — א שקאפּע,
און פונ א שקאפּע ווערט אונטער די הענט — א קאלב;
און אויגנ שיקערע פארגלייַזנ זיך, פארגאפּענ,
און קעפּ צעשפּאלט מענ דאָרט מיט פלעשער אפּ דער האלב.

אזוי האָט אווראָם־הערש פונ יעטווידנ יאריד זיך אָפּגעשפּאָרט
א לאָך אינ קאָפּ, א לעבעדיקע לאָך — בימזומענ;
דאָס בלוט פלעגט אים אראָפּגייִנ ביז דער באָרד,
און ער האָט זי, די באָרד, אינ האנט גענומענ

און בליאסקענדיק מיט זייַנ גרויסארטיקער מעווינעס,
האָט ער דעמ קאָפּ צומ פערדנמארק געטיטשעט מיט דער לאָך
און אויסגעפּינעט:
— שלאָגט, שלאָגט נאָך!

דערנאָך
האָט ער אפּ אָרט צעבלוטיקטנ ארופגעלייגט די האנט
און אפּנ מארק געקוקט מיט א געשנאָרכ,
און צוגעדעקט דעמ קאָפּ האָט ער, ווי שאנד,

און האָט אהיים געשפּאנט,
ווי פון א כופּע־וועטשערע אין מארק אנ אויסגעטאנצטער,
מיט שווערע שיקערלֿעכע טריט —
נאָר ס׳האָט זיך אים פארהײלט אײנגאנצנ
ביזנ אנדערנ יאריד.

און איצטער שטילט זיך אויס זײַנ קאָפּ פון מערק און פון געשלֿעגנ,
מיט קאלֿך גלֿיט ער זיך אויס אינ אונטערערד — אפּנ קאריער;
אינ דר׳הייך דאָרט ערגעצ גייענ זיי געמאָסטענע, די וועגנ,
וואָס פירנ באלֿעגאָלֿעס אויסגעשפּאנטע אָפּ אהער.

זי לֿיגט דאָרטנ אפּ יענער זײַט, די היימ, ווי א געלֿיימטע מאמע,
אנ אָפּגערופענע פון טויט שוינ זיבנ מאָלֿ;
דאָך צינדנ זיך פון בענקשאפט אווראָמ־הערשנ אָנ די פלֿיאמעס,
און ס׳ווילֿט זיך טאָנ א ריטש ווי צענ יארידנ מיטאמאָלֿ,

און זיך דערזענ באמ היימישנ וואָקזאלֿ אינ אלֿטנ באלֿעגאָלֿעדיקנ שטויב,
און גיינ צופוס די זיבנ ווערסט געלֿיימטע בלֿאָטע,
און אָנקלֿאפּנ בא יעדנ שטיבלֿ אינ דער שויב:
— ס׳איז איך! ס׳איז אווראָמ־הערש! — דאָרט אויסשרײַענ דעמ לֿעצטנ אָטעמ.

נאָר אָפּגעשיידט איז ער פון דר׳היימ מיט גראָבער גרעמפּלֿיענדיקער גומי, -
ס׳זאָלֿ ניט אדורך פון דאָרט דער מינדסטער קער;
אָט איז ער, אווראָמ־הערש, פון אזא אָפּגעראשטנ מארק געקומענ, —
אָט שטייט ער דאָ און טײַנעט מיטנ זאסטעפּ צומ קאריער:

די פענצטער פלֿעגט אמאָלֿ צעפּענענ א האלֿבע שטאָט,
ווענ מ׳האָט דערהערט דעמ גלֿאָק פון פערד פון זײַנע אפּ די וועגנ,

און אויסשרײַען מיט פרייד: — סע פאָרט שוין אווראָם־הערשס פײַטאָן! —
נ'ארויסלויפן אפגיך. דערזען. באגעגענען. אנטקעגן.

און איצטער לויפן בערג. זיי רײַסן אופ זיך מיט געפראל,
ס'צעטראָגט דער קלונג דער טויבער זיך אף גאנצע מײַלן;
מע דארפ שוין מער קיין באן און קיין וואָקזאל,
מע דארפ אין ערגעץ שוין אף שאבעס זיך ניט אײַלן...

עס סווישטשעט ניט איבער קיין פערד זײַן אומעטיקע קײַלע,
מ׳ט זאסטעפ טרײַבט ער איצטער אָן די קאלעכענע ערד,
באשפײַט זיך אווראָם־הערש די הענט דאָרט אלע ווײַלע,
פארוקט דעם קאפישאָן און גיט דאָרט א דערמאָן זיך און א קלער:

גוסטירט צו פאָרן קיין אמעריקע האָט ער אמאָל,
ווײַל מיט אזא מין ארבעט, האָט מען אים געזאָגט, איז שארט מען
דאָרטן גאָלד,
און אז עס גיט א גיי אוועק די צײַט דאָרט בעסער,
און אז מע סוויטשעט זיך א ביסל אויס, איז ווערט מען גאָר א פרעסער.

האָט ס'ווײַב מיט אים א פארשע באָלעק אָפגעלערנט דאָרט,
האָט זי, די ייִדענע, אים אָנגעטאָן אין שפאן:
— א באלעגאָלע, — ט'זי געטײַנעט, — פאָרט ניט קיין אמעריקע,
— א באלעגאָלע, — ט'זי געטײַנעט, — פאָרט זיך צו דער באן!

נו, — באן איז באן! — גיט ער דעם שטיין מיט קאס א שפאלט דאָרט,
און — ווײַב איז ווײַב! — גיט ער די הענט מיט רוגזע א באשפײַ:
א שטאָט א גאנצע אף דער צוים האָט ער געהאלטן,
און אליין געלאָזט זיך פירן פון א ייִדענע — א ווײַב...

— איז שטייט ניט, באַלעגאָלעס, — אויס! —
גיט אווראָם־הערש, ווי מיט דער בײַטש, א פּאָכע דאָרט זײַן קאָל אויס, —
דאָ ווען קיין פאַרשווינדלעך ניט אראָפּקריכן פון פאָיעזד,
באַלעגאָלעס! —

נאָר ווען טרובא איז צוגעפאָרן מיט א פּראָסטן פערד און וואָגן
אפּ דורכפירן א מיטינג אין קאַריער —
איז אווראָם־הערש ארויס, א קוק געטאָן צעטראָגן,
פונקט ווי אין ווײַטן אופגעווירענע וואָלט ער זיך אײַנגעהערט.

אָט איז ער שוין באַם פערד, באַשמעקט אים, ווי זײַן היים, מיט שטאָלץ און ליבע,
און פײַער טראָגט זיך אים פון באַק צו באַק —
און מער מיט נעזלעכער ווי מיט די ליפּן
האָט ער ארויסגעפינעט: — יאָ... ס'איז א באַקאַנטער שפּאַק!.. —

א דריי. א קוק. אהין. אהער.
אים ארויסגעשפּאַנט. ארופּ. עס זעט ניט קיינער.
מיטביידע פיס דערלאַנגט אין בויך דעם פערד
און אָפּגעריסן פון דער ערד זיך מיטן שפּאַק איניינעם.

און ווינטן יאָגן נאָך.
און ווינטן — אפּ אנטקעגן —
פון קיינעם — ניט קיין שאָרך.
ס'האָט קיינער ניט באַגעגנט.

אראָפּגערוקט דעם הוט,
די סטעפּן־ברייט דאָרט פרעסט ער —

און ווינטן שרײַען: — גוט!
און ווינטן שרײַען: — פעסטער!

ס'איז הייס דער צעפּאָלאָכ
און פֿײַערלעכ־פארהאוועט —
און ווינטן שרײַען: — נאָכ!
און ווינטן שרײַען: — בראוואָ!

געפּליעסקעט האָט די שווינדיקײַט
פון בליאסקענדיקן העפּ, —
אווראָמ־הערש מיט ווינטן דאָרט
אינ זוניקן געוועב!

ער איז געריטן בײַז איבער דער ברייט פון סטעפּ,
און זיס איז אימ געווען די פערדישע פארשיקערדיקע פּארע;
צום ערשטנ מאָל האָט אווראָמ-הערש — אליינ — אזוי געשטעפּט
און, דאכט זיכ, אז צונויפגעשטעפּט האָט ער דעמ סטעפּ דאָרט מיט די כמארעס,

צונויפגעגאָסן אווראָמ־הערש האָט הילכיק מיטן פערד זיכ,
ווי איינ אזא מינ לויפנדיקע כײַע — מיט צוויי קעפּ;
אוןביידע סאָפּען ווי אינ גראדנ פערציק,
און ביידע ווי א מיאטש א גומענער אינ סטעפּ.

און הינ און צריק, און ווידער און פארקערט,
און ס'ווייסט שוינ אווראָמ־הערש אליינ ניט ווו ער פאָרט דאָ;
ס'איז, דאכט זיכ, אויסגערונען אימ דער וועג צו דעמ קאריער,
און אלץ האָט אינ די אויגן זיכ פארפּלאָנטערט און פארפּלאָכטן.

ס׳איז סטעפּ — ארום. און סטעפּ — פון אלע זײַטן.
און ווינט — ארום — פארוויקלט און פארוויגט;
און נאָכ די פײַערן, ווי נאָכ סיגנאלן־שײַטערס,
האָט אווראָמ־הערש זיכ אומגעקערט צוריק.

טרובאנ ט׳ער ניט געטראָפן אינ קאריער שוינ,
מ׳האָט אפּ אנ אנדער פערד אימ אָפּגעפירט אהיימ;
און אימ האָט מענ געײיצעט, אווראָמ־הערשנ,
ער זאָל טרובאנ דאָס פערד איצט אָפּפירנ אליינ.

געווענ ס׳איז טונקל שוינ. ניט פרי גאָר.
די נאכט פון לאנג האָט שוינ געבלאָנקעט אפנ וועג.
האָט אווראָמ־הערש זיכ מיט קיינ וואָרט איצט ניט דערווידערט
און צו טרובאנ איז ער א שטילער רײַטנדיק אוועק...

## 7

דאָס ערשטע מאָל ט׳געטראָפּן מיט טרובאַנ
פונ זינט דעמ קריג, פונ זינט דער רעוואָליוציע,
מע זאָל בא אימ אונטער דער האַנט
א פערד אוועקפירנ אזוי-אָ פּלוצעמ.

ער האָט אליינ זיכ שמייכלענדיק געפרעגט
אונ אפנ קאָפּ געטראָפנ :
— געשיקט זיכ, אז ער איז אוועק ?
געשיקט זיכ, אז ער איז אנטלאָפנ ?

די אויגנ גיבנ אימ א לאָפּ,
די ליפּנ — שטיל עפּעס א בלעבל ;
אונ אויסקלײַבנ זאָל ער א שטראָף,
האָט זיכ אוועקגעשטעלט זײַנ אייגנ לעבנ...

דערמאָנונגענ געקלאַפּט האָבנ אונ ראשיק זיכ געטריבנ,
אונ פּלוצעמ האָט א קלאַפּ זיכ אינ דער טיר דערהערט;
פאַרשוויצט אונ הייזעריק אונ מיט א כריפּע
באוויזנ האָט פאר אימ זיכ אווראָמ־הערש.

— ביסט דאָ? — ט׳א הייב געטאָנ טרובא דעמ קאָפּ, —
האָ־האָ; האָסט א שפּאציר געכאַפּט? א ביסל זיכ צעטויכעט?
נו, זיצ! נו, רו זיכ אָפּ...
פאַרויכער!.. —

— כ׳האָב אײַכ געבראַכט דאָס פערד, — האָט אווראָמ־הערש געלאַכט, —
מע דארפ עס אָנפּויענ... ניט מער ווי מיט א האלבנ עמער!..
— נו, גוט, — האָט זיכ א הייב געטאָנ טרובא, — באַדאנקענ דיכ דערפאר?
האָסט עפּשער זיכ גערעכנט דאָס פערד באקומענ פאר א פּרעמיע?.. —

אונ אז עס גיט זיכ אווראָמ־הערש א שטעל דאָרט צומ פארהער,
אונ אז עס גיט זײַנ אויג מיט גרינקײַט בראָנפנדיק א שניט:
— איר ווייסט, וואָס ס׳האָט א פערד אזא די ווערט,
צי ניט?

אונ אז עס גיט א גיי גערעאָטנ זײַנ פארהער,
איז גיט ער אזא גלאנצ — גאנייוויש אונ געניט:
— איכ וועל זיכ נאָכ מיט וואָראָשילאָווס פאַרוועטנ אויסרײַטנ א פערד,
נאָר אָנ א זאָטל. זאָטלענ — ניט!

אונ אז עס גיט זיכ אווראָמ-הערש א שטעל אפנ פארהער:
— איכ האָב אזעלעכע ווי איר, טאָווארישטש, אויכ געפירט אפ מײַנע פערד, —

און אז עס גיט בא אים די צונג א לאָז זיך ווי אפ זייפ:
— און פראָקלאמאציעס געפירט פונעם וואָקזאל אפ זיי! —

טרייסלט אווראָמ־הערש פונ זיך אראָפּ דעמ זאמד,
פארשטעקט אינ גארטל זיך די פּאָלע.
און אז טרובא גיט אימ א פרעג: — א פארטיזאנ? —
איז ענטפערט אווראָמ־הערש: — א באלעגאָלע! —

האָט שמייכלדיק טרובא באטראַכט אימ
און אימ א זאָג געטאָנ מיט ניט פארשטעלטנ כיינ:
— נו, גוט. ס׳הייבט באלד זיך, אָנ דייַנ וואכטע,
א בריגאדיר פארשפעטיקט ניט.
— איך גיי!

מע זאָל דעמ פערד ניט געבנ מערער פונ א האלבנ עמער,
ס׳איז נאָך פארשוויצט פונ וועג... —
ער האָט מיט פרייַענ אָטעמ זיך געטאָנ א נעמ אָנ
און איז אוועק.

## 8

אין אָוונט ז׳ער געגאנגען טרינקען טיי און אויסגיסן דאָס ביטער הארץ,
ער איז געגאנגען זײַן אין קאס און זידן מיט רעציכע:
— וואָס דארף ער עס? אז טאָמער עפּעס וואָס, — געדאכטס צי ניט געדאכטס,
איז טייקעף אין גאזעט — אף גאנצע לײַלעכער און ציכן!

ס׳באדארף דעם קאָוועד אווראָם־הערש אין ארבל,
טוט ער מיט האנט געפּויסטיקטער א פּיר,
און אויב ס׳איז ארבעט, זאָל עס הייסן — ארבעט,
ווײַל אווראָם־הערש, ווײַזט ער אף זיך, איז ניט קיין גאבע, נאָר א בריגאדיר.

אין דר׳היימ באמ באן — מיט צוויי פּארשוין פּארשיווע גאָלע,
האָט מען געטרענט די ערד — ווער גיכער אָנקומען ט׳אין שטאָט,
און א באלעגאָלע איז געווען א באלעגאָלע,
און פּאָטשאָט געוועזן איז פּאָטשאָט!

און דאָ — אויב ס׳איז — ארטעל,
איז אָדער דו פארוועטסט זיך אָדער דו פארוועטסט זיך ניט!
די פארע און די פעל!
דערווייַל איז אווראָם־הערש אָטוועטסטווענע! —

און ס׳גיט נאָך אווראָם־הערש א זאָג,
און ס׳פליט אליינ א שפּייַ אימ אפ די הענט שוינ;
— געוואָלט האָט אווראָם־הערש סאכאקל איינ סעזאָנ,
ווייַל — מאלע וואָס סע טרעפט זיך מיט א מענטשנ...—

נאָר ווענ ער האָט צומ ערשטנ מאָל באקומענ דאָס געהאלט
און האָט עס איבערגעציילט נאָכאמאָל אינ בייסאקיסע,
ווייַל — מאלע וואָס — אזוי פיל אויגנ... דאָך, איז באלד
אוועקגאנ אווראָם־הערש עס פייַערלעך באגיסנ.

באשפּיגנ האָט ער עס, דאָס געלט, ס׳זאָל זייַנ מיט מאזל,
דאָס ערשטע געלט, וואָס ער האָט אויסגעארבעט אינ קאריער, —
און עפּעס האָט די היימ געגעבנ א דערמאָנ זיך,
און עפּעס האָט א בלישטש געטאָנ א טרער...

ערשט דעמלט אויסגעברייטערט האָט ער זיך דעמ טראָט,
דעמ קאָפּ פאריסנ העכער,
געהייסנ זיך דערלאנגענ גלייַך א פלאש סיטראָ
און אויסגעצויגנ זייַנ טוטינ צו אלע: — רעכער! —

און אליינ געגעבנ האָט ער א בארעכנ:
— מאלע וואָס — דעמ סאָציאליזמ — בינ איך יעדנ מעכל,

איכ ווייס ניט וואָס ס'באַטייַט — אונ וויל דעמ קאָפּ ניט ברעכנ, —
אונ נאָכאמאָל דעמ קאָפּ א הייב געגעבנ העכער:

— ער גיט מיר ברויט — איז פיר איכ אימ ווי מ'שענסטנ פּאסאזשיר,
אונ בעט אימ אויס די פור ווי מ'שענסטנ פּאסאזשיר,
אונ וועק אימ אופ פּארטאָג, ווי מ'שענסטנ פּאסאזשיר,
אונ — ניט קיינ באלעגאָלע, — נאָר א בריגאדיר! —

אונ זאָזל ליגט — אראָפּגערוקט דעמ דאשעק,
אונ זאָזל קייַעט ווערטער ליידיקע ווי שטרוי —
ער זעט די היימ... דעמ הילצערנעמ פּידאשעק...
אונ ס'איז אימ טרויעריק אזוי...

עס רייַסנ דורכ זיכ לאסטוואָגנס, ווי וויכערס;
זיי שלעפּנ מיט אפּ ווייַט א קאלעכענעמ שטויב;
אונ זאָזל קוקט: ס'איז גרויס... ס'איז ניט געגליכנ...
אונ דאָכ גיט זיכ דאָס הארצ א הויב,

אונ דאָכ גיט אימ דאָס הארצ א טראָג —
...די היימ, די סטאַני, ווי נ'געפּלעדער;
אונ די צעהאקטע ליפּ ער בראָקט,
נ'צו זיכ אליינ, דאכט זיכ, ער רעדט דאָרט:

— אינ דר'היימ... א פּראָסטער וואָגנ, דאכט זיכ, מיט פּארדארטע רעדער..
אונ קוקסט אפּ אימ — ס'איז דייַנס... קעדוימע ווי דייַנ שאָטנ...
דו גיסט אפּ אימ א ביסל פרישע היי א שאָט אָנ,
אונ ס'קלעקט פאר זעקס פארשוינ צומ אונטערבעטנ... —

ער קראַצט דאָס לויזע בערדל דאָס פאַרדאַרטס:
— דו נעמסט דעם גלאָק אין האַנט — ס'איז דײַנס, קעדוימע ווי דײַן האַרץ,
און וואָס קעדוימע — יאָ, און וואָס קעדוימע — ניין,
די שלייע אופבינדן איז זשאַלעוועסטו ניט די ציין...

און גייסט באַנאַכט אַרײַן אין שטאַל קעדוימע,
איז ווי צו קינדער אייגענע אין אַלקער, ניט צו פערד;
דער כראָמק איז ווי פון האַלדז בא דיר... נ'אַ ביסעלע איך שטיי מיר
און — צריק אין בעט. און כאַפּסט אַ קוק אַהין, אַהער...

און שפּעט — ניט שפּעט, און ווײַט — ניט ווײַט,
און ס'לעבן גייט אַ גאַנג, ווי פערד געטרײַע אָן די צוימען;
און קאָנסט עס נעמען אַף די הענט, פונקט ווי אַן אייגן ווײַב,
און ווי אַ קינד קעדוימע... —

און אַז סע גיט דאָרט אוורעם־הערש די ליפּן אַ פאַרקאַטשע:
— געַנוג!
— פאַרשיווע קליאַטשע!
— וואָס שנײַדסטו מיר דאָס האַרץ?
— פאַרלייגן זאָל עס דיך מיטן קעדוים אײַנײנעם!

און אַז ס'דערלאַנגט דאָרט אוורעם־הערש אַ קוק:
— פאַרפוילטע ליפּ! זיך אָנגעפּרעסן? זאַט שוין? —
און אַז סע גיט דאָרט אוורעם־הערש אַ הייב דעם זאַסטעפּ,
און אַז ער וואַרפט אַרויס אַף צווייַ אַרשין אַ שפּײַ,
די אויגן — אַ צעכראַסטע:
— נו, נעם, נעווײלע — נעם דיר אים, דעם זאַסטעפּ
— און פרעס אים אוף!

— ס'איז דײַנס!
— פארפרוּוו!
— אונ מער זאָלסטו מיר דאָ ניט וויינענ!
— א בראנד דיר אינ די ביינער!

אונ אָנגערייצט, פארפאליעט
דאָרט לאָזט זיכ אווראָם־הערש אליינ אוועק
דאָס הארצ ס'צערודערטע פארגיסנ מיט א שקאליק,
אונ צו זײַנ טרויער איז ניטאָ קיינ ברעג...

נאָר שפעט באנאכט קומט ער צוריק א שיקערער אהער,
דעמ גאנצנ קאלכענעמ מאסיוו ער וועקט,
אונ ס'הילכט זײַנ קאָל אינ אלע היילנ פונ קאריער:
— דו גיסט מיר ברויט, איז פיר איכ דיכ, ווי מ'שענסטנ פאסאזשיר,
אונ וועק דיכ אופ פארטאָג, ווי מ'שענסטנ פאסאזשיר,
אונ בעט דיר דעמ פײַטאָנ, ווי מ'שענסטנ פאסאזשיר!
אונ פאָר מיט דיר ארויס אינ פראָנט פאר אלע פריִער,
אונ—ניט קיינ באלעגאָלע, נאָר — א בריגאדיר!

## 9

באקאנטע שטיבעלעך און אָרעמקייַט באקאנטע,
זיי גייען נאָך דעם ווייַטן אומבאקאנטן וועג.
דעם אומעט שלעפּן זיי פון גאַנצן קאנט דאָרט,
עס גייט דער אומעט פון די היימען ניט אוועק.

א יעדער שטוב באגלייט ווי א דערמאָנונג,
פון געסלעך אָרעמע — אן אומעטיקע בויד;
איז ווער האָט ניט געקאָנט דאָרט איטע די אלמאָנע,
וואָס מ׳האָט איר פופציק שטיינער אויסגעשניטן פונעם בויך?

און ס׳איז געבליבן נאָך, אז אויסשנייַדן מ׳זאָל ווייַטער קאָנען,
מיט נאָך כאלאס: אנדערע צעשטעלטע אין דער ריי;
איז ווער האָט ניט געקאָנט איר העפקער־יונג — על־קאָנען,
וואָס פלעגט א רינדן-קאָפּ פון בוינע ברענגען אלע שאבעס איר אהיים?

א יעדער איינציקער געדענקט נאָך פון אמאָלֿ אים,
ער פלֿעגט אפ געסלֿעכ אָנרוקן זיכ כמאריק.
איז ווער האָט ניט געוווּסט, אז ס'האָט זײַנ מאמע די אלֿמאָנע
פארדונגענ אפ געוויכט זיכ בא די וואָגשאָלֿנ אינ מארק?

די שעפע ט'זיכ א לֿאָז געגעבנ דאמלט,
געגאנ איז זי ווי פרילֿינג־טײַכ מיט ברוד,
האָט זיכ שטאָט ארומ די וואָגשאָלֿנ פארזאמלט:
ניט קלֿעקנ וועט דער איינציקער דער אויסגענאָגטער פוד.

האָט שטאָט דאָרטנ באקלֿערט זיכ, — אז מע דארפ
דעמ שווערסטנ קרעמער אָפּוועגנ — ניט זאמענ —
אונ שטאָט זאָלֿ אימ ארויסגעבנ א קסאוו,
אז פלֿוינֿי־בענ־פלֿויני וועגט קאמע וועקאמע.

אז ביז מע וועט אראָפּברענגענ די פינפער אונ די צענער,
זאָלֿ לֿיגנ אפ דער וואָגשאָלֿ א באגלֿויבטער באלֿעבאָס;
דער שווערסטער קרעמער — אײַנשטימיק געווענ איז,
נאָר איבערוועגנ ניט געווענ איז אימ מיט וואָס.

פארזאמלט האָט זיכ שטאָט א רודער מיט די קעפּ טאָנ:
מע דארפ א כאָלֿוש דינגענ אפנ טאָג —
אנ אָרעמאנ, וואָס האָט כאלֿאסנ אונ רעצעפּטנ
אונ וואָס פארשריבנ איז אינ זיי זײַנ ריינע וואָג.

האָט אָנגענומענ שטאָט דעמ סייכלֿ. יעדנפאלס —
ווײַלֿ יעדער איינער קאָנ אינ שטאָט אנ אָרעמאנ אזא מינ,

איז וועט מען דעם רעצעפּט אים אָנטאָן אפן האַלדז,
אז פּלוני־בן־פּלוני וועגט קאַמע וועקאַמע.

נ׳צו איטען האָבן זיך באַוויזן קרעמער דרײַ און כאָשעווע אַזוינע,
פּונקט ווי די דרײַ מאַלאָכים צו דער מוטער סאָרע;
צו איר געוועגדעט זיך אַזוי צו זאָגן: — פּלוניס־באַס־פּלוניס,
העיויס, אַזויווי ס׳איז די שטאָט איצט... קיינע אײַנאָרע...

און אַזויווי דיך האָט גאָט געפּרוּווט ווי א צאַדייקעס, און אַזויווי
דײַנער איז געווען אַן אָרעמאַן, וואָס קאָן ניט זײַן גאָר בעסער —
און דאָ איז — אי פּאַרנאָסע, אי א מיצווע, אי א טויווע,
און ס׳וועט די שטאָט דיר אײביק עס אין לעבן ניט פאַרגעסן... —

האָט איטע די אַלמאָנע אויסגעהערט די קרעמער די צערוישטע,
געקוקט אַף זיך און ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳באַטײַט —
נאָר אופגעגאַן איז איטע די אַלמאָנע אַף דער וואָגשאָל, ווי נ׳א קרוינשטול
מיט פונטן אויסגענאָגט פון זשאַווער און פון צײַט.

און אָרנטלעך געהוידעט זיך מיט זעקלעך מעל,
און אָרנטלעך געהוידעט זיך מיט זעקלעך קאָרן —
און אויסגעוויגן האָט זי דאָרט א פרעמדע וועלט
מיט די אַלמאָנישע מיט אירע יאָרן.

דרײַ און זעכציק אָקעס האָט געוויגן איטע די אַלמאָנע
נאָך דעם, ווען מ׳האָט איר די שטיינער אויסגעשניטן;
האָבן קרעמער שוין גענומען בא איר מאָנען,
האָבן קרעמער דאָרט גענומען זי שוין היטן.

— איטע, אָנטאָנ זאָלסטו ניט קיינ איבעריקע שמאטע,
— איטע, נעמענ זאָלסטו ניט קיינ איבעריקס אינ מויל! —
אונ איר עלקאָנע האָט געשריגנ: — באַלעבאטים!
עפשער זאָל זי זיכ אינגאנצנ אויסטאָנ הויל? —

זעקס געציילטע מאָל אינ וואָכ האָט זי זיכ פארנ מארק געבאקנ
אונ איינ־אונ־איינציק מאָל פאר זיכ — געבאקנ ברויט,
האָט זיכ איר דאָס לייַב פונ הונגער אָנגעבראקנעט,
האָט זיכ מיט געשווילעכצ אָנגעפילט איר הויט.

אונ שווערקייַט איז איר צוגעקומענ יעטווידער מעסלעס, אונ
שווערקייַט איז איר צוגעקומענ יעדנ טאָג;
וואָס זעלטענער אונ ווייניקער זי האָט געגעסנ,
אלצ מער געוואקסנ איז איר וואָג.

האָט זיכ צו איר אריַינגעלאָזט א האלבער מארק מיט יידנ
אונ מע האָט איר מיט געשריי דאָס מויל פארשטאָפּט:
— געוואלד! וואָס עסטו אזויפיל, אלמאָנע איטע?
— געוואלד! דו וועסט אונדז אופעסנ אינאיינעמ מיט דער שטאָט!

— וועגסט שוינ באַלד אזויפיל ווי דער מארק מיט אלע יידנ,
אונ ס'שטייט אינ קסאוו בא דיר בעפיירעש דריַי אונ זעכציק אָקעס;
איז עס ניט אזויפיל — ס'איז דייַנ פארנאָסע, איטע,
ווייַל — יאָדא שויר קוינייהו — איז די טייַטש, אז ס'ווייסט עס יעדער אָקס! —

האָט דעמלט איר עלקאָנע זיכ געלאָזט פונ שטוב צו שטוב
אונ מיט א רינדנ־קאָפּ געזעצט די פענצטער אינ די הויפנ;

נאָכדעם האָט מען ערגעץ אים פארשטופט,
און נאָכדעם ט'ער געמוזט פון שטאָט אנטלויפן.

דער טויט האָט אפן לאנד א פריילעכער געפּאָכעט,
געגאנ איז דעמלט איבער גאנצן לאנד דער קריג;
איז א שינעל, א קעסעלע און וויפל וואָכן —
און ס'האָט עלקאָנע זיך ניט אומגעקערט צוריק.

ס'האָט קיינער ניט אפ אים געווארט דאָרט,
און קומען האָט ער ניט געהאט וווהין,
עס ווערט אזוי אפגיך א מארשן-ראָזע פארטיק,
דאָס פייער עסט זי אופ אזוי געשווינד.

מע פירט נאָר דורך פארוואונדעטע אפ וואָגנס,
און בריווטרעגערס דעם טויט צעטראָגן אין די בריוו;
עס גייען אפ דער שטאָט יעדיעס ווי א האָגל, —
נאָר פון עלקאָנען לאנג פארקילט זיינען די טריט.

און איטע דרייט זיך ווי א הון ארום אפ דר'ערד
אין איינזאמקייט אין ליידיקער באגראָבן;
— די שטיינער — קלאָגט זי זיך דאָרט, קוים מע הערט, —
די שטיינער זיינען איר געקומען פון א שווערן האָבן.

זי פרווט די ביטערקייט פון צייטן מיטן מויל, מיטן זיקאָרן:
אז טייקעף ווי עלקאָנע איז פארבונדן אפ דער וועלט געוואָרן,
האָט זי דערפילט א שווערקייט פון שטיינער אינעם גאנצן לייב,
— כאָטש טאפ זיי מיט די הענט אָן, — זאָגט זי, — גלייך.

אין לײַב האָבן די שטײנער זיך באַ איר געלײגט,
געטראָגן האָט זי זײ, אונטערן האַרצן, אינײנעם מיט עלקאָנען, —
אַז ס'האָט עלקאָנע, זאָגט זי, זײ פון יענער װעלט געבראַכט אַלײן,
די פענצטער אױסזעצן זאָל ער דער שטאָט דער גאַנצער קאָנען.

און מער װי שטײנער זײַנען ניט געבליבן איר צולעצט,
געװיס איז ער, האָט זי געטראַכט, פון לאַנג נישטאָ מער;
זי װאָלט זיך שיװע אָפּ דער װאָג נאָך אים געזעצט,
אַ ליכט אױעקשטעלן פאַר זײַן פאַרשניטענער נעשאָמע.

נאָר ס'האָט דער מאַלכאַמאָװעס זי אַלײן אַראָפּגענומען פון דער װאָג,
אַװעקגעטראָגן מיט די שטײנער ערגעץ װײַט דאָרט;
און דעמלט האָט אין שטאָט געגעבן אַ פאַרטראָג
אַ ששאַטע פליִענדיקע רײַטער.

אַרײַן איז מען אין שטאָט אָפּ ברענענדיקע פערד,
מ'האָט אױסגעשטעלט זיך פון װאָקזאַל ביז צו דער סאַמע בױנע,
און צו דער גאַנצער שטאָט ט'געשריגן אײנער מיט דער שװערד:
— הער נאָר, דו, פלױני־בען־פלױני!

הער נאָר, שטאָט,
איז װיפל װעגן דײַנע באַלעבאַטים אַלע אינײנעם?
הער נאָר, שטאָט,
װאָס זעט מען עפּעס אָפּן מאַרק ניט קײנעם? —

געגלאַנצט האָט אונטער אים דאָס פערד, װי שטאָל,
ס'איז דער שינעל געװעזן שטױביק און געלאַטעט:

— און ווו איז איטע די אלמאָנע, שטאָט?
פאר וויפל האָט איר זי באגראָבן, באלעבאטים? —

געריסן האָט א שעפס זיך פון זײַן קאָפּ — צעטומלט,
דער רויטער שטערן — ווי א פענצטער פון א דריטן שטאָק:
— אלייכעם, שטאָט! אז ניט געבעטן, איז אליין געקומען,
דערלויב זיך פאָרשטעלן, — ס׳איז פארטיזאנער, שטאָט! —

געריטן דורכן מארק, געריטן און געלאכט.
די פאָן האָט ווי א כופּע נעבן אים געפלאטערט;
געזוכט האָט ער די גרויסע וואָגשאָל אפן מארק
און זיך געגריסט מיט באלעבאטים.

די קרעמער האָבן זיך געשטופּט, געריבן — צעפּאָלאָכעט,
ווי געגנדז ארויסגעטריבענע אפּ א יאריד;
די ווײַט האָט ארום שטאָט געבויגן זיך און זיך געבראָכן,
ארום דער שטאָט געהערט האָבן זיך טריט.

האָט ער זיי לאכנדיק געטאָן א צייל אויס:
— קיין וואָרט, אויב ס׳קומט אהער א באנדע אָן!
אניט וועל איך אײַך איבערוועגן אלעמען, נעוויילעס! —
און ווײַטער זיך אוועקגעלאָזט מיט אופגעוועקטער פאָן.

געגאנגען זיך שלאָגן איז עלקאָנע מיט מאכנאָ,
און אופרײַסן דעניקינען געגאנגען איז עלקאָנע,
און מיטן דניעפער שלאָגן זיך איז ער געגאנגען דערנאָך,
און פעלדזן אופרײַסן און אלעס, וואָס ער קאָן נאָר...

אצינד איז ער פון די גרויסארטיקע אין געגנט,
עס ווייסט אים יעדערער און די וואָס קומען אָן;
אצינדער האָט ער זיך מיט היימישע באגעגנט,
א יעדערער פון זיי באשמעקט אים און דערקאָנט.

און יעדערן פון זיי זיך ווילט מיט אים א רעד טאָן,
א יעדערער פון זיי זיך קלעפּט צו אים און פרייט:
— דו ביסט, עלקאָנע, זאָגט מען, גרויס בא די סאָוועטן.
— דו האָסט, זאָגט מען, בא זיי געפונען גרויסן כיין...

ער קוקט זיי אָן — איין אויג פארמאכט,
די קעלנער אופגעשטעלט, — ווער ווייסט דאָרט וואָס זיי שטאמלען;
עס גיט א גיי פאר אים די וואָגשאָל און דער מארק,
נ׳רי אָפּגעוווּיגענע די אומעטיקע מאמע...

## 10

פֿארכאָלעמטע פאלאטקעס שפרייטן אויס זיך נעפלדיק,
עס גאנווענען זיך אָוונטיקע שאָטנס בא די ווענט;
דעם טאָג האָט אווראָם-הערש געטרייסלט ווי אן עפלבוים,
געריסן זיך, ווי פויגל, האָבן שאָען פון די הענט.

איז לויסער אים די נאכט און אפן הארץ — נאָך לויטערער,
מיט פרידן גייט ער דורך לעם דער געביידע פון פארטקאָם:
ווי כאפט מען ניט קיין קוק אין פענצטער אין באלויכטענע?
ווי שטעלט מען זיך ניט אָפ א דריי טאָן מיטן קאָפ?

א פרישער לאבן ברויט אונטער דער פאכווע בריט,
אים א האלבע פלייצע עמעץ אויסגעשמירט מיט מעל האָט;
נאָר מיט אָפן מויל און צוגעשמידטע טריט
באם פענצטער שטיין געבליבן ז׳ער פריטשמעליעט.

צי ווייַזט זיך אים נאָר אויס, צי ס׳ שווינדלט אין די אויגן...
א ווערמען רופט מען צו — דערלאַנגען אים א טאָר?
און ווידער זיך ארומגעקוקט און ווידער — אופגעהויבן:
איז וואָס? ס׳איז טאקע ער? געשיקט זיך — דער פארטאָרג?

אפ ארום אין ווייַט געכאָרכלט האָט דער דניעפער,
דעם גאָרגל אים געטראָטן האָבן זעכציק שווערע פיס;
און פייַערן צעפּאָכעטע, ווי אופגעוויגטע גלעקער,
נאָר ס׳ האָט מיט אוראָם־הערשן זיך ניט אָנגעקערט אָט איצט.

געקוקט האָט ער אין שויב מיט ליפּן אופגעשפּארטע,
געשלונגען מיטן אָטעם יעטווידן באוועג;
ווען א מענטש א היימישער וואָלט דורכגעגאן דעם שליאך דאָ,
אז ער זאָל קאָנען געבן בא עמעצן א פרעג!..

אפ ארום אין ווייַט האָט נאכט זיך אופגעפּעכערט,
דער ראש איז אפן דניעפּ, ווי באם אראָפּלאָזן א שיפּ;
אפ פייַער־פלאכן — שיפלעך, ווי שווימענדיקע פערד דאָרט,
און ס׳רייַסן גלייַך ווי בויגנס זיך געשרייען אין דער טיפּ.

נאָר אין פארטקאָם איז שטיל. געשפּענסטער פון פּראָיעקטן
מיט רויטן שריפט געבונדענע אפ קארטע פונעם לאנד;
און אין בלויען קאלך — געאָדערט און געוועבטן —
איז פייַערלעך און וואָכעדיק באקליידט א יעדער וואנט.

און שטיל איז אין פארטקאָם. געשפּענסטער פון געבייַען
און שאָטנס פון אראָפּגעלאָזטע רינגען און פון שטריק;

און דער הויכער באַלקן ציט צו זיך טרובאַען
א שלאַנקן, א געשלענגלטן — הין און צוריק.

גימנאַסטיק מאַכט טרובאַ. גימנאַסטיק דער פאַרטאָרג מאַכט.
ס'איז ווײַט צו האַלבער נאַכט. ס'איז ווײַטער נאָך ביז טאָג;
ס'א קונץ! — טראַכט אוורא̈ם־הערש, — דערגיין צו אַזא כאָכמע.
ס'איז וואָס? ס'איז טאַקע ער? געשיקט זיך — דער פאַרטאָרג?

ווען טרובאַ פאַרזיצט דאָרט בא דער אַרבעט אַמאָל שפּעט זיך,
ווען אין זיבן אַרבעטן — א האַלבע נאַכט פאַרבײַ, —
איז גיט ער כּונעם באַלקן א לאָז אַראָפּ טראַפּעציעס,
און ס'לאָזט זיך אין דער אַכטער אָפּפרישן טרובאַ.

עס גיבן פון די קעמערלעך א שפּאַר אַרויס זיך מוסקולן,
זיי גיבן זיך א יאָג אַזא, א גליטש איבערן לײַב;
עס כאַפּן זײַנע ביינער אַזא קלינגענדיקן שמועס דאָרט,
און אָט איז ער שוין אויסגעצויגן, בייגעוודיק און גלײַך!

א שנײַד גיט ער די לופט — אין דר'הייך איבער זײַן קאָפּ,
א שטופּ גיט ער דעם דיל פון זיך, און ער — צעווישן;
עס גיט א זונג דאָס בלוט — פון אויבן ביז אַראָפּ,
און ס'שליסן אײַן זיך ביינער — אופגעוויגטע, פרישע.

און אין שטײַפן אָנגעשטרענג אין קרעפּטיקן — דער קערפּער
פאַרגייט זיך אין דער שטילקײַט פון דער נאַכט, ווי א געזאַנג;
עס דוכט אים, אַז זײַן אָטעם יאָגט און איבערקערט דאָרט,
אַז צריך זאָל ער צום אַרבעטס־טיש ניט אָנקומען פאַרזאַמט.

ס׳ פארשווינדן פונעם אויג די הייסע ווערטיקאלן,
און לײַכט ווערט אים אין קאָפּ פון קרעפּטיקן געשפּאַן;
פון איינ וואנט שמייכלט — לענין, פון דער צווייטער — סטאלין,
ווי זיי וואָלטן באוויליקט: — בראוואָ! גוט, טרובא!

געשטאנען ז׳ אוראַם-הערש, געקוקט און זיך געוווּנדערט.
און אײַנגעשטעלט א לײַכטן קלאפּ אין שויב:
ס׳וואָלט יעדער מענטש א באלן זײַן דערגיינ שויב ביזן גרונט דאָ,
וואָס איז דאָס פאר א מאָדנער סאָרט פארשוינ?

האָט טרובא געעפנט ס׳ פענצטער אווראָם-הערשן,
אים אויסגעשטרעקט די הענט, די לופּט געטאָן א זויג:
— ווי שפּעט איז, אווראָם־הערש? אזייגער צוועלף זײַן איצטער קער שוינ?

נו וואָס? איך מאך עס פײַנ? געזען האָסט וויאזוי?

א ווײַלע נאָך געקוקט. א ווײַלע נאָך געקלערט דאָרט,
א ווײַלע זיך געדרייט — אהינ, אהער
און אויסשיסן ז׳ געוועגן אים לײַכטער מיט געלעכטער:
— פונוואנען ווייסט איר, כאווער, אז מע רופט מיך אווראָם־הערש? —

— פארוואָס זאָל מען ניט וויסן? דו ארבעטסט גוט, דו זשליאָקעסט,
דו גייסט אין דײַן בריגאדע סאמע ערשט,
איז וואָס פאר אזא גוואלדיק-גרויסער פּאָקוס
וויסן, אז מע רופט דיך — אווראָם-הערש?! —

עס האָט זיך אווראָם־הערש א רוק געטאָן פאָרויס,
א דריי געטאָן דעם קאָפּ, ווי עמעצ וואָלט געלאָקערט.

אין איז שוין מיטן גאנצן קאָל ארויס:
— פונוואנען ווייסט איר, כאווער, אז אווראָם-הערש זשליאָקעט? —

— פארוואָס זאָל מען ניט וויסן? א טשערוואָנעץ יעדער טאָג איז!
דאָס ווײַב האָסטו אין דר׳היים געלאָזט דאָרטן ביז איצט...
איז וואָס זשע פאר אזא מין גרויסער פּאָקוס
וויסן, אז דו טרינקסט מיט יעדערן מאריטש?

דו זאָלסט אמאָל אין קלוב ארײַנגיין און — א לייען
א צײַטונג... כ׳וויס... נו, ספּאָרט, ווי׳ איך... —
און אז עס נעמט אין קאָפּ זיך אווראָם־הערשן דרייען,
און אז עס גיט דער קאס פון האלדז בא אים א קריך:

— וואָס בין איך דאָ? אן ארבעטער, צי בין איך דאָ א שילער? —
צעשמייכלט זיך טרובא צו אים: — ביידע באגלײַך!
אָט זאָגסטו דאָך, אז רײַטן קאָנסט, ווי וואָראָשילאָוו,
און שיסן פארגעוויס — ניט בעסער פון דײַן ווײַב! —

און ס׳האָט זיך אווראָם-הערש פארשעמט... — נו, גוט, נו, גוט! נו...
דער זייגער האלט... ער האלט שוין זייער שפּעט;
פון מײַן א פּאטש קאָן אויכעט ווערן קאלעמוטנע,
אזוי ווי פונעם בעסטן פיסטאָלעט! —

אפ טרובאען האָט א שמייכל זאפּטיק זיך צעשײַנט,
דאָס פענצטער ניט געגלוסט האָט אפ א ווײַל זיך אים פארשליסן,
נאָר געפלאקערט אווראָם-הערש האָט און געשוויצט פון שאנד:
— און פונוואנען ווייסט איר, כאווער, אז איך קאָן ניט שיסן? —

— פֿאַרוואָס זאָל מען ניט וויסן? ס'קומט אַלץ, ווי אַפּ דער וואָג אויס!
אַפּ דעם קריג — ניין! מיט אַ ביקס — ניין!
איז וואָס פֿאַר אַזאַ גוואַלדיק־גרויסער פּאָקוס
וויסן, אַז פֿון פּופּציק טרעפֿסטו ניט קיין איינס? —

— און איר אַפּ ווייפֿ טרעפֿט פֿון פּופּציק אין די ווענט,
און איר מיט אָט די הוידלקעס? ס'איז אויך צוליבן שאָס? —
און אויסגעשטרעקט טרובאַ האָט אוורעאָם־הערשן ביידע הענט:
— שפּרינג אַרײַן אַהער, — וועסטו אַ קוק טאָן — צוליב וואָס! —

אַ שפּרונג געטאָן מיט קאַס האָט אוורעאָם־הערש און איז געפֿאַלן,
אַפּ דר'ערד ט'ער זיך געגעבן אַ הילכיקן צעלייג,
און אויפֿגעהויבן האָט ער זיך זידלענדיק: — אַ באַלן!..
שיסט אײַך דאָרט שוין ווײַטער און... טרעפֿט אײַך שוין אַליין! —

געקײַקלט האָט טרובאַ זיך הילכיק פֿון געלעכטער:
— געוווּנען, אוורעאָם־הערש! נו, האָב ניט קיין פֿאַרדראָס!
אָט אַזאַ געזונטע, אָנגעפּעלצטע סטערטע...
אַ שפּרונג טאָן, ווי סע דאַרף צו זײַן... — נו, ווייסט שוין צוליב וואָס? —

אוועק איז אוורעאָם־הערש, דערלאַנגט אין טיר אַ האַק,
אַרײַנגעפֿאַלן טומלדיק־פֿאַרסאָפּעט און פֿאַרמאַטערט:
— וואָס האָט איר, באַלעגאָלעס, זיך צעלייגט איצט אין באַראַק?
גייט נאָר כאַפּט אַ קוק, ווי ס'ברעכט זיך שוין טרובאַ דאָרט!

דעם ראָק פֿון זײַנע אַקסל דערלאַנגט האָט ער אַ ריס,
און איינעם מיט די פֿיס דערלאַנגט האָט ער אַ טרייסל:

— גימנאסטיקע אפ װעטשערע! אנ איבעראש — װאָס איז? —
געטרײסלט ט׳אװראָם-הערש זיכ פונ געלֿעכטער אונ געטעסעט:

— מע דארפ ניט קײנ טעאטער! פונקט װי אינ א צירק,
גאָט זאָל מיכ אזױ נאָכ אױסלײזנ פונדאנענ! —
אונ אײנעמ — א צעטױכע, דעמ אנדערנ — א צי:
— װו ביסטו ערגעצ, זאָזל? מע װארט דאָכ אפ דיר, טאנע!

נאָר זאָזלֿ איז געזעסנ אינעמ גרעט אונ זיכ געקראצט,
פונ סאמע אונטער ד׳הענט אנטלֿאָפנ אימ א פלֿײ איז;
געזוכט האָט ער, געזידלֿט זיכ: — א שװעבעלֿע! — אינ קאס:
— איכ בעט דיכ, אװראָם־הערש... זאָג מיר ניט קײנ דײעס! —

— דײעס — ט׳ער זיכ נאָכגעקרימט — דעמ טאטנ דײַנעמ װײ איז,
איז לֿאָז זיכ מיר אָט דאָ א הײב טאָנ אפ דער באנק! —
אונ זיכ א ריס געגעבנ אינדערלֿופטנ, װי טרובא:
— ס׳איז מיר נאָר א שאָד, װאָס כ׳האָב דאָ ניט די שלֿײעס.

דאָ װאָלֿט אװראָם־הערש, פארלֿאָז זיכ, ניט געפאלֿנ,
אופגעהאנגענ װאָלֿט איכ זײ אינמיטנ דעמ באראק;
הער אופ זוכנ, זאָזלֿ! מ׳ עט דיר שענקענ אלֿע,
װײ איז דיר! א פלֿײ האָט דיר פארפעלֿט, פערדאק!

ס׳האָט זאָזלֿ פונ צוקאָפּנס א כאפ געטאָנ די הױזנ,
ער האָט מיטנ געזעס צו זײ זיכ צוגעקלֿײעט
אונ אױסגעשטרעקט דאָס מױלֿ זײַנס דאָס צעשפּאָלטענע, דאָס גרױזאמע:
— פונװאנענ, זאָג מיר, װײסטו, אז איכ זוכ א פלֿײ? —

— פארוואָס זאָל מען ניט וויסנ? דו קראצסט זיך, און דו „האָ״קעסט,
און בייזערסט זיך, מע ווייסט ניט וואָס און ווענ;
איז וואָס פאר אזא גוואלדיק־גרויסער פּאָקוס
טרעפנ, אז דו זוכסט א פליי דאָרט אינ דעם העמד? —

די שטילקײַט אינ באראק האָט ווידער אויסגעשפּרייט זיך,
געכראָפּעט האָט מען פרידלעכ אינ דער ברייט און אינ דער לענג;
און אווראָמ-הערש מיט שטריק פארוואָרפנ איבער פּלייצע
ארײַנגעטײַנעט האָט דאָרט שטיל אינ זיך אליינ.

ארומגעזוכט א הוק. דעמ באלקנ ט׳ער באטראכט דאָרט,
דעמ קאָפּ פארהויבנ הויכ און דורכגעצילט דעמ שטריק;
א פּרוּװ געטאָנ — עס האלט! א קוק געגעבנ — פארטיק!
און בורבלדיק א הייב געטאָנ זיך הינ און צריק:

— אָט דאָ גיב איכ אזוי א צי זיך צו דער סטעליע,
אָט דאָ גיב איכ א דוכנ, באלעגאָלעס, ווי איכ קאָנ;
און גאָט זאָל מיכ אזוי אפּ מײַנע פיס נאָכ שטעלנ,
ווי כ׳לייג אוועק אפּ בײדע דעמ כאווער פונ פארטקאָמ!

## 11

דער פרישטיק איז געגאנגענ לעבעדיק אונ ראשיק,
באלאגערט זײַנענ טישנ — ס׳קאָנ א נאָדל ניט אדורכ;
נאָר עפּעס האָט פארדעכטיק אויסגעזענ די קאשע,
נאָר עפּעס איז טרובאענ ניט געפעלנ דער גערוכ.

איז ער דאָרט מיטנ טעלער צוגעגאנ צומ קעכער
אונ אימ אונטער דער נאָז א טיטש געטאָנ די שפּײַז:
— הער, — האָבנ די נעזולעכער טרובאענ זיכ צעפּעכערט, —
דו ווייסט אינ וועמעס קאשע, ברודערל, דו שפּײַסט?

אויב אופגעפרעסנ ווילסטו דאָ ניט ווערנ גלײַכ פונ איר,
איז — ערשטנס — נעמ אראָפּ זי טייקעפ פונעמ טיש דאָרט!
אונ זאָלסט עס ניט ארויסגעבנ מער, אָט דאָס געריכט!
נ׳ארײַנגיינ אינ פארטקאָמ זאָלסטו מיר טייקעפ נאָכנ פרישטיק!

און איצט — דאָס מויל פֿארמאכ! גענוג! געהערט?
און איצטער — מער קיין וואָרט. ניט ריידן. ניט דערציילן.
מע קאָן דיכ דאָ באגראָבן אין דער קאשע, ווי אין דר׳ערד,
און אפ דיר אפֿילע ניט אוועקשטעלן קיין ציילעמ! —

און ס׳איז טרובא אוועק נאָכ ערגעצ אופרופֿן א זיצונג,
אוועק איז ער, ווי שטענדיק, פֿריילעכ און פֿארטרויט;
ניט באדארפֿט, — געטראכט האָט ער, — פֿאר אלעמען זיכ היצן,
מיט אזוינעם רעדט מען אויג־אפ־אויג...

און ס׳האָט זיכ אוראָמ־הערשן פֿארגלוסט אימ טאָן א יאָג אָן,
ס׳האָט ווארעמקייט אפ באקן געטאָן בא אים א בליי;
ער וואָלט איצטער געקאָנט אימ אָפּשטעלן און זאָגן:
ס׳איז גוט, כאווער טרובא! ס׳אזעלכע האָט מען ליב!

און נאָכגעקלערט האָט ער: א יאט אזא געשמאק איז,
א ציי זיכ צו אימ נענטער און נאָכגעמורמלט: פֿיין!
בא אזוינע פֿליִען די פֿלאמיקסטע ריסאקעס —
אזוי זיכ, אָן א בייטש. א קיצל נאָר. א פֿייַפֿ.

אזוינער וואָלט בא יעדן איינציקן געפּויעלט,
אפֿילע אין געדאנק — ניט מאכן זאָל מען נאס זיכ;
ניט צורירן קיין בראָנפֿן אפ א ווערסט צום מויל,
ער זאָל אפֿילע גיסן זיכ אומזיסט איבער די גאסן.

אָט אזא קאָן פּויעלן. אלץ. א יעדער זאכ.
די ביקס — מעהייכעטייסע! א וואכטע נאָכ — אוואדע!

נו, איז ער געגאַנ נאָכ אימ — געגאַנגענ אונ געטראַכט:
אָט אזא, ווענ מ'האָט בא זיכ אינ דער בריגאַדע!

ער זעט עס מיט די אויגנ מיט די אײגענע אָט ערשט,
ווי דעמ טאָג פאר זיכ ער זעט איצטער דעמ העלנ;
האָט ער אזא הוסט געגעבנ גלאָקיק, אווראָמ־הערש,
אונ דעמ וועג פארלאָפנ אונ דעמ גאַנג פארשנעלערט.

געוואָלט האָט ער — טרובא זאָל אימ א צי טאָנ פארנ צונג,
געוואָלט האָט ער — טרובא זאָל אימ מיט עפּעס וואָס פארטשעפּענ;
עס גיט מיט יעדנ שפּאַנ דאָס הארצ בא אימ א צוק,
דאָס וואָרט וואָלט ער א וואָרפ געטאָנ אינ מויל אימ ווי אנ עפּל.

— ווי גײט בא דיר די ארבעט? — גיט א פרעג דאָרטנ טרובא אימ, —
דערלאַנגט אפ אימ א קוק, דאָס הארצ אימ א צעבויט,
אונ ס'גיט זיכ אווראָמ־הערש א קערווע אונ א קײַע:
— זי גײט... ווי אינ א בלאָטע אנ אָנגעשטאָפּטע בויד...

אונ דאָכ גיט ער מיט גאַדלעס א דערמאָנ דאָרט גלאַט זיכ,
אונ סקריפּ זיכ רײַסט פונ שטיוול, אז ס'זאָל הערנ ס'גאַנצע לאַנד;
ווענ ס'איז אפנ קאַריער ארײַנ א דעלעגאַציע
אונ זי האָט אימ פאר זאָזלענ די ראָגעזשע דערלאַנגט,

האָט ער קײנ אײנציק וואָרט קײנ איבעריקס ניט גערעדט דאָרט,
געשטאַנענ איז ער גרויזאַמ, ווי א לײב פונ אויבנאָנ;
— נעמט זי צו, — געשריִענ האָט ער, — קעפּ וועל איכ צעפּלעטנ!
לאָזט אָפּ נאָכ א וואָכ, איז ברענג איכ אײַכ די פאָנ! —

נ'צו זאָלן ט'ער מיט ווערטער פּאָשעט זיך געווענדט:
— פּעגירע אָפּגעריסענע, נעווײַלע, קום אהער שוין,
אויב דו ווילסט, איז — לעב! און ווילסטו — ווער פֿארברענט!
נאָר זאָלסט מיר אין א ראָגעזשע ניט אָנטאָן אוו'ראָם־הערשן!

ווײַל כ'וועל דיר נאָך די ליפּ די צווייטע אויך צעשפּאלטן,
וועסט מײַלער בא מיר האָבן פּערצן, זאָזל, הערסט? —
ער האָט אין אים א וואָרף געטאָן זײַן אָפּגעפּליקטן פּאלטע:
-- פֿארשרײַב עס אפן פּליך. דאָס זאָגט דיר אוראָם־הערש! —

געַנומען ט'ער די פאָן מיט שווייס און האָרעוואַניע,
די פּארע ט'ער געטריבן פון יעדן און פון זיך.
און איצטער איז ער רויק. ס'איז אלץ בא אים פּאראַנען.
איז ענטפערט ער טרובאען גאדלעסדיק און גיך:

— איר מיינט דאָך וואָס די פאָן איז איצט אין מײַן בריגאדע?
דאָס הייסט נאָך ניט געארבעט. ס'אפילע ניט קיין דיר —
ווען איך וואָלט נאָר א כעוורע אן עמעסע געהאט דאָ,
איז מאכ איך אײַך דאָ יאָנטעוו מיט האלב יאָר פרײַ'ר!

ער גיט א דריי די אויגן. קאריערן גלײַך דערנעבן,
א שיקל אפ טרובאען, א ווונק צו דעם קאריער:
— כ'האָב פּאָשעט פײַנט א ראָגעזשע... אז קיינמאָל ניט אין לעבן
איז האָב איך מיט קיין ראָגעזשעס ניט צוגעדעקט קיין פערד!..

בא אנדערע — מאכטייסע! פונעם גאנצן הארצן...
בא אנדערע — מיט קאָוועד — וויפל מע געברויכט;

לאָז זיי זי אונטערשפּרייטן, אויב ס'איז ערגעץ האַרט זיי...
אוראַם-הערש קאָן זיך נאָך אָנטאָן פון דער כופּע עפּעס אויך! —

און ס'הייבט אָן אים טרובאַ דאָס הייזעריקע קאָל אויף:
— נו, וואָס זשע, אוראָם־הערש!.. אַ שאָד עס איז.. אָפּ דיר,
געבליבן ביסטו נאָך אַלץ דער אַלטער באַלעגאָלע,
כאָטש סאָציאַליזם איז אַצינד דײַן פּאַסאַזשיר! —

אָפּ צוריקוועגס ז'ער געגאַנגען ווי דורך אַ וואַלד פון יאָרן:
זײַן כופּע... און די ראָגעזשע. די פּאָן. טרובאַ. געיעג.
נאָר אויסגעקומען איז אים: — אַ וואָגן אָן רעסאָרן,
און עס איז אַ ביטערער, אַ באַרגעדיקער וועג...

און ס'איז טרובאַ אוועק. אָט גייט ער בײַ דעם ברעג דאָרט,
אָט וואַרפט ער אָפּ ן וועג דאָס אָנטאָן זיך אַראָפּ;
מיט אַנקערס אַלערליי אַ טאַטויִרטער און געפלעקטער,
אָט גיט ער זיך אַ לאָז אונטערן וואַסער מיטן קאָפּ.

און דרײַ מינוט איז שטיל. ס'איז דרײַ מינוט געפּערלעך.
און אָפּ דרײַסיק מעטער ווײַטער זיך באַווײַזט
אַ שווימענדיקער קאָפּ, אַ בלישטשענדיקער מער נאָך,
און וועסלעס צוויי געלאָזטע — גלײַכמעסיק און דרייסט.

און ס'דאַכט זיך, אַז דעם דניעפּער מעסט ער אַזוי אויס דאָרט,
יעדער לייג — אַ מעטער, יעדער לייג — אַ רינג;
ס'גייט פריילעך אַ געיעג פון מוסקולן געפּויסטיקט,
זיי שפּרינגען אָפּ זײַן קערפּער לײַכט אַזוי און גרינג.

עס שטופנ צו אימ כוואליעס זיכ, עס ברייטערנ זיכ קרײַזנ,
נאָר ער הייבט אופ די הענט אונ גרונטעוועט דעמ דנאָ;
אונ א שווענק די נאָזלעכער, אָרנטלעכ אונ פלײַסיק,
די האָר פארקעמט ער, נאזנדיק, באמ וואסער — אונ וואָס נאָכ?

דערנאָכ גיט זיכ די זונ א שפיגל אינ זײַנ קערפער,
דערנאָכ גיט ארומ אימ א וויקל זיכ דער ווינט;
אונ דרײַ מאָל פריש איז אימ צו ארבעט זיכ א קער טאָן.
אונ פונ טײַכ זיכ אופהייבנ — זיבנ מאָל געשווינד!

## 12

פֿארצערוועטע קינדהײַט, גרינע,
און גרייטקײַט פאר קינפטיקע טעג;
ארויס איז טרובא אין באגינענ
אפ מעסטנ אומברעגיקנ סטעפ.

טשאבאנעס, נויט און באטראקעס
און לאָצמאנס — אינ שטריק געשפאנט;
אינ סטעפ, ווי נ׳א בלעכענעמ באק, איז
געבוירנ געוואָרנ טרובא.

א נאכט — ווי אינ סטעפ דארפ א נאכט זײַנ,
מיט שטילקײַט, מיט שרעק און ווינט;
דער דניעפער ט׳געריסנ דאָס הארצ זיכ,
נ׳א מאמע ז׳געגאנגענ צו קינד.

איז וועמען אן אומגליק, א פרייד דאָ,
וואָס נאָכ מיט א מויל, א פּאָר פיס?
באָרוועס. דעם הוט פונעם זיירן.
און הונגער — און פרייד — ווי־ניט־איז.

געפּאסטעכט, געפירט אפ פּאראָמען
און מײַסעס געשלונגען ער האָט
פון לאָצמאנס, פון גרויסע מילכאָמעס,
נ'אליין ער אוועק איז אין פלאָט.

ז'געשראמיקט זײַן פּאָנעם מיט שפּורן,
מיט יאָרן פון פײַער און פראָסט:
די דײַטשן, דעם פּאלאץ געשטורעמט,
אוראָרע! — און ער — א מאטראָס.

און לענטעס, און קליאָש, ווי די זעגלען,
און טשובן אפ ברויזיקע קעפּ;
פון ניעווא ביז שווארציאמיקע ברעגן
און צוריק אהיים — צום דניעפּ.

אפ שטרעקעס, ווי טעפּיכער גרינע,
צעשניטן מיט שארף פון דניעפּ,
ז'געשטאנען טרובא אין באגינען
געמאָסטן די ווײַט פון סטעפּ.

צעבײַלט איז דער סטעפּ מיט קורהאנעס,
מיט ציילעמס, מיט קוואָרימ און שטיין;

ס׳איז יעדערנ שווער. דאָ דערמאנענ
א וועמעס ס׳איז רו אונ געביינ.

די סטעפּעס געבלאָטערטע זײַנענ
מיט בלוט פּארטיזאניש פונ שטעט,
וואָס האָבנ דעמ וועג צו אוקראינע
מיט ביינער אונ ליבע געבעט.

פארצערוועטע קינדהײַט, גרינע,
אונ גרייטקײַט פאר קינפטיקע טעג;
ז׳געשטאנענ טרובא אינ באגינענ,
געמאָסטנ אומברעגיקע סטעפּ.

עס האָבנ אמאָל דאָ פארצײַטנס
געצויגנ זיכ סטײַעסווײַז גענדז;
ציגײַנערשע בײַדלעכ מיט שײַטערס,
גאנייווישע פערד צו דער גרענעצ.

ז׳געשטאנענ טרובא אינ א קעפּי,
די אויגנ ווי צירקופּס זיכ דרייענ;
אפ יענער זײַט ברעג פונ דניעפּער
וועלנ אופגיינ זאוואָדנ אינ רייענ.

ס׳פּארקישעפּט טרובאענ א זעונג:
א שטאָט אינ קוואדראטנ, אינ סטעפּ;
צו די גרויע גראניטענע לענגענ
זיכ פליעסקענ כוואליעס פונ דניעפּ.

איז געשטאַנען טרובאַ שטויביק,
די אויגן ווי צירקולס בלאַנק,
עס האָבן זיך צוגן געצויגן,
געצויגן געצייַגיק פון לאַנד.

פאַרטריקנטע ליים און בלאָטע
פון סטעפּ, פון דאָרף, פון שטאָט,
אפן ברעג — באַראַקן, געבלאָטערט,
ברעזענטענע שטיקער פאַרטאָג.

פון שטאָט — אַ געיעג: אויטאָבוסן,
געפראָפּטע מיט כיישעק און קויעכ;
אַנטקעגן — אַפּ פערד און צופוס,
און שטויב איז טייַער, ווי טוי.

אין שטראָמען פון מאַכנעס געדיכט
איז אָנגאַנגען אַ פרוי אין אַ פלאַשטש דאָרט;
די העל־בלאָנדע האָר, דאָס געזיכט
צום פרימאָרגן צום גרויען זיך לאַשטשעט.

די טריט אירע — פעסטע, באַוועגטע,
אין אויגן — פרימאָרגיקער באַן.
— די הויפּט־קאָנטאָר, — האָט זי געפרעגט דאָרט,
און דורכגעפירט האָט זי טרובאַ.

נו, איז מען געגאַן, איז מען צוגאַן,
דערפרעגט זיך, פאַרשטאַנען זיך שווער;

— עס שלעפּן זיך נאָך דאָ די צוגן,
נאָך נעכטן באַדאַרפט כ'האָב אהער...

דערנאָך האָט טרובא זיך פאַרהאַוועט,
עפּעס זוכט ער און ווייסט ניט וואָס:
אינזשעניער. קאָמאַנדירט. כאַוועך.
געשריבן ס'איז קלאָר און פּראָסט.

געגאַנען זאַלבעבאַנד מ'איז צוזאַמען
פרימאָרגנדיק־שטיל און באַרוט;
— ווי רופט מען אייַך? — פּראָסט, נעכאַמע! —
— פון מאָסקווע? — פון מאָסקווע! — נו, גוט! —

גענומען האָט ער איר וואַליזע
פון איין האַנט אין צווייטער — ס'איז גרינג;
א קאָמיוגיסטקעלע איז זי.
די אויגן — ווי שנייַדיק און גרינג.

און ברעמען בא איר זייַנען שוואַרצע,
נ'א שמאָל פּאַסיקל ציינ;
און שמייכלען שמייכלט זי, דאַכט זיך:
— וואָס הערט זיך אין מאָסקווע? דערציילט! —

און ס'גלייבט זיך אים קוים, טרובאַען,
ער קוקט אַפּ איר, פּונקט ווי ער לייענט;
און ווידער א זוך און א שטאַמל,
און דעם דניעפּער ער מעסט אין דער לענג:

— איר זעט? אָט זײַנען די שוועלן!
נ'אָפּ וויפֿל ט'געשפּעטיקט דער באַן?
ס'וועט, כאַווער, דאָ אַלץ אײַך געפֿעלן,
און מיך רופֿט מען פּראָסט — טרובאַ!

## 13

עס קומען אָן פרימאָרגנס, ס׳גייען אָפּ פארנאכטן,
זיי טראָגן זיך אין ליכטיקײַט אין רוישיקער פארבײַ;
עס שטײַגן, ווי פּאסירונגען, ארויס פון זיי די וואכטעס,
און איינע נאָך דער אנדערער אין ריי און אין געבײַט.

דרײַ פײַערן אין דר׳הייך זיך צינדן און צעפלאמען,
מיט פאָספאָר און מיט שטערנצוויט באשאָטן איז די ווײַט.
אף נאכטישער אשמורע גייט ארויס נעכאמע,
דעם לעצטן ביס פון אָונטערוויט אינגאנצן ניט דערקײַט.

דערשלינגט זי אים אין וועג, נ׳פארגעסט וווּהין זי גייט,
עס לאָזט אף איר די נאכט אזא פארקישעפּדיקן בלעבל,
אז עס ווילט זיך א צעלויפּ טאָן און דערלאנגען א געשריי:
— דער רועך זאָל עס נעמען, ווי גוט עס איז דאָס לעבן!



644—6

אָט ליגט פאר דיר א דניעפער א גאָלדענער, צעשמאָלצן,
און איבער אים — א שוימיקער, א שטערנדיקער ראַט,
צי גייט מען אפ א וואכטע, צי גייט מען אפ א מאָלצײַט,
צי גייט מען אפ א ווונדערלעכן גרויסן מאסקאראד,

ווי מענטשן טראָגן אום זיך מיט שטורקאצן אין דער לופט,
ווי ס׳בלישטשען אפ געזיכטן גרויזאמע שפאקולן;
צי גייט ניט א באגינען אזא ברענענדיקער אוף
מיט שטײַגנדיקע פײַערן, ווי מעלדונגען ווי דולע?

די ערד וואָלט זי זיך צוגעצויגן פעסטער צו די טריט,
ווי לעבעדיקס. ווי לײַב. און זיך פאנאנדערזינגען וואָלט זי;
נאָר ס׳פלאצן אוף דאָרט שטיינערדיקע קנאָספן מיט געבליט,
אזוי ווי פון א גרויסן פרילינגדיקן מאָלצײַט.

און ס׳וועט ניט זײַן קיין ווונדער, אויב א זעצ טאָן וועט מוזיק,
און אויב ס׳וועט די מוזיק פון הייסן דינאמיט זײַן;
נ׳א גיי טאָן וועלן פעלדזן — צעטומלט און באזיגט
און פאלן צו די פיס — מיט קנײַענדיקע בליצן.

געגאנגען איז נעכאמע מיט קרעפטיקײַט און כיישעק,
אזוי ווי מיט די טריט וואָלט זי געמאָלדן דעם ארום:
— איך גיי! און ס׳איז מיר גוט! און יעדן ריס כ׳פארשטיי שוין,
צוריקוועגס אפ קיין אויגנבליק איך קוק זיך מער ניט אום!

זי האָט זיך פונדאָסנײַ דערפילט דאָ. זי באקוקט זיך.
איר דוכט זיך, אז זי הערט, ווי אלץ אין איר איצט זינגט;

אז ס'קאָן א לאנד מיט מענגעס און מיט טויזנטער קאָנסטרוקציעס
אפ יעדן איינעם ווארטן. און אפ אזא, ווי זי.

און די נאכט — א היים איז. און א היים — דער סטעפּ איז.
ס'איז דער ווינט — אן אייגענער. אן אייגענער ביסטו!
עס הוידען זיך צו דיר די פֿייַערן, ווי עפּל,
גיי צו צו זיי און גלעט זיי, ווי דאָס ליכט בא דיר אין שטוב!

א ווינטל שלעפּט ארויס א שמעקעדיקע פּאסמע
ניט גוט פארקעמטע האָר פון אונטער ווייכן הוט;
דער מאנטל איז פארשפּיליעט ביז ארופ, פונקט ווי פארכאסמעט
ער וואָלט א יעדן אויסוועג פאר איר ברויזנדיקן בלוט.

און זי וואָלט איצט מיט יעדן ווינט זיך אָפּגעלאָזט דאָ,
מיט יעדן ערשטן ווינט — אפ ווינטישן פארלאנג;
די צײַט איז ניט געציילט. די שטרעקעס — ניט געמאָסטן, —
ווי לאנג האָט זי געטרוימט פון א קאיאָר אזא, ווי לאנג?

אפ ארבעט גייט נעכאמע. אפ ארבעט. ס'איז באגינען,
א וואלד פון טרויבן טויזנטער האָט אופגערוישט מיט רופ;
ס'איז נעם צעשפּאר דאָס הארץ און טרינק און ווער פארכלײניעט!
דער דניעפּער דער צעשפּאָלטענער, די כמארעס און דער גרונט.

פאנאנדערגעוויגטע בריקן. און ווינט צו ווינט זיך ווענדט דאָרט.
און יארוסן באפליגלטע, — נעכאמען טראָגט פון אָרט;
און יובלדיקע מענגעס אין כמאריקע ברעזוענטן,
נ'אפ וואָגשאָלן אפ זילבערנע פון וואָלקנס — דער קאיאָר.

און טורעמס אופגעריסענע און אופגעשפּאַרטע שיפֿן,
עס שווימט ערגעץ אַן אופגעוועקטער, פרײדיקער דער סטעפּ;
און מענגעס איבער פעלדזן און מענגעס פון די טיפֿן,
פון דר'הייך און פון דער נידער באַלאַנגערט איז דער דניעפּ.

און ס'פעלן אויס שוין אויגן צו זען דאָס אַלץ נעכאַמען,
די טויזנטער, די מענגעס, דאָס פליסן נאָכאַנאַנד;
— צי האָט זיך ניט איניינעם מיט די קינדער דאָ פאַרזאַמלט
איניינעם אַף אַ יאָנטעוו — פײַערלעך — דאָס לאַנד?

מיט אופגעוויג און גרײטקײַט — צו כמאַרעס און צו טהאָמען,
מיט ווײַבער און מיט קינדער, מיט גוטס און מיט געצײַג;
געדוכט ט'זיך איר, אַז ערגעץ פאַרטראָגן זי די שטראָמען,
זי שוועבט ערגעץ, נעכאַמע, ניט פילנדיק די צײַט.

צעוויגטע און צעהוידעטע און אופגעפאָכטע צעלן,
אַ וווּנדערלעכער יאָנטעוו ווי אַן אָנזאָג צו דער צײַט;
עס דרייען אינדערלופטן זיך, ווי ריזן־קאַרוסעלן,
די הייבערס מיט די קעמערלעך בעטאָן און מיט געצײַג.

אָט וועט עס זי דאָרט אויך אַ טראָג טאָן צו די כמאַרעס,
אָט גיט עס זי צום אָפּגרונט אַ שלײַדער און אַ וואָרף.
און עפּעס איז אַ פרייד, און עפּעס אַ געפאַר איז:
— ווו איז זי דאָ? זי ווייסט ניט וואָס עס קומט מיט איר דאָ פאָר?

ס'באַטרינקט דאָ דער גערויש, ס'באַטרינקט ווי ווײַן ווי שטאַרקער,
ס'אַרא שפרונג די הרעבליע איבער דניעפּ געגעבן האָט,

צי איז עס אזא ריזיקע אן אויסגעטרוימטע ארקע,
צי סטארטשעט איבער ברייטקייטן פון דניעפער אזא ראָד,

וואָס טרייבט ווי א מאשין די כוואליעס פונעם דניעפער,
וואָס זאמלט מיט געזאנג די מענגעס פונעם לאנד?
געווען איז צען מאָל גליק דערזען טרובאן דערנעבן,
געווען איז צען מאָל פרייד — זיין אויסגעשטרעקטע האנט...

ווי גיט מען א פארהאלט זיין בליק און זיינע טריט דאָ?
א שמייכל טאָן צו אים ביז ווייטעק ט׳זיך געוואָלט.
נאָר עס פארשווינדט טרובא, ס׳באווייזט טרובא זיך ווידער,
— נו, קוקט! — ט׳ער צו נעכאמען זיך געווענדעט אפן קאָל, —

ט׳אזוי נעמט מען אן אָפגרונט שטורעמדיק און פריידיק,
ט׳אזוי גייט מען אריין אין אים — גלייך ווי אין א שטאָט;
ט׳אזוי מאכט מען דאָרט אָרדענונג, צום לעבן מע פארגרייט אים,
ט׳אזוי, ט׳אזוי, נעכאמע, פאָרזיכטיק! איז — אָט. —

ס׳איז ערשט אצינד נעכאמע אופגעגאן אין לעבן,
און דאָס איז בלויז דער ערשטער פרווונדיקער שפאן;
אָט איז עס, ווי א בוך, דאָס לעבן דאָ צעעפנט,
און ס׳לייענט עס אין דר׳הייך, ווי פאר א קינד — טרובא!

מע דארף דאָ בויען וווינונגען. גוטע גרויסע וווינונגען.
מיט גרינס ארום די פענצטער. מיט בלומען אפ ארום;
מיר דארפן דאָ צו עכטער שיינקייט זיך געוווינען נאָך,
און מירן עס פארזייען. זאָל עס וואקסן אומעטום:

אינ דרויסנ. אינ פאבריק. מע דארפ דאָ בלויז געוואגט זײַנ.
אינ צעכ. בא דעמ ווארשטאט. אינ שטוב אונ אפ דער גאס.
אונ זאָל עס בא אונדז זײַנ, אונ זאָל עס בא אונדז וואקסנ,
אונ זאָל די שיינקײַט אופהערנ זײַנ בא אונדז א גאסט!

מע דארפ איצטער א שטאָט דאָ אופהייבנ אזא מינ,
זי אויסטראכטנ צומ ערשטנ מאָל אפ דר'ערד. —
אונ ס'קוקט אימ אינ די אויגנ שמייכלענדיק נעכאמע,
זי קוקט אפ אימ אונ טראכט, זי קוקט אפ אימ אונ קלערט:

פארוואָס גייט אזא בריענדיקער צוק פונ זײַנע ווערטער?
פארוואָס איז אזוי לויטער הייס פונ זײַנע רייד?
א יעדער רעגע היימישער אונ נעענטער זי ווערט דאָ,
אונ צו זײַנ נאָכ אייגענער אונ נענטער איז זי גרייט.

אונ ס'האָט זיכ דאָרט נעכאמע אײַנגעשפאנט מיט כיישעק.
ווער רעכנט דאָ די צײַט? סע רופט דאָ אונ סע ציט.
אונ מער ווי אלצ בא זיכ, אונ מער ווי אלצ אינ דר'היימ שוינ
דערפילט האָט זיכ נעכאמע דאָרט, אפנ באצירק.

אָט דאָרטנ איז זי אָנגעטאָנ אינ ברעזענטנ ברויזנדע,
אָט דאָרטנ איז איר קאָל, אָט דאָרטנ איז איר האנט;
אָט דאָרט איז זי א גרויסע, ווי אלע דרײַסיק טויזנטער,
אָט דאָרט איז זי, ווי נ'ערגעצ אונ ווי קיינמאָל ניט, פאראנ!

עס האָט זיכ ערגעצ נאָענט דער אָוונט שוינ פאראנקערט,
דער טאָג האָט זיכ געשמאָלצנ מיט שקיעדיק געשריי.

דערנאָכ געווענ איז מידקײַט, ווי פונ טויזנטער געטראנקענ,
נ׳א דולע האָט נעכאמע זיכ צוריק געקערט אהיימ.

א הילצערדיקע שטוב מיט פענצטער צו דעמ דניעפּער.
צווייגאָרנדיק געבויט. דער דריטער איז אינ גרינס.
דעמ זאמד־געבעטנ צוגאנג בלומענ דאָרט באקלעפּנ,
שטאכעטנ — טשאסטאָקאָלנ. א קאליטקעלע — א גרינגס.

ס׳באגיסט זיי יעדנ טאָג אפּ צריקוועג פונ דער ארבעט
א כאוועריטע אנ עלטערע, — זי בייזערט זיכ אפּ זיי:
זיי וואקסנ ניט. זיי ווערנ עפּעס מאָגערער אונ דארער.
אז מ׳האָט זיי ניט ווי ס׳דארפ צו זײַנ צעגראָבנ אונ פארזייט.

דרײַסיק טויזנט מאנ באשפּײַזט זי. זי פארוואלטעט.
אונ אומעטומ — א בייזער זיכ. אונ אומעטומ — אנ אויג;
אפּ נעכאמענ ט׳זי געווארט ווי אפּ אנ איינילקל, די אלטע,
איר צוגעגרייט דעמ אָונטברויט — פּינקטלעכ אונ גענוי.

פארשמעקט האָט דער מאָדעסטאָווגא דער יונגער רייעכ פונ טומל,
ס׳האָט שמעקעדיקע ווארעמקײַט פונ שלאָפּ געטאָנ א טראָג;
געקוקט אפּ איר מאָדעסטאָווגא האָט, פּונקט ווי אפּ די בלומענ:
— מע דארפ דיכ אויכ באגיסנ נאָכ דער ארבעט יעדנ טאָג!

זיי האָבנ זיכ אנידערגעזעצט — איינס אנטקעגנ צווייטנ,
נעכאמע האָט זיכ אופגעהויבנ אלע ווײַל פונ שטול;
— נו, עס! — האָט זיכ מאָדעסטאָווגא געגעבנ א צעגיי דאָרט, —
געשפּײַזט כ׳האָב אפּ מײַנ לעבנ גרעסערע, ווי דו! —

און איר דערלאנגט, נעכאמענ. צום בעט. מיט א געקלאַפּ:
— נו, עס! — האָט זי נעכאמענ מיט א שמייכל פאַרגעהאלטנ, —
המ... לעניג האָט געזאָגט, אז פונ א שלעכטנ קאָפּ
איז קאָנענ זיך די פיס ווי ס'דארפ צו זײַנ ניט האלטנ... —

עס האָבנ זיך א הייב געטאָנ די אויסגעוועלקטע ברעמענ:
— אינ צוואנציקסטנ אינ הונגער־יאָר, — דערמאָנט זי, פּונקט זי לייענט, —
געשיקט האָט דער צעקא מיך ארבעטנ אינ קרעמל,
און דעמלטנ געשפּײַזט האָב איך לענינענ אליינ. —

עס האָבנ פאר די אויגנ זיך אדורכגעטראָגנ וואָלקנס.
דער קרעמל. פלעצער. ארמייער אָנ א צאָל;
נעכאמע הערט זיך אײַנ. נאָך יעדער וואָרט זי פאָלגט דאָרט.
עס דוכט זיך איר: אדורכגעלעכערט איז דער אלטערס קאָל.

גערעדט ט'די אלטע שטיל, פּונקט זי וואָלט געשושקעט זיך.
— און טאָמער ברענגענ פּויערימ פּרוכטנ אָדער מעל, —
איז רופט ער מיך שוינ באלד: — מאָדעסטאָוונא! גאָלובאָטשקא!
צעשיקט עס אינ די יאסליעס, אינ די קינדער־הײַזער, שנעל! —

זי הייבט זיך אופ די אלטע. אינ עפּעס זיך א פאָרע.
זי האלט דעמ אָטעמ אײַנ אנ אויגנבליק און צוויי;
עס דוכט זיך, אז א וויקל געטאָנ האָבנ זיך די יאָרנ,
עס דוכט זיך, אז זי זעט אימ — פלאמיק — צווישנ זיי.

— וולאדימיר איליטש, — זאָג איך אימ, עסט עפּעס. נאט אײַך.
איז... שמייכלט ער צו מיר... איז שמייכלט ער אפ נייענ;

— צוערשט באזאָרגט די אויסלענדישע געסט, די דעלעגאטן.
רוסלאנד וועט זיך ווי־ניט־איז אָנשפּײַזן אליין. —

געגעסן האָט ער קנאפּ. געקוקט אלץ אפ די געסט האָט ער.
געווען איז דעמלט, דאכט זיך מיר, דער אנדערער קאָנגרעס;
און אלעמאָל — גאָלובושקא! און אלעמאָל — מאָדעסטאָוונא!
און ווײַטער — אפ די זיצונגען. דעם גאנצינקן מעסלעס.

נו, לייג זיך! — האָט מאָדעסטאָוונא א בייזער זיך געטאָן, —
מע קאָן דאָ אזוי פאטערן איינס און צוויי א וואכטע; —
און הינטער די פענצטער געגאנגען איז די נאכט דאָרט,
און ערגעץ אפ דער ווײַט געגאנגען איז דער טאָג...

## 14

עס וואקסט און עס בליט
אווראָם-הערשס ארטעל,
עס שנײַדט זיך א טייל נאָך א טייל אויס;
ווער הינ און ווער צריק,
אפ א טאָג זיך געשטעלט, —
און עס יאָגט אווראָם־הערש זיי: — נעווײלעס!

שטיינהעקערס פעסטע
מיט ברעמענ פונ ליימ
און מיט אויגנ ווי יוירנדע האָפנ,
פונ אייגענע נעסטנ
און אלערליי —
און א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפאָל...

א ייִד מיט א באָרד
און מיט לאנגע צוויי הענט
און מיט קלײַענ אינגאנצנ באשאָטנ,
ווער ווייסט וויפל יאָר

ס'ער גערײבן די װענט
אין דער בױמיקער שטאָט מעליטאָפּאָל?

צי האָט ער געהאַנדלט,
צי האָט ער געקנעלט —
ס'האָט קײנער געקוקט אים צוקאָפּנס.
נו, װאָס איז פֿאַראַן דאָ...
אַ ייִד אין אַרטעל,
אַ ייִד פֿון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

מע גײט און מע קומט,
מע באַזעצט זיך געדיכט,
מע פֿאַרפֿרוװט, — ניטגעײַלט, ניט געצװיגן, —
און ס'קוקט זיך אַרום
אװראָם-הערש בריגאַדיר —
ער האָט שױן דאָרט אײנעם אַ פֿױגל —

פֿאַמיליע: — זשוק.
נאָמען: װאַסיל.
אָפּשטאַם: אַ גאַנצע טאַבעלע.
איז גיט ער אַ קוק,
אװראָם-הערש, אַזױ שטיל,
אַ באַטאַפּ מיטן אױג אַזױ שנעל אים...

און אױב אין קאַריער
שטעלט דאָרט זשוק אָן דעם קאָפּ
און דעם אױער ער לאָזט דאָרט אַ גײ טאָן, —
איז װינקט אװראָם-הערש

און מיט ברעמענ ער קלאפּט:
—באלעגאָלעס, רעדט לאָשנקוידעש! —

ס׳צעוואקסט אווראָם־הערש זיך
און צווייַגנ ער לאָזט
און א יעטווידער לאָך ט׳ער פארשטאָפּנ:
ער האָט שוינ א קירושנער
פונ דניעפּראָפּעטראָווסק
און דעמ ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

דעמ קירושנער באטראכט
אווראָם־הערש צו דער פּאָר
און: — ווּ האָט איר נאָכ אנ אויער? —
שמייכלט און לאכט
דער קירושנער אינ באָרד:
—ס׳א מייַסע... ס׳איז אומגעהויער!.. —

א קירזשנער! א שטאלט!
א גאנג. און א שניט.
דאָס היטל — אפ העלפט איז אראָפּ אימ,
אפ איינ זייַט — עס האלט,
אפ דער אנדערער — ניט, —
און א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל!

געבעטנ ט׳דער ייִד
מיט די אויגנ הייס:
— איך וויל, זאָגט ער, זייַנ צווישנ ייִדנ.
גאָט באהיט...

טאָמער... כ'ווייס ?
מאלע... וואָס... איך באַמי דען ?... —

און עס לאָזט אזא גרינע
געמבע ארויס
אוראָם־הערש דעם ייִדן אין אויער:
— איר דארפט צו א מיניען ?
געוועג — אויס!
ניטאָ דאָ קיין ייִד און קיין גויִם.

ס'איז דאָ — א קאריער!
ס'אַן אנדער מין!
פארקלאפּט זיך עס, פּעטער, אין קאָפּ איַיך!
איז אָדער — אהער,
אָדער — אהינ,
ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל! —

ניט אפ גליק, ניט אפ רום
ז'ער געקומען אהער:
א קערבל אין בוזעם פארקלאפּן;
ער קוקט אזוי שטום
און קרעכצט נאָר: — ס'איז שווער, —
דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

צי ער בענקט נאָך זײַן וויַיב,
צי נאָך קינדער ער בענקט,
צי ער טראכט נאָך פון שאבעס און אָפּרו, —
ווער ווייסט ? נאָר דערוויַיל

זיך דאָס ברויט ער פאַרדינט,
דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

אים דאכט זיך: עס פלאַקערט
פון פאכעד זײַן מויל,
די וועלט אין די אויגן זיך טאָפּלט;
אָדאָם-נאַקעט
און אָדאָם-הויל
איז א ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

ער רײַבט זיך בא ווענט,
און קוקט דאָרט און טראכט,
און דערמאָנט זיך אין ווארעמע אָפּפאל:
ס'אמאָל יאָנטעוו געווען,
און מ'האָט שאבעס געמאכט
אין דער בוימיקער שטאָט מעליטאָפּאָל.

עס איז דאָס כאלאַטל
צעריסן און לאנג,
און שיך זײַנע הילצערנע שליאָפּען:
א טאָג איז — א לאטע,
א טאָג איז — א דאנק
בא דעם ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

ער שרעקט זיך אזוי נאָך,
ווען ס'רײַסט דינאמיט,
ווען דרײַ עקסקאוואטאָרן קלאפּן;
איז וואָס, אז פאר שטיינער

דערשרעקט זיכ א ייִד,
א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל?

ער זוכט נאָר אנ אָרט
דורכוואנענ ארויס,
נאָר שטענדיק פארפלאָנטערט ער ווערט דאָרט;
דאָס הארצ זיכ צעפּאָרט,
צי' עס דוכט זיכ אימ אויס,
אונ עס יאָגט נאָכ אימ נאָכ זיכ געלעכטער.

נאָר עס לערנט אימ
אווראָמ־הערש דעמ געזעצ,
וויַאזוי נ'אזא פאל זיכ פארהיטנ;
ס'איז זיכער זיינ שטימ,
זי איז פעסט אונ געזעצט,
ווי בא אופרייסערס עכטע, געניטע.

— אז וואָס מערער מע לויפט,
איז אלצ נענטער ס'געפאר,
ס'ווייסט עס יעטווידער קו נ'מעליטאָפּאָל. —
נאָר דער ייִד איז בלוי,
ער איז בלוי אונ איז פייכט,
עפּעס זוכט ער אונ פינטלט אונ סאָפּעט.

— מע זיצט אפּ אנ אָרט,
אונ מע לויפט ניט ארומ,
אונ מע האָט ניט קיינ מוירע פאר קיינעמ.
דעמ שטיינ רייסט מענ נאָר.

און מער קיינעם ניט. קומט! —
און אליין טראָגט ער איך אָפּ די ביינער.

פּאַרוקט ליגט דאָרט זשוק
אין א נאָרע פאַרקלעמט
און ער רײַבט זיך אין דר'ערד מיט דעם קאָפּ דאָרט;
— אָט האָסטו! קוק!
א בײַשפּיל זיך נעם!
און לערנ זיך, שטאָט מעליטאָפּאָל! —

ער רופט צו עלקאָנען:
—עלקאָנע, אהער!
עלקאָנע, הא? געענדיקט? —
עס רײַסט זיך א טאָנ
נאָך א טאָנ אזוי שווער
נ'עפּעס אָנכאַפּנ זוכנ די הענט דאָרט...

און ס'שטופּט זיי עלקאָנע
ס'געצײַג און ס'געווער
און ער לאַכט אַפּנ גאַנצנ קאַריער דאָרט:
—נאַט, פּרוווט! איר וועט קאָנענ!
ס'איז ניט אזוי שווער —
און עס הערט זיך אַפּ ווײַט דאָס געלעכטער!

אז פונ קאָפּ ביז די טריט
נאָך באַוואָפנט איז ער,
און עס זעצט פונ די אויגנ אים פיבער.
נו, איז פרעגט ער דעם ייִד:

— זאָגט, ווי קומט איר אהער,
פארוואָס זײַט איר אין דר'היים ניט געבליבן? —

און עס ענטפערט דער ייִד
מיט סאקאָנע אין בליק:
— מ'איז דאָרט אלע אוועק שוין אף ארבעט...
בין איך — אויך.. און אויב — ניט,
איז פארקערוועט צוריק,
מע פארשפעטיקט ניט קיינמאָל דאָס שטארבן... —

און זײַן לײַב איז ווי לוב,
און ער האָט א כאלאס, —
די לופט אף זײַן ברוסט אזוי שווער ליגט.
און עס ווײַזט זיך אים בלוט
פון דער נאָז און פון האלדז,
און באנאכט עפּעס ש'ייצט ער געפערלעך.

ערווארפט דעם פאלטאָ
פון דער נארע אראָפּ
און קרעכצנדיק דעקט ער זיך אָפּעט.
ס'איז קיינער ניטאָ...
איז דעם כוישעך ער גראָבט,
דער ייִד פון דער 'שטאָט מעליטאָפּאָל.

די שכיינים אים ציילעמענ
שטיל בא דער נאכט
און זידלען די היילִיקע מוטער.
און נאָכדעם דערציילט מען,

און נאָכדעמ מע לאַכט
און מע קלאַפּט אינ די פּלייצעס זיכ מוטיק.

ער ציילט ניט די צאָלנ
פונ טאָג און פונ נאכט,
ער פרעגט ניט און ווייסט ניט קיינ אָפּהאלט.
ער ווייסט: מ׳עט באצאָלנ
מיט אלע באגלייַכ
דעמ ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

פרעגט זשוק אפנ אויער:
— א ייִד ביסט צי ניינ?
און לאנג וועסטו שטיינער דאָ קלאַפּנ? —
קוקט ער מיט טרויער:
ווּוה׳נ זאָל ער גיינ,
דער ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל?

— און איכ, — רעדט זשוק ווייַטער, —
האָב ערד... נאָר וואָס דענ?
נאָר עס לוינט זיכ קיינ ערד הייַנט ניט גראָבנ, —
איכ וואַרט נאָר אפ פּרייַטיק...
נ׳מיט געלט אפ די הענט
איז — א גוטנ דיר, שטאָט מעליטאָפּאָל!..

## 15

ס׳זעען שטיבעלעך ווי טעפּ אויס,
אויסגעליידיקט ביז צום דנאָ.
אפ די דניעפּערישע סטעפּעס
איז ארומגעגאַנ מאַכנאָ!

זיסער טשאד און זיסער נעפּל
פונ טאטשאנקעס און פונ יאָג.
האָט מענ אָפּגעלעבט א לעבנ,
האָט מענ אָפּגעלעבט א טאָג!

אָטעמט סטעפּ מיט הויך פונ יאָרנ,
יעדער שטוב עפּעס דערמאַנט:
דאָ האָט וואַסקע זשוק געשוואָרנ
זײַנ מאַכנאָנ אנ אטאַמאַנ.

קלאָר אזוי און פראָסט די זאך איז
וואסקע זשוקן דאן געווען —
דרײַ נאגאנען, צוויי פאפאכעס,
איין פאָר הויזן גאליפע.

פערדלעך צוויי אפ שמאלץ געבראָטן,
א טאטשאנקע און — וואָס נאָך?
גאָט אין הימל איז א פאָטער
און דער באטקאָ — איז מאכנאָ.

שפארט זיך ברייט פאר אים אליין אוף
ווי א טויער, ווי א טיר, —
איצטער האקט ער פעלדזן־שטיינער
אפן פעלדז — דעם „באָגאטיר״.

קלינגען אים אין קאָפּ נאָך שפּאָרן
און פארגייען אין דער ווײַט:
ס׳האָבן אָפּגעסמאליעט יאָרן,
ס׳האָט זיך אָפּגעגליט א צײַט.

נ׳אז ס׳איז אומעטיק, איז לאָז זשע,
לאָז זשע וויסן גאָרע ערד —
פון אָדעס ביז זאפּאָראָזשיע
אפּ טאטשאנקעס און אפ פערד.

נ׳אז דער אומעט ווי א פלאסטער
לייגט זיך צו צום הארץ און פרעסט,

ז׳פון גולײַפּאָליע ביז פאסטאָוו
און פון פאסטאָוו ביז אָדעס!

קלינגען אים אין קאָפּ נאָך שפּאָרן
און פארגייען אין דער ווײַט;
ס׳האָבן אָפּגעסמאליעט יאָרן,
ס׳האָט זיך אָפּגעגליט א צײַט.

אונטערוועגס און אף וואָקזאלן
און גאלאָפּ — פון גאס צו גאס;
דורך די פענצטער א באפאל אָן,
דורך צעזעצטער שויב — א גאסט:

— אוי, דו טײַערינקע, הער נאָר,
אוי, דו טײַערינקע, ווארט —
נא דיר, נא דיר א גובערניע,
נא דיר, נא דיר א לאָמבארד! —

פרייליכע אפן פערד געריטן,
האָט א היטל אויסגעפעלט,
איז ארײַנגאנגען צו א יידן
און דערלאנגט אים א באפעל

און געטאָן צו אים א פלאקער:
— ביז פארנאכט, אניט — דעם קאָפּ!
ט׳האָסטו פוטער און קאראקול. —
א געשריי געטאָן און — אָפּ!

און דאָס קירזשנערל ט׳געציטערט, —
אי געציטערט אי געשוויצט;
— מ׳דארף א מאָס... זאָל גאָט באהיטן... —
און די נאָדל בלאנקט און בליצט.

און די מאָס האָט ער געמאָסטן
אפ זײַן אויסגעדארטן קאָפּ:
— קייסער — קאָזער! קאָפּ, וואָס קאָסטו,
אויב דו פּליסט אזוי אראָפּ?! —

אויסגעשאָסן — פײַל פון בויגן,
דאָ — א נישטער, דאָ — א טאפּ;
איז זיך וואסקע זשוק געפֿלויגן
פונעם קירזשנער צו דעם שטאב.

און דאָס פערד געווען געטרײַ איז
און פארשטאנען אפן קוק,
און וואַרענעקעס — דאָס כּײַעס
ליב געהאט האָט וואסקע זשוק.

אין א פענצטער זיך צעגאָסן
און דעם קאָפּ געטאָן א רוק:
— היי, וואַרענעקעס זשידאָווסקע
קאָכט דאָרט אָפּ פאר וואסקע זשוק! —

און א צווייטן אויסגעזעצט דאָרט,
אויסגעמייקעט און — פארבײַ.

זיס א נאכט זיך אָפּגעהעצקעט,
אונ אפ מאָרגנ גייט א בייַט:

מאנטלענ פּאָקענע אונ שטרייַמלענ,
דאמענ־וועש — פונ מיר צו דיר. —
...איצטער גייט דאָ א פארזאמלונג
אפּנ פעלדז דעם „באָגאטיר”.

קעפּ צעשויבערטע זיך שפּארנ,
לאפּטיעס, בערד. מע זיצט, מע שטייט;
ס'ווייסנ אלע: — אנ אוואריע
אינ דער דרויב־מאשינ, באם שטיינ.

נייַע קומענ אלעמאָל אָנ,
ס'זיצט לוקא דאָרט אויבנאָנ,
אונ מע ווייסט: אויב שטיינ ניט מאָלנ,
הייסט ניט האָבנ קיינ בעטאָנ!

ס'לויפט פונ מויל צו מויל: — אוואריע,
אונ געזיכטנ זעט מענ קאם.
נאָר ווי פונ א גראָוועד כמארע
גיט א רודער זיך לוקא.

גיט א רודער מיט דער פּלייצע,
גיט א הייב אפ זיך דעם טאָג:
— נו, צום בייַשפּיל, ווי ס'פארשטייט זיך,
עפּעס מוז מענ נעמענ טאָנ! —

ס'ליגט דער דניעפּער אזא בלויער,
ס'דוכט: דאָס שטראָמען ער פארהאלט;
ס'ווייסן אלע, אז די בוירונג
א פארוווּנדעטע דאָרט פאלט.

קלאנג פון גלעקל א צעפּליס זיך
איבער רויך און שטויב געדיכט;
און מע מוז אפ שנעל באשליסן
און באוואָרענען אפגיך!

ווינט פון דניעפּ גיט א פארקעם דאָרט
פלייצעס, רוקנס, בערד — באנאנד;
און אין דר'הייך — עלקאָנעס געמבע,
און אין דר'הייך — עלקאָנעס האנט!

קאָפּ צו קאָפּ, ווי בלאט צו בלאט דאָרט
פון א דעמב אזא, געווענדט,
און עלקאָנע: א בריגאדע —
דרויבן שטיינער מיט די הענט!

דאכט זיך, ס'לויפט דער דניעפּער וואָרנען,
ס'דוכט — קיין איינציק זעמדל רוט;
און טרובא: — די ארבעט טאָר ניט
בלייבן שטיין אפ קיין מינוט! —

ס'טראָגט זיין קאָל פון פלאץ צו פלאץ זיך,
זיינע פיס מע זעט ניט אָן, —

אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן
טראָגן זיי זיך פון פארטאָג.

ס'יאָגט מיט אויג נאָך אווראָם-הערש אים
און מיט אָטעם ווילדר און הייס,
און צו זײַן בריגאַדע: — הערט זשע!
און צו כעוורע זײַנער: — ווייס!

אים פארבלענדט דער ראַש, ווי בליצן,
שרײַט ער אויך אין דעם געלאָפּ:
— ס'איז א ראָד ארויס, אקיצער!
באלעגאָלעס, נו — א סאָפּ! —

נ'זאָל רעדט צו זײַנע שטיוול,
טײַטשט זיי אײַן מיט פרישן טראָן:
— ס'איז ניט יענע וועלט, ניט די וועלט,
ווי איר קוקט מיך, ייִדן, אָן! —

און דער קירזשנער קוקט צום אוילעם
מיטן אויער: — וואָס און ווען...
און עס קײַקלט זיך פון מויל אים:
— דרויבן שטיינער מיט די הענט! —

בלויז דער ייִד פון מעליטאָפּאָל —
אָנגעבוינגן — בא דער טיר.
ווערטער ווי געדיכטע טראָפּן
טראָגן אום זיך: — „באָגאַטיר".

„באָגאטיר“ — קרימט זשוק זיך נאָך דאָרט,
מאלעגיירעט — „באָגאטיר“;
עפּעס זיצט ער א צעקאָכטער,
רויכערט, שפּײַט דאָרט און צעשמירט.

א פארקרימטער און צעקראצטער
אלעמאָל דעם קאָפּ — א שפּאר:
— אלע יאָנטעוו עפּעס פלאצט דאָ,
זאָל ער ארבעטן, טרובא! —

ס'קלעפּט זיך ארבעט ניט צו זשוקן,
עפּעס טראכט ער נאָך אוןווארט;
שוין געשטיינערט האָט ער ברוקן
אף פארוקן די געפאר.

און אָט דאָ איז שטויב און גראָשנס,
לאָמען, שטיינהעקער — נ'וואָס נאָך?
— אוי, ווי ביסטו, זאפּאָראָזשיע,
טאטע-פּאָטערל — מאכנאָ? —

אָטעמט דניעפּ מיט הויך פון יאָרן,
יעדער זאמד עפּעס דערמאנט, —
אָט־אָ דאָ האָט ער געשוואָרן
זײַן מאכנאָן — אן אטאמאן!

## 16

כאָטש ס׳קומט אלע ווייַל
צו גיינ אינ קאריער
א מייַסטער די ארבעט א קוק טאָנ
אונ אזוי — ניט געייַלט —
א באטראכט, א באקלער,
ווי סע פאסט פאר א יונגנ אינסטרוקטאָר;

אונ כאָטש ער זעט אויס
גרויסארטיק אונ דינ
אונ קוקט, ס׳זאָל אלצ בא אים גלאט זייַנ, —
כאָטש מע רעדט אים ארויס
מיטנ גאנצנ טשינ:
— סומבאטא איסמייַלאָוויטש סאלאדזע, —

אונ כאָטש ער דערהערט
וואָס מע דארפ אונ וואָס ניט

און מיט קענטעניש יעדן פארדרייט ער, —
דאָכ טוט אווראָמ־הערש
מיטן אויג אימ א שניט
פאר אנ היימיש, אָפגענארט מיידל.

עס זידט אינ קאריער
אפ פארשיידענעמ לאד,
אווראָמ-הערשנ זיכ צוימענ — קאָסט מי שוינ;
נאָכ אינ דר׳היימ ט׳אווראָמ-הערש
ליב דאָס לעבנ געהאט
זיכ אינ אָרעמע כאסענעס מישנ...

ס׳איז געגאנ זײַנ געשריי,
ס׳האָט דעמ הימל געפּלעטשט,
די קלעזמער — קיינ ריר זיכ ניט אָנ אימ;
און אויב מ׳האָט גערדרייט,
אויב באדארפט האָט מענ פּעטש,
איז געסילעקט אליינ בימזומאָנימ!

ער פוצט זיכ אזוי
דער איסמײַלאָוויטש אויס
און מיט איידעלע ריידעלעכ — גיריק;
נ׳אווראָמ־הערש גיט א זויג
און א שפּײַ ארויס:
— אז סע קומט אפ אימ ניט קיינ פעגירע!.. —

און זאָזעלע באקט
און קראצט זיכ: — ס׳א וועלט

פון ייִד און פון גוי צוזאמענ...
און וואָס איז טרובא?
און עלקאָנענ וואָס פּעלט?
און מיט וואָס איז דענ בעסער נעכאמע?.. —

— וואָס גוי? וואָס ייִד? —
גיט אפ זיי זיכ א לאָז
דער קירזשנער — פארגלייזט אפ סומבאטאנ, —
מע כאפּט נאָר דעמ סטריט,
מע נעמט נאָר די מאָס
און מע מעסט אָט אזוי און מע פּאטערט!.. —

ער שטעלט אפ אימ אָנ
דעמ אויער — גראד
און צו זיכ אינ דער באָרד — א מעלע:
— אזוי ווי מײַנ זאָהנ,
אקוראט,
א הערעלע זאָל עס אימ פעלנ!..

קיינ כילעק קימאט
איז ניטאָ צווישנ זיי...
דאָס איינציקע -- גיט ער א שטעל זיכ:
וואָז דער הייסט סומבאט
אינ זײַנער — מויסיי,
אזוי איז עס איינס און דאָס זעלבע!

די זעלביקע זאכ
מיט א קאלע אונ... אויס!

און קרעכצנדיק ווײַטער ער שיט דאָרט:
ניט קרום און ניט גלײַך,
ניט קליין און ניט גרויס,
און פּוץ! זיך צעגאַנגען דער שידעך!.. —

נאָר עלקאָנע ברענט.
ער איז אויסער זיך
פון אָט דעם אינזשעניער סומבאַטאַ;
ער קוקט מיט די הענט
אים אַרײַן אין געזיכט.
אַרײַנגעשטעלט וואָלט עס אין בלאַט ער,

נאָר וואָס? ער ווייסט:
זײַן אַרבעט איז שטאָל,
און זײַנער אַ קוק — איז אײַזן!..
איז געפּאָלגט ווי מע הייסט,
פּונקט ווי ס׳גייט אים נישט אָן,
און ער דאַרף דאָ קיין קאַס ניט באַווײַזן!

אַז ער קלעטערט אַליין
ווי מע קאָן און ווו ניט
דער סומבאַטאַ איסמײַלאָוויטש — שטענדיק;
טאָמער ט׳עפּעס געשען,
זאָל ער זײַן אין דער מיט,
זאָל ער האָבן דער ערשטער געווען דאָרט!

דעם שטיין מ׳האָט געדרויבעט
מיט הוילע הענט,

אווראָם־הערש ט'פּאַרפּרוּווט באַ אַלע:
— וואָס איז דאָס פאַר גרויפּן? —
ט'זײַנ געמבע געבּרענט, —
אָטוועטשײַענ בינ איכ ניט קיינ באַלנ! —

אונ איינמאָל פאַרנאַכט
איז געקומענ צו גיינ
אינ קאַריער סומבאַטא אנומלט:
— א טעל מ'האָט געמאַכט
פונ א פּאַרטיע שטיינ —
האָט דערהערט אינ קאַריער זיכ א טומל.

מיטנ אויג — א ריר,
מיט דעם פוס — א טאָר,
א פאַראָרדנונג סומבאַטאַס זיכ הערט שוינ:
— טו זיכ אָנ, בריגאַדיר,
קום מיט מיר אינ קאָנטאָר, —
ט'ער א זאָג געטאָנ בײַז אווראָם־הערשנ.

— אינ קאָנטאָר? מע קאָנ! —
ט'אווראָם-הערש געשמוכט, —
אפילע ביסקל דער פּאַרטיע...
אָט טוט מענ זיכ אָנ
אונ מע גיט זיכ א גורט...
קיינ האָר ט'אווראָם־הערש זיכ געשפּאַרט דאָרט.

אינ קאַריער איז א ראַש,
אונ דער ראַש איז פאַרטויבט,

און מע ווייסט ניט, צי אָפּגיין ס'וועט גלאַט דאָ;
די האַנט — אין טאַש,
פון טאַש — זיך אַ הויב,
און ס'גייט אוואָם־הערש מיט סומבאַטאַן.

דער דניעפּער פאַרזויגט
די פינצטערניש טיף,
אַ שיפל זיך אײַלט פונדערווײַטן;
און לײַכט אַזוי,
ווי ער וואָלט געשטיפט,
ז'געגאַנגען אוואָם־הערש מיט סומבאַטאַן.

מ'איז אַרויף אפן בריק,
געגאַנגען מ'איז גיך,
און באַגלײַט האָבן ייִדן בלאַסע;
און פּלוצעם — אַ רוק,
ס'גיט סומבאַטאַ אַ קריך
און אַ גליטש און אַ פלויך אינעם וואַסער.

אַ רעגע דערשרעק
ט'אוואָם-הערשן פאַרקלעמט,
און אין וואַסער אַ שפּרונג — אין דער צווייטער;
און ווי אַ געשלעג
אונטער וואַסער זיך דעמפּט,
עפּעס גרינס ווי דער טויט זיך דרייט דאָרט...

— פּאַרטיק! אַ סאָפּ!
אויס! מע פּליט!.. —

האָט דאָס מויל זיך א קרים געטאָן זאָזל;
נ׳ווי א טשערעדע שאָפ
מיט צעשראָקענע טריט
האָבן אלע געגעבן א לאָז זיך.

— אוראָם־הערש, פאר די האָר!
— אוראָם־הערש, פארן קאָפּ! —
האָט דער קירזשנער געשריגן צום וואסער,
און ס׳הילכט שוין א כאָר:
— אוראָם־הערש, לאָז ניט אָפּ! —
און ס׳צעשפּיליעט א פּאס נאָך א פּאס זיך.

און מע ווארפט זיך אראָפּ,
און דאָס שיפל זיך יאָגט,
און גרונטעווען יעדער לאָזט זיך;
ס׳באווייזט זיך א קאָפּ,
א צווייטער זיך טראָגט,
מע ניסט און מע שפּריצט און מע בלאָזט זיך.

— אוראָם־הערש, פאר די האָר! —
גיט דער קירזשנער א קוויטש
און פאר פרייד — דעם אויער א קראַץ זיך;
ס׳זיינען א׳ע שוין דאָרט,
און דאָס שיפל זיך גליטשט
צו סומבאטא איסמײַלאָוויטש סאלאדזע.

מ׳האָט זיי ביידע באגלייך
געגעבן א וואָרפ

אינ שיפל ווי קארפנ באקליידטע;
גערוישט האָט דער טײַך,
אונ קיינער — קיינ וואָרט,
נאָר א שוימ פונ סומבאטאנ גייט דאָרט...

— ער זיפעט! שאט!
— א לײַלעכ — זהער —
האָט דער קירזשנער געהאקט מיטנ קאָפּ דאָרט;
— איצטער הויבט! נאט!
אונ א טרייסל אָנ דר'ערד;
דער בויכ איז אנ אָנגעשטאָפּטער! —

אווראָם־הערש האָט שטומ
געקוקט אפ די לײַט
אונ געדרייט מיטנ קאָפּ אונ געסאפעט;
עפּעס האָט ער געברומט...
נאָר שווער איז ווי בלײַ
געווענ אימ דעמ אָטעמ צו כאפּנ...

געטרייסלט מ'האָט זיי
אונ געקיצלט דערצו,
ס'האָט זאָזל פונוויַטנ געייצעט;
אָט שמייכלענ שוינ ציינ,
מע באוויַזט שוינ די צונג,
דער ברוק פאר די אויגנ שוינ דרייט זיכ...

דערנאָכ האָט צומ ברעג
זיי דאָס שיפל געבראכט,

געקוקט אפ זיי האָט מען מיט אכטונג;
נ'אז סע גיט זיך א שטרעק
אוראָם־הערש גלײַך
נ'אז ער גיט זיך אין דר'הייך א צעלאָך דאָרט

— געגאנגען! און גאָר!
אנ עק! פירט!
האָדי! לעבעדיק! הײַעט נישט!
איז וואוהין? אין קאָנטאָר?
אָדער עפשער זיך פרײ'ר
א טריקן טאָן, סומבאטא איסמײַלאָוויטש? —

— מע קאָן אין קאָנטאָר —
האָט סומבאטא געשמוכט,
פארן קאָפּ זיך געהאלטן א ווײַלע נאָך;
— צו שטארק פאר די האָר
האָסט געשלעפט... דו!
א פליך קאָן נאָך בלײַבן פון אײַלעניש!

אוראָם־הערש האָט געקוועלט
מיט זײַן הייזעריק קאָל:
— א פליך איז, פארשטייט זיך, קיין מײַלע נישט!
פארגעדענקען איך וועל
אפן אנדערן מאָל...
אנטשולדיקט, סומבאטא איסמײַלאָוויטש!

און געמומען גיין...
נאָר סומבאטא געשווינד:

— אוראָם־הערש! ווארט! שטיי נאָר!
עס טויג ניט דער שטיין...
ער ברעכט די מאשין,
א שאָד וואָס דו שטייסט בא די שטיינער!

מיט אזעלכע הענט,
מיט אזעלכע פיס,
מיט אזא מינ־אָ קראפט פונ דרויבנ,
איז וואָלסטו געקענט,
אוראָם־הערש, געוויס
אינ דער קוזניע... צי, כ׳ווייס, בא א הויבער!

כ׳וועל כאפנ מיט זיי
א שמועס אינ קאָנטאָר!?.. —
נ׳דער קירזשנער ט׳פונ נאכעס געקוועלט דאָרט;
— אָט פונקט ווי מויסיי!
אז ס׳זאָל פעלנ א האָר!..
ווי ס׳טרעפט זיך — איינס אונ דאָס זעלבע!

## 17

אפּ א מײַל אינ דער הייך און אפּ מײַלנ ארום
קאָנ צום פעלדז „באַגאטיר" ניט דערלאנגענ די רו —
אנ אסיפע פונ מענגעס געלאָזט - אינ דער הויך,
מיט אופרײַס, מיט דונער, מיט כמארע און רויך,
ווער עס וואשט זיך אינ ראש, ווער פונ ראש איז באהערשט,
נ'ווי מיט ווײַנ דאָרט באטרינקט זיך מיט אימ אוראָמ־הערש.

ווו ער ווארפט ניט קיינ אויג — הייבנ האמערס און העק זיך,
ווו ער גיט ניט א קוק — זײַנענ פלייצעס און קעפּ,
ווו ער ווארפט ניט קיינ אויג — זײַנענ בערג, ווי געבעקסנ,
ווו ער גיט ניט א קוק — איז צעגאָסענער דניעפּ. —
צי מע דרויבעט דאָ פעלדז, צי מע דרעשעט דאָ ברויט,
צי מע פאָרט אפּ א קנאסמאָל בא אימ אינ דער בויד?

אפּ א קעלניע ער שטייט — צווישנ פעלדונ און גריבער,
ס'בײַסט די זונ און זי קריכט אינ די אויגנ, ווי זייפּ,

און ער קײַעט די היץ און ער קײַעט דעם פיבער,
בא דער ארבעט ער שטײט האלב געבויגן, אזוי
װי געשטאנען װאָלט ער אין דער בויד און געטריבן
צעפּאָלאָכעטע פערד אפ א קרומען שאָסײ.

עס טראסקעט דער שטײן און עס טראָגט זיך א שטויב,
ס׳איז זאָזל פרילישעט און זאָזל איז טויב, —
נאָר ס׳קריכט אװראָם־הערש אים ארײַן אין דער לעבער,
ער שטורכעט און הריזעט אים: — זאָזעלע־לעבן! —
און אלעמאָל גיט ער א פרעג און א טײל אים:
— דו װײסט ס׳ארא סעדרע סע גײט הײַנט, נעװײלע? —

אלע װײַלע דערלאנגט ער די הענט זיך א רײַב,
און געשיקט, װי די בײַטש, הײבט בא אים זיך דער האמער,
ניט ער דרויבעט דעם פעלדז, נאָר ער יאָגט אים און טרײַבט,
און די גאנצענע ערד גײט אפ רעדער, געטרײַ,
ס׳שרײַט זײַן פּאָנעם מיט שװײס, מיט פארברױנ — זײַנע פליאמעס,
און ס׳װילט זיך א „װיאָ" — נאָר דאָס מויל איז פארקלאמערט.

װי געיאָגט פון װאָקזאל װאָלט ער זיך, אװראָם־הערש, דאָרט,
װי מיט די באלעגאָלעס געגאנ װאָלט א שטרײַט.
װעמעס גלאָק אפ דער שטאָט װעט דערהערט זײַן דער ערשטער,
װער אין שטאָט מיט די פערד װעט דער ערשטער ארײַן,
אלע װײַלע — א װיש מיטן ארבל דעם שטערן,
אלע װײַלע נ׳די הענט — אזא העפטיקן שפּײַ!

ס׳יאָגט זיך זאָזל אים נאָך מיט די צײַנער בלויז,
ס׳קריכט די װאָנצע אין מויל דורך צעשפּאָלטענער ליפּ,

און ער שפײַט מיט א קלאָלע אפ צריק זי ארויס, —
אלע ווײַלע — א סאפ, אלע ווײַלע — א כליפ:
— אווראָמ־הערש, כ׳האָב הײַנט יאָרצײַט... דערמאָנט זיך אָט ערשט... —
און א קוק אינ די זײַטנ: — דו הערסט, אווראָמ-הערש? —

— הער אופ קרעכצנ, נעווײלע! — דערלאנגט אווראָמ־הערש
אינ די זײַטנ א שפײַ — ער זאָל וויסנ גענויער,
בא ווענענ ס׳איז ווייניק, בא ווענענ ס׳איז מער. —
וואָס האָסטו געזאָגט? — שטעלט ער אונטער דעם אויער,
און ווידער — אפ לינקס, און ווידער — אפ רעכטס:
— וואָס זשע ווילסטו, נעווײלע? איז לייג זיך און קרעכצ! —

ער גיט זיך צו זאָזלענ א קרימ, אווראָמ־הערש,
און גיט אפנ פעלדז זיך א לאָז מיטנ האמער.
— האָסט יאָרצײַט.. אזוי, נעבעכ... ווײ איז דער מאמענ...
נאָכ ווענענ? נאָכ אימ? נאָכנ גאנעוו — דעמ שווער?..
באדארפסט עס דערציילנ דעמ כאוועր טרובא,
איז מאכט ער א מיניענ דיר — ראז און דווא! —

און ס׳באשפײַט אווראָמ־הערש זיך ווידער: — רעכט!
סט׳עפשער פאָרנ אהיימ אימ דאָרט שטעלנ א לעכט? —
— אהיימ איז אהיימ, — גיט זיך זאָזל א טראָג... —
און שפײַ נאָר אזוי ניט... איכ וויים ניט ווי דיר איז,
דו מיינסט, אווראָמ־הערש, פאר אזעלכע סכירעס
איז קאָנ איכ זיכ אופהייבנ הײַנטיקנ טאָג?.. —

— נו, גיב דאָרטנ, זאָזל, איבער א גרוס,
און דריי זיכ, נעווײלע, אינ וועג אויס א פוס,

און נעמ אפנ וועג זיכ מיט זשוקנ ארומ,
א צאדיק אזא — נעבעכ קומט ער דאָ אומ,
און יאָרצײַטנ האָט ער הײַנט אויכ פארגעוויס
ניט אײנעמ... איז גײט און — צעברעכט זיכ די פיס! —

און זשוק ערגעצ בראָיעט, און זשוק ערגעצ ברײַעט,
ער טײַטלט אפ הענט און ער טײַטלט אפ שטײנער —
צו אײנעמ, צומ צווײטנ, צו אלע נ׳פאר זיכ דאָרט:
— ס׳אנ ארבעט דעמ שטײנ מיט די פינגער, און — שטײ ניט,
און ס׳איז ניט קײנ זונטיק, און ס׳איז ניט קײנ פרײַהײַט,
איז וואָס? איז וואָס־דענ? — און עס קײַקלט זיכ: — ריכטיק! —

לוקא האָט געשוויגנ. געקוקט אומעטומ האָט.
זיכ צוגעהערט שטיל און עפּעס געווארט.
לוקא האָט געוויגנ דעמ ראש און דעמ טומל:
א וויפל ס׳איז קעגנ, א וויפל ס׳איז פאר,
און פונדאנענ — אהינ, און פונ דאָרטנ — אהער,
און צומ סאָפ זיכ א הײב: נו, וואָס זאָגט אורעאָמ־הערש!

אוראָמ־הערש האָט געטראכט און געארבעט: — נו, וואָס?
וואָס יאָ, איז יאָ... די מאשינ איז אוואדע,
נאָר דאָס, וואָס עס דרײט זיכ דאָ זשוק און ער יאדעט...
איז שנײַדט עס אינ הארצנ אימ פונקט ווי מיט גלאָז,
ער קאָנ ניט פארטראָגנ ס׳באנדיטישע קאָל,
אָט זאָל מענ אימ, טראכט ער, באשיטנ מיט גאָלד,

וועט ער אינ קאָמפּאניע ניט גײנ מיט אזא,
וואָס ווײסט אימ דער רועכ, וואָס ער טוט דאָ און בראָיעט,

וואָס קאָן דיר אריַנלייגן גלאָז אינעם ברויט,
וואָס קאָן אפּן קאָפּ דיר דאָ אָנטאָן א זאק,
וואָס מע דארף אפּ אים האלטן דאָס אויג — שארף,
ווען ער גיט נעבן דיר זיך א דריי און א שאר...

ער אליין, טראכט ער, אויך איז דערפאר ס'זאָל באלד
די מאשין אים דאָרט ברענגען צו טראָגן טרובא...
עס וואָלט גאָר ניט גשאט... ווען מע וואָלט זי געהאט...
און געווען ס'וואָלט דאָ גרינגער און גיך — אקוראט.
אָבער דאָס, וואָס סע קאָהאָלט זיך זשוק ארום דעמ...
איז גיט ער דעמ אוילעמ א הייב און א נעמ:

— באלעגאָלעס! שטיינהעקער! אלע, הערט!
ווער נאָך איז פאראן? ווער נאָך פון קאריער? —
אפּ זשוקן א קוק, מיטן האמער א קלאפּ, —
איז ווער פאַרן עק, און ווער פארן קאָפּ,
און האָדי און פּאָטער! מע ווארפט אים ארויס
און מע מעלדעט דעמ כאווער טרובא און — אויס!

געזען כ'האָב דעמ כאווער טרובא אין דער קיך,
די קאשע ט'געשמעקט... איז אליין אפגיך,
געזען, ווי ער שטעלט די נעשאָמע זיך איַן, —
באלעגאָלעס! ס'קאָן בעסער אין לעבן ניט זיַן!
איז זאָל ער אונדז זאָגן אזוי ווי ער קאָן,
און וואָס ער וועט זאָגן, אזוי וועט מען טאָן! —

עס נישטערן הייבערס. זיי שניַידן די הייכן.
זיי שטרעקן ווי הענט זיך און מאָנען און קרעכצן.

און ערגעץ צעהאַקט זיך טרובאַען דאָס קאָל.
עס ציטערן דראָטן. די פענעמער בלײכן.
און ס'רופן זיך ברעגן, נאָר עמעצער ווערט זיך.
און ס'רופט א פארזאמלונג באַנאַכט דער ארבקאָם.

פארזאמלונג פון שטיינהעקער — שטײניק געלאטעט.
פארזאמלונג פון שטיינער אף פעלדזיקע לאַנען —
און ס'וויסט שוין דער דניעפער, אז עפּעס קומט פאָר,
און ס'הערן פון ווײַטן זיך צו עקסקאַוואַטאָרס,
און ס'שאָקלען מיט שנאָבלען די שטאָלענע קראַנען,
און לאָקאָמאָטיוון זיך מעלדן צום וואָרט.

נאָר דאָס וואָרט נעמט טרובא. די פארזאמלונג גייט ווײַטער.
ער האַלט אין די אויגן באַריכטן פון ארבעט,
א שטיק קאָטלאָוואַן און א שטיק פונעם דניעפּ,
און ערגעץ די שוועלן זיך זאָטלען ווי רײַטער,
און ערגעץ די שוועלן זיך רײַסן אין נאַכט־פּײַן,
און ס'ווענדט זיך טרובא צו פארזאמלטע קעפּ:

— כאַווײרים! די קאַשע איז... ווירקלעך... נאָר אָן איר —
ז'מיט אײניקע האַלט עס נאָך זײער שווער...
פאַראַן נאָך אַזוינע... אין נאָרעס פארבאַהאַלטן...
ווער ס'שפּײַט אונדז אין קאַשע... ווער ס'שפּײַט אונדז אין פּאָנעם,
אַזעלכע, וואָס מעסערס פארגרײטע זײ האַלטן
און נוצן די שטיינער זיך אויס פאַר געווער...

דאָס דרויבן מיט העַנט איז אַן אויסרייד. ס'אַזוי נאָר,
ס'וועט גרײט די מאַשין זײַן צו מאָרגן פאַרפרי דאָרט, —

און ס׳בעט זיך די האנט צו דעם גורט... — ס׳איז ניט וויכטיק,
אדורך צווישן אונדז ז׳ווי א וואָרעם דער סוינע
און הריזעט פון אינווייניק. (אָפּקלאנגען: נידער!)
מיר וועלן אים אײַנבײַסן. (אָפּקלאנגען: ריכטיק!)

און ס׳טרובעט טרובא: — מ׳עט שטימען. מ׳עט הערן.
ווער וויל נאָך א וואָרט? — נאָר עס הייבן זיך ברעמען,
און ס׳בליאסקען אפּ אים נאָר די שווייסיקע טראָפּן.
נ׳אז שטיינהעקערס קנייטשן מיט בערד און מיט שטערנס,
נ׳אז ס׳וואָרט וויל פון שטיינהעקערס קיינער ניט נעמען,
איז וויל עס דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

איז וואָס ווייסט א ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל!
וואָס האָט ער געהאט און וואָס האָט ער פארלאָרן?
עס גיט זיך מיט ווערטער דאָס מויל אים א שטאָפּ אָן:
— נו, רייד, מעליטאָפּאָל, קורץ און קלאָר, —
גיט זשוק פאר די אויגן דעם ייִד זיך א שטעל, —
פאר מיר און פאר דיר נ׳פארן גאנצן ארטעל! —

און ס׳ווערט א געטומל. און ס׳ווערט א געלעכטער,
און ס׳ווערט א געהודע פון איינעם צום צווייטן,
און יעדערער שרײַט, ער זאָל צוגיין צום טיש:
אָט זאָל ער זיי זאָגן, אָט זאָל ער א גיי טאָן!
און ס׳גיט זיך א שיט פון אים עטלעכע ווערטער:
— ס׳איז ריכטיק... ס׳אזוי, — און ער האָט זיך צעמישט.

דער קירזשנער ז׳געשטאנען בא זײַט און געהערט,
די האנט אפּן איינציקן אויער פארפעסטיקט, —

ער דרייט זיך אהין און ער דרייט זיך אהער,
און עפּעס ער מורמלט און כאָזערט זיך שווער:
— דער שניט איז אַ שניט, נאָר מע דאַרף נאָך אַ מעסט טאָן, —
פאַרשטייט זיך, ס'איז ביטער... וואָס נאָך און וואָס מער? —

נאָר אינמיטן געטומל — באַפעליק און קאַלט
האָט אַ הייב געטאָן ס'בערדיקע פּאָנעם לוקאַ,
ווי אַ כוואַליע אַ ריס איבער אַלעמענס קעפּ:
— ציט! לאָזט אים ריידן! ער ווייסט, וואָס ער רעדט!
ס'איז אויך ניט מיט קישנס געבעט דאָ זײַן בעט! —
און דאָס וואָרט פון לוקאַ ט'זיך צעקריקלט אין סטעפּ.

און שטימען: — אוואַדע!
און שטימען: — איז וואָס זשע?
און שטימען אָפּ שטימען פון יעטווידן אָרט:
— נו, פּרוּװ זיך, נו, נאַ דיר,
— נו, פּרוּװ זיך פאַר גראָשנס! —
האָט ווידער טרובאַ זיך גענומען דאָס וואָרט.

האָט טרובאַ זיך געשטעלט
בײַ דער זײַט פונעם טיש
און פון שטערן פאַרשאַרט זיך די העל־בלאָנדע האָר,
ס'האָט דאָס וואָרט אים געפעלט,
און דער שווייס האָט געפרישט:
— נו, איז אָט, ס'איז פאַר יעדן און אַלעמען קלאָר. —

און עס ריידן שוין אַלע. מע רעדט שוין אײנײנעם.
מעווישט זיך די מײַלער, און מ'איז שוין צעוואַרעמט,

און ס'איז פונקט אזוי פּאָרכטיק, ווי ערעוו א שלאכט;
און ס'ציִענ די הענט זיך אלײנ שוינ צו שטײנער,
און ס'שורווענ די בערד, און די הענט זײַנען וואכיק,
און מ'איז אפ דער ארבעט ארויס נאָך באנאכט.

ס'האָבנ הענט זיך געגעבנ א פּאָכע ארופ,
און טרובאס שטימ שטײַגט ערגעץ אופ:
— אויב נעכטנ באדארפט האָט מענ שרויט — איז שרויט,
און הײַנט אויב מיר דארפנ בעטאָנ — איז בעטאָנ!
און ס'וועט אונדז ניט פעלנ קײנ אײנציקער לויט,
און ס'וועט אונדז ניט פעלנ קײנ אײנציקער טאָנ!

## 18

איז מענ אינ דר׳היימ בא זיכ. געקומענ מ׳איז אהער
דעמ קויעכ פארפרוונ גרייט אונ פארטיק;
עלקאָנע קומט צו לויפנ אינ קאריער
מיט שטיינהעקער זיכ זענ אינ אומבײַט פונ די וואכטעס.

נאָר ס׳ציִענ אימ אוועק די מיידלעכ באמ בעטאָנ:
דעמ יונג געפעלט, וואָס הענט זײַנענ בא זיי געזונטע;
ער פלעגט זיי אמאָל זענ אינ לענטעס בלענדיק אָנגעטאָנ
אפ קארוסעלנ רוישיקע אומ זונטיק.

אונ אז עס גיט א קלונג דער מיידלשער געלעכטער,
פארגלעקלט ער מיט קלאנג דעמ ראש פונ דניעפ,
אונ הייס אינ קאָפ עלקאָנענ אזוי ווערט דאָרט,
אונ איינע גיט ער קלוימערשט א פארטשעפ.

אז וויפל ראש ס׳איז ניט פאראן אין דניעפּ,
איז צען מאָל מער פאראן בא זיי געלעכטער;
— אך, מיידן, מיידן, האָבן דארף מען צו אײַך זיבן קעפּ
און זיבן מאָל אזויפיל הערצער! —

ווען מיידלעך רוישיקע אין הויזן ער דערזעט,
ווען ער דערשמעקט דאָס לײַב דאָס מיידלשע, צעבליטע,
וואָס שפּארט פון אונטער שטײַף־פארצויגענעם ברעזענט,
פארווילט זיך שרײַען אים, פארווילט זיך אים א פלי טאָן.

און ס׳ווילט זיך אזוי זײַן געטרײַ,
און ס׳ווילט זיך צולויפן צו אלע —
זיך אָנטרינקען פון אָט דעם אײַנגעצוימטן פרישן לײַב,
זיך אָנטרינקען ביז אומפאל, ביז צום פאלן —

און ס׳ווערט אים ליכטיק, הייס און העל,
מיט היץ פארגיסן זיך די ברעמען —
— אײַ! איז עס א זיסע וועלט,
דער טײַוול זאָל זי נעמען! —

ער ארבעט גיך. ער יאָגט דעם טאָג,
עס זאָל דער טאָג אוועקגיין גיכער;
און געבן זאָל ער זיך א טראָג
א ריס אין אָוונט ווי א וויכער.

און זײַן די מידקײַט זאָל אים זיס,
די פינצטער זײַן זאָל דרײַ מאָל ליכטיק;

די ארבעט גייט מיט פלײַס און פליס,
און ניט קיין רעגע ער פארלירט דאָרט.

נאָר ס׳גיט דער שטאָלץ אים א צעטראָג,
און ס׳גיט א בלאָנדזש אין אים דער אייפער:
אז מיידלעך שטייען באם בעטאָן
איז קלאָר, אז ער וועט מאכן דרײַפאך!

עס קומט די נאכט. זי טוט אים אָן,
זי טוט אים אויס — ער איז אליין נאָך...
ער גייט ארויס און גיט א מאָן,
אז עס צעקלינגען זיך די ביינער.

עס קומט די נאכט און — א פארמעק
די לעצטע שאָטנס די פארלאָזטע;
ער גייט ארויס און גיט א שמעק:
עס שמעקט, דער טײַוול ווייסט מיט וואָס דאָרט...

עס קומט די נאכט. דאָס הארץ פארזידט,
און עפעס כאָלעמט זיך און דאכט זיך;
ער גייט ארויס און גיט א צי
די גאנצע נאכט צו זיך אין הארצן.

אָט איז ער דאָ און איז ניטאָ
און באלד לעם איינער דאָרט א שטעל זיך:
— איר ארבעט דאָ? בא דעם בעטאָן?
און איך — באם אופרײַסן די פעלדרון!

כ׳קאָנ אופרײַסנ די גאנצע שטאָט,
איכ קאָנ די זאכ, כ׳האָב עס געלערנט;
ס׳איז גאָרניט, דעמ פאטראָנ פארשטאָפּט
אונ א קאָמאנדע: ארטילעריע! —

נאָר אז ער ציט א׳ר אויס די האנט,
איז זאָגט ער דאָכ מיט שטאָלצ אינ הארצנ:
— בא אונדז איז אויסגעפּילט דער פּלאנ —
האָ-האָ — אפּ גאנצע הונדערט אכצנ! —

---

אונ אפנ צווייטנ אפדערנאכט
האָט ער זיכ צוויי מאָל אײַנגעוואשנ —
געוווּסט שוינ אלצ, וואָס ער באדארפ,
אונ ס׳האָט אינ קאָפּ געקלונגענ: גראשא!

ער האָט מיט גוואלט דערשלעפּט די נאכט
אונ שטיל געלאָזט זיכ ווי א שפּארבער;
זי גייט פונ טײַכ. ס׳איז זייגער אכט.
ער ווייסט — דעמ וועג האָט ער צעשפּארט דאָ —

אז גאָר ניט ווײַט באמ סאמע טראקט
האָט זי מיט כאווערטעס צוזאמענ
א מיידלש בעט אינ א באראק
אונ אינ דער היימ — אנ אלטע מאמע.

פונ אונטער ציצענעמ בערעט
אזעלכע פאסמעס האָר זיכ קלאָרנ;

און א קאָמיוגישער בילעט,
און נײַנצן בלּיאסקעדיקע יאָרן...

אז אלץ איז אפּ איר אויסגעטאָקט,
אז אלץ מיט אזא כיין באגיסט זיך —
דאָס שפּילעוודיקע ג. ט. אָ.
אפּ אירע שפּארנדיקע בריסטן.

די אויגן — העל, די אויגן — ריין,
און אין די האָר — א בלויע לענטע;
און אפּ דער זײַט — אין יונגן כיין —
דער קאָפּ מיט האָזע אָנגעלענט איז.

איז אפּן צווייטן אפּדערנאכט
פּונקט ווי א שפּארבער — אָנגעגרייט דאָרט, —
איז ער געשטאנען און געווארט,
אז שיסן גיין זיי זאָלןביידע.

א רויע בענקשאפט האָט געשפּארט,
און אזא אומגעדולד א זיסער;
און ס'האָט די דניעפּערישע נאכט
אפּ שטיקער פײַער זיך געריסן.

און יעדן ווינט געלאָזט אפּ פרייד
האָט די פאנאנדערוויגטע געגנט,
מיט אויגן טויזנטער באגלייט,
מיט אויגן טויזנטער באגעגנט.

די הרעבליע האָט זיך הויך געוויגט,
געגאנ נאָך וואכטע איז א וואכטע;
ס'האָט גלאשא אויסגעפוצט די ביקס,
און ס'האָט עלקאָנע זיך דערוואַרט דאָרט...

## 19

דער איבעריַיס הייבט זיך ניט אָן,
דער איבעריַיס פליסט דורכויסיק:
א טייל גליטשט אריַין זיך אין טאָג,
א טייל גליטשט פון אים ארויס זיך.

עס ציט זיך א קייט נאָך א קייט
פון רוקנס פון בערדיקע ווינטן;
א ווען דער טאָג פארגייט,
א ווען דער טאָג באגינט דאָ.

ארטעלן — אהין און צוריק,
ארטעלן — ארופ און אראָפּ גיין;
עס דונערן הילכיקע טריט,
און ס'דונערט פון טיף דער אָפּגרונט.

מע גייט און מע קארגט זיך א לאך טאָנ,
מע אײַלט זיך — געוויכטיק און שווער,
מ׳האָט נאָרוואָס געענדיקט די וואכטע
אינ קאלכענעם טיפנ קאריער.

געזונטנ הונגער מע טראָגט,
ס׳איז גוט אינײנעם, אלע;
אָט גיט מענ א נעמ דאָרט דעמ טאָג,
אָט צערײַסט מענ אימ דאָרט, ווי א כאלע.

זיי גייענ — קיינ סאָפ מע זעט ניט,
דער אָנהייב איז ערגעצ שוינ ווײַט;
די הרעבליע אינ זונ קלעטערט,
אונ וואכטע נאָך וואכטע זי בײַט.

אנטקעגנ גייט מענ פארטראכטע,
עס שורועט שפרוך פונ געוויכט;
מיט מײַלער מע ווינקט מיט באפײַכטע,
מע בליצט מיט די ציינ אפ דער קיך.

עס זײַנענ די ליפנ געפעטיקט,
אונ שוויס די שטערנס באשווערט:
— הערט נאָר, ברידערלעך, פעטערס!
— הערט נאָר, כאווײרימלעך, הערט!

אונ הענט פונ די ליידיקע טאשנ,
פונ טרוקענע מײַלער יאָגט:

— עפּעס געשמאַק היינט די קאַשע?
— בריִדערלעך טייערע, זאָגט?

מע הערט, ווי די קישקעס זיך שווענקען
אין פלאַמיקן באָרשטש און אין סוֹף;
מע גרעפּצט, און ס'ווערט ליַיכטער און ווייניקער,
און איינער דעם אַנדערן שטופּט.

און פריידיק דער מענטשלעכער שטראָם איז,
ס'טרעט קיינער ניט אָפּ דעם וועג;
אָפּ שטויביקע קעפּ — קאַפּישאָנעס,
אָפּ אַקסל ברעזענטענע — העק.

דער טאָג, דאָס לעבן גענענט.
די פּענעמער שמייכלען באַקומען;
עס רייבן זיך הענט אָן הענט
מיט הענטשקעס גליטשיקע גומי.

עס זיינען די פּלייצעס באַוואַקסן,
עס זיינען די פּלייצעס ברוקירט;
און ווער דאָס געציַיג — אָפּ די אַקסל,
אָפּ וועמען — ס'געציַיג קריכט.

אַ העלער געפּילדער צעטראָגט זיך
פון גלאָקיקע שטימען אין גאַנג;
עס טראָגן זיך יונגען, באַוואַקסן
מיט כיישעק, מיט דאָרשט און געזאַנג.

און מיידלעך אין פלודערן ברייטע,
מיט רויטע קאָסינקעס אפ קעפ, —
דעמ וועג פארגלעקלט מען פריידיק
מיט הילכיקנ גלאָקנ־געשטעפ.

פונ אויסגעהוילט־טיפע קאריערנ,
פונ טיפע פונ קאלכענע זעק,
מיט גומענע שטיוול מיט שווערע,
געצײלעמט מיט לאָמענ און העק,

זיכ דראפענ ארופ דאָרטנ רוישיק,
פארשטויביקט ארטעל נאָכ ארטעל,
די הענט דאָרט מיט הענט זיכ פארטוישנ,
נאָר פיס, ווי העלפאנדס, מע שטעלט.

און אויגנ טוקנ זיכ — העלע
און שווינדלענ, מע זאָל זיי ניט זענ;
און לעמפ, און עלעקטרישע דרעליערס,
און שטאָלענער, הארטער ברעזענט.

ארטעלנ — אהינ און צוריק,
און פריידיקער ראש אינמיטנ;
עס פײַפט און עס רופט די פאבריק,
עס קלינגענ די קעסלענ צומ מיטיק.

באפרישט איז די לופט מיט פארע
פונ טערפקער, פונ זויערער קרויט,

און ווינטן אזעלכע שפארן
פון שווארצן פון קאָרענעם ברויט.

די נעזלעכער עפּעס דערפילן,
און אויגן זיך עפענען בלוי:
ס'פארשמעקט מיט געשמאקער אכילע,
ס'פארשמעקט מיט רו און באלוין!

און פעטערס, פון יאָרן געשטורעמט,
אין יאָרן, ווי נ'קאָרע פארהילט, —
מיט בערד, ווי אזעלכע באנדורעס,
כאָטש שטעל זיך אוועק און שפּיל:

„דינא־דאנא, דינא־דונא,
זאפּאָראָזשער בא דעם דונײַ,
זאפּאָראָזשער בא דעם דניעפּ;
דינא־דאנא, דינא־דונא,
שטייט אוף, זיידעס, פון די טרונעס
און פארנייגט די גראָווע קעפּ!

דינא־דאנא, דינא־דונא,
זאפּאָראָזשער בא דעם דונײַ,
זאפּאָראָזשער פונעם סטעפּ;
דינא־דאנא, דינא־דונא,
ס'האָט דער דניעפּער זיך צערודערט,
ס'רופט אהיים איצטער דער דניעפּ.

דינא־דאנא, דינא־דונא,
זאפּאָראָזשער בא דעם דונײַ,

זאפּאָראָזשער מעסער, בלאנק!
דינא-דאנא, דינא־דונא,
ס'ציִען טעג זיך אָן, ווי סטרונעס,
אפ אוקראינע, אפן לאנד!"

און פּעטערס, מיט יאָרן געזעטיקט,
געוואקסענע נידריק און קליין;
מיט בערד, ווי צעשפּרייטע גאזעטן,
כאָטש שטעל זיך אוועק און לייען:

זאפּאָראָזשער טאטעלעס און זיידעס,
מיט ספּירט אין די אויגן צעפלאמט;
מ'האָט דוירעס געפּאשעט, געזייט דאָ,
ביז סאמע דעם שווארצן יאם!

עס ציט זיך דער צוג צום מיטיק,
די פּולסן ווי פייגל אין שטײַג.
ווי גיט מען אזוי ניט אינמ'טן
א פּרווו מיט די הענט דאָס געצײַג!

א ווינט פון אלעמען רײַסט זיך,
און כיישעק פון אלעמען שטראָמט.
סאראטאָווער, טולער מײַסטערס
מיט הענט הארטער פון שטאָל.

ברייטפּלייציקע הויכע זיך שפּארן,
אין בראָנזענע בורקעס געפּאקט;

אז נעמ מיט א ליד זיי דערוואַרעמ,
צעקנאַקנ זיי גלײַכ א האָפּאַק,

ווי וועלשענע ניס ווי געשמאַקע,
מיט טרישטש אונ מיט כראָמק אונ מיט זאַפּט,
אז בלוט דורכ די בורקעס פּלאַקערט,
אז בלוט אונטער בורקעס זיכ וואַרפּט!

אונ ס'ציט זיכ דער צוג דער קאָלירטער,
ס'דערציילט עפּעס יעטווידער שפּאַנ;
כאַלופּקעלעכ בלויע, געשמירטע,
פּאַפּאַכעס פונ דאָנ אונ קובאַנ!

אונ א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
אונ א ייִד, וואָס מע קאָנ ניט דערגיינ,
פונוואַנענ, פונ וואָס ז'ער געלאָפּנ,
אונ א ייִד, וואָס ער ווייסט ניט אליינ...

ער וועט זיכ נאָכ עפּשער דערמאָנענ?..
נאָר ס'יאָגנ פּאַרשפּעטיקטע נאָכ
געוועזענע דניעפּ־אַטאַמאַנענ
פונ פינצטערנ שייוועט מאַכנאָ!

מע וועט זיכ א ציילעמ דאָס מויל טאָנ,
אינ מויל, ווי אינ שייד — א שווערד;
אז ערגעץ טליִעט נאָכ ווילטיק
פונ טשערעדעס קיִענ אונ פערד.

אונ געגאנ אווראָם-הערש איז פונ פאָרנט,
זיכ געווישט אפנ וועג ט'ער די הענט
אונ געטראכט: ס'איז א טאכלעס געוואָרנ
פונ אזא באלעגאָלע, ווי ער,

וואָס האָט אָפגעקנאקט הילכיקע יאָרנ,
אונ די יאָרנ געפירט פונ דער באנ,
ווי פארשוינענ אפ זייַנע רעסאָרנ,
אונ אליינ צו די פערד זיכ געשפאנט,

אונ פאר מוירע געפאָלגט האָבנ רעדער,
אונ דער וועג — מיט א גרינבלעכער ציכ. —
איצטער טראָגט אווראָם-הערש, ווי א רעדנע,
א גומענעמ זאָטל אפ זיכ...

ז'ער געגאנ, אווראָם-הערש, פונ פאָרנט,
ווי געפירט צו דעמ טרונק וואָלט ער פערד,
אונ געטראכט: וואָס פונ אימ איז געוואָרנ,
אונ וואָס ער איז געווענ, ט'ער געקלערט...

ווענ עס וואָלטנ דערזענ אימ די וועגנ,
ס'זאָל די בלאָטע א קוק טאָנ אפ אימ, —
וו אינ פינצטערניש איז ער געלעגנ
מיט דער בויד, מיטנ פארשוינ אונ נאָכ ווי?

ווענ עס זאָלנ דערזענ אימ די גריבער
פונ די זיבנ געשוואָלענע מייַל,

ווּ אין שווײַס בא די נעכט ט'ער געטריבן,
ווּ אין שווײַס צום באגינען געײַלט,

ווּ אין גלאנץ פון דעם זומפּ האָט זיך יאָרן,
האָט זיך יאָרן געשפּיגלט זײַן קאָפּ —
איז נאָך שווארצער זיי וואָלטן געוואָרן,
און נאָך טיפער זיי וואָלטן אראָפּ.

ס'האָט מיט אים דאָרט א וועלט געראשט דאָך,
דערפער גאנצע ארום —
און דאָ — מיט נעפאשעס ליאדאשטשע,
נ'אים דאכט זיך — ער הערט א געברום:

— ווּ איז, אווראָם-חערש, דײַן גוורע?
— ווּ איז באלעגאָלישער שטאָלץ,
וואָס אפ אײַנברעכן אים אזא שטורעם
ז'אפ דער גאנצער וועלט נישטאָ?

איז געדרייט דעם קאָפּ ט'ער אפ הינטן,
זיך אײַנגעהערט בייז אין זײַן טראָט;
ס'איז פאוואָליע אוועק שוין א ווינטער,
עס איז פײַטעך שוין באלד — אָט-אָט!

ס'קלאפט די זון, ווי א טאץ אין א טאץ אויס,
אז דער פרילינג גײַט, ער קומט אָן,
אז פאר פרייד ערגעץ קנאָספּן פלאצן,
ס'ווייסט דער ווינט ניט מיט זיך וואָס צו טאָן.

זאָל אײַלט אווראָם-הערשנ דעריאָגנ,
ס׳גלאנצט מיט שווייס זײַנ צעשפּאָלטענע ליפּ,
זײַנע קעשענעס בײַסנ פּאַיאָקנ,
נאָר זיי זײַנענ אים אויכעט ניט ליב.

ס׳איז אים הייס, ער פילט אזוי מאט זיכ,
פונ די ליפּנ טריפט אזוי שווער:
— אווראָם-הערש, מ׳קער שוינ באקנ מאצעס!
אווראָם־הערש, ווארט נאָר אויס, אווראָם־הערש! —

דער לעצטער געגאנ איז לוקא דאָרט,
געגאנ, ווי געטראכט — שווער;
געטראָגנ פונ אים האָט מיט טאטע,
געטראָגנ פונ אים האָט מיט ערד.

ער האָט נאָכ ניט אלצ פארשטאנענ,
ער האָט נאָכ ניט אלצ דערטראכט;
עפּעס אומקלאָר נאָכ זאכנ זײַנענ,
וואָס ווײַטער וועט זײַנ דאָ — ער ווארט...

ער פילט, ווי סע פלאטערט א פרייד דאָ,
אזא, וואָס פארפלייצט אונ בריט;
נ׳עפּעס גייט ער ניט פעסט נאָכ אפ ביידע,
עפּעס גלייבט ער נאָכ קנאפּ זײַנע טריט...

ווענ די רוימענ מיט זונ זיכ פארפילנ,
ווענ א גאנצער באגינענ ברענט, —
שלאָגט ער פײַער נאָכ אויס פונ קריסיליע,
שלאָגט ער פײַער נאָכ אויס מיט די הענט!

## 20

אין קלוב געווען איז אָנגעהילכט און ראשיק,
געשטיגן האָט דער טומל פון פארוויילונגען אין דר׳הויך;
דער באלקן אויסגעזען האָט כמארעדיק און אשיק
פון אויסגעדאמפטן שווייס, פון אָטעמס און פון רויך.

די ראדיאָ האָט גרימפלדיק געשפילט דאָרט,
א יעדער קלאנג האָט זיך געלייגט אונטערן טראָט;
און מיט א פײַערלעכן שוימיקן געפילדער
האָט אלע ווײַל געפלאצט א פלאש סיטראָ.

צעשטעלטע טישעלעך פאר שאָך האָבן געסקריפעט,
דער ראש האָט זיך געטראָגן צווישן אויערן און ווענט,
אפ שטאנגען האָבן צײַטונגען געשוועבט און זיך געריבן,
ווי זעגלען אָנגעצויגענע, — פון הענט צו הענט.

דער אוילעמ האָט זיכ אינ פארווײַלונגענ צעטײלט.
מיט בײזע קלאָלעס האָט דאָרט זאָל אָפגעטריבנ פליגנ, —
נאָכ אײנער ביז דער טיר געלאָפנ מיט א פויסט,
ווי מיט א שטײנ.

דער ײִד פונ מעליטאָפאָל האָט געטרונקענ הײסנ טײ,
זיכ אָפגעבריט אונ זיס געקרעכצט פונ פארגעניגנ;
דעמ קאָפ געדרײט, ווענ ס'האָט א זעצ געטאָנ די קליאמקע
אונ ווענ דאָס טישל אונטער אימ האָט זיכ גענומענ וויגנ.
דער קירזשנער האָט געפלאקערט אינ א פארטיע דאמקע
אונ אלעמאָל א שטײנ געפאטערט מיט א ניגנ.

ארומגערינגלט האָט מענ אימ, — א קײַלעכיקע ראמ —
געשטאנענ נעבנ אימ זײַנענ פארטײדיקער געטרײַע,
נאָר ער האָט קײנעמ מאכנ ניט געלאָזט קײנ טאראראמ,
ווענ זיכ געזעגענענ ז'אימ אויסגעקומענ מיט זײַנ כאיל...
ער האָט דאָרט בלויז דעמ אויער אָנגענויגט,
עס האָבנ זיכ אימ נאָר די שאכטעלעכ געטאָפלט; —
נאָר ניט ארויסגעלאָזט פונ אויג
האָט ער דעמ ײִד פונ מעליטאָפאָל.

בא יעדנ אײנציקנ פארפושטנ שטײנ
האָט ער זיכ ביזנ בײנ אפ אימ צעקאָכט דאָרט:
— רעב ײִד! וואָס טרינקט איר אזא פײַערדיקנ טײ?
— רעב ײִד! איר וועט זיכ נאָכ, כאָלילע, אָפּסארפענ דעמ גאָרגל! —
אונ זאָל האָט פונ טיש צו טישל זיכ גערוקט,
ער האָט געזוכט אנ אָרט פאר זיכ וואָס פרײַער

און זיך אריינגעמישט מיט פּאָנפ: — נישקאָשע, טרינקט!
צו פּייער איז די בעסטע סגולה — פּייער! —

פון צווייטן צימער האָט זיך צו דער גאס
א הילך א טויבלעכער געריסן;
ס'איז דאָרט געלעגן אווראָם־הערש אין קאס
און זיך געלערנט שיסן.

דאָ האָבן ביקסנשלעסער שטרענג געקריצט גלייך ווי מיט ציינ,
א וואנט מיט צייכנס האָט געקוקט פון קעגניבער;
דאָ האָט מען בלויז געקוקט, געציילט
און אלץ פארשריבן.

אהער, מיט מיידלעך מונטערדיק קאָפּירט,
געשטראָמט האָבן באָכורים בלאנקענדיק און בויגיק;
און פריער,
נאָך איידער צוגעגאנ מ'איז צו דער טיר,
האָבן אליינ אפ העלפט זיך אָנגעשפיצט די אויגן.

ווען ס'האָט עלקאָנע זיך דערלאנגט
אהער א שטופּ,
האָט ער א ווײַלע אָפּגעלאָזן גלאשען;
פונוויַיטן אויסגעשטרעקט די האנט,
א רוק געטאָן אינ דר'הייך דעם דאשעק,
ארומגעווישט פון היץ דעם שטערן
און זיך געגריסט: — א גאסט אינ קלוב!
ווי גייט עס עפעס, אווראָם־הערש, בא דיר די בוכהאלטעריע? —
ס'האָט אווראָם־הערש אים ניט געענטפערט.

ער איז געווענ אקשאָנעסדיק פארטאָנ
אינ זײַנ ניט קאָנענ טרעפנ,
אינ אָנהייבנ א יעדער מאָל פונסנײַ א קאָנ.
צומ אקסל ט׳ער די ביקס גערריקט,
גלײַכ ווי אנ אומגעפאלנ פערד פונ בויד דעמ דישל,
דאָס אָנטאָנ האָט אפ אימ געפלאצט אונ אימ געדושעט.
ער האָט גערדייט דעמ קאָפ אפ הינ אונ צריק,
געריבנ מיט דער באָרד אונ זיכ געבעריעט
נ׳ארײַנגעסאפעט זיכ אליינ: — ס׳א שווערע בוכהאלטעריע! —
געדוכט האָט זיכ, אז עמעצ זאָגט דאָרט שטיל אימ
אונ לייגט עס אימ אזוי ארײַנ אינ מויל:
— ס׳איז גרינגער אָפזאָגנ דעמ גאנצנ טילימ,
ווי איינ מאָל דאָ ארײַנשיסנ א קויל! —

דאָס ערשטע מאָל,
ווענ אווראָמ-הערש געקומענ איז אהער,
האָט ער קיינ גרויסנ כיישעק ניט פארמאָגט
זיכ אָט אזוי צעלייגנ אפ דער ערד...
ער האָט אליינ צו זיכ געזאָגט,
ער האָט אליינ עס גוט געהערט, —
די אנגלענ האָבנ זיכ געוויגט אליינ,
די ביינער האָבנ זיכ געשמאק אזוי צעסקריפעט:
— אז כ׳האָב אינ שול זיכ קיינמאָל ניט אזוי צעלייגט,
אפילע ניט בא דער אווידע אומ יאָנקיפער! —
אז צו דער גאנצער שטאָט אונ קלויז
געטײַנעט שטענדיק האָט ער:
— אפ דר׳ערד צי איכ זיכ אויס,
ווענ איכ פאריזנע אינ א בלאָטע! —

און דאָ האָט ער אַ מעסט געגעבן גלײַך דעם פּאָל,
פון אָנפאנג נאָר אזוי זיך. מיט די קני צוערשט.
דערנאָך אײנגאנצן זיך צעפלאסטערט מיטאמאָל
נ׳זיך אײדל אויסגעזידלט:
— ס׳איז ניט פאר דיר קײן ארבעט, אווראָם־הערש!
ס׳איז ניט קײן ארבעט, אווראָם-הערש, פאר ייִדן! —

איז דאמאָלט צוגעגאנ צו אים נעכאמע,
אוועקגעלײגט זיך שמײכלענד נעבן אים;
ס׳האָט זיך זײַן קאָפּ אַ הײב געגעבן פלאמיק,
און מיט אזא פארכידעשטער און הײזעריקער שטים
אַ זאָג געטאָן: — איר מײנט... איך שרעק זיך פאר אַ דאמע? —

נעכאמע האָט אים ניט געענטפערט דאמאָלט,
דאָס לינקע אויג האָט זי אפּגיך פארקלאמערט,
זײַן האנט אַ נעם געטאָן אײנײנעם מיטן שלאָס,
קײן אײן מינוט זיך ניט געלאָזט קײן איבעריקע זאמען,
און ס׳האָט זיך גלײַך דערהערט אן אומגעריכטער שאָס,
און באלד האָט פון דער וואנט
אן אויסגעברענטע ווונד אַ ברי געטאָן אים...
האָט ער ארויסגעשלעפּט זײַן האנט
און זיך צעשמײכלט מיטן גאנצן פּאָנעם...

ער האָט זיך ניט געריכט,
ס׳זאָל אזוי פּראָסט און קײַלעכיק און רונד זײַן...
געדרײט דעם קאָפּ האָט ער צו איר:
זי האָט עס אָפּגעמאמזערט קונציק!..

ס'איז אים אין קאָפּ צעגאַנגען זיך דער טראַך,
ס'האָט אים אין גאַנצן לײַב געטאָן אַ ברי שוין, —
האָט ער זיך הויך און דונערדיק צעלאַכט:
— אָט האָסטו דיר! און איצטער זאָג: שעלוי אָסאַני אישאָ!..

## 21

עָס איז אַן אַפּרו־טאָג א ליכטיקער געווען.
געזעסן אווראָם-הערש איז באם פריזירער.
געקוקט אַפ זיך אין דרײַ געשפּיגלט־הָיכע ווענט
און מיט די אויגן דורכדרינגלעך ניט אופגעהערט צו פירן
נאָך מיידלעך שטאָלטנע און געניטע,
וואָס פּארטיקן אפגיך דאָרט איינעם נאָכן אנדערן, — אהין, אהער,
און זיך געטראכט: מע דארף א ביסל זײַן געהיט דאָ,
מע קאָן דיך נאָך אזוי דעם פײַנעם שניט טאָן,
נאָך איידער וואָס און איידער ווען...
ס׳האָט אים געקילט אין קאָפּ די שטאָלענע מאשינקע,
נ׳געוואָרעמט האָט אין הארץ די מיידלש־ווייכע האנט.
זי מאכט עס אזוי קונציק און געשווינדיק —
געכידעשט האָט ער זיך און זיך דערמאנט
אין יידישע צירולניעס פון דער היים
מיט פליִענדיקע שילדן לעמ די טירן;
אַז שטענדיק פלעגן זיך דאָרט קלעזמער דרייען,
און שטענדיק צו די כופּעס פלעגן זיי דאָרט פירן.

עס פלעגט זיך דער צירולניק שפּילן אַף זײַן פלייט,
ווען קיינער ניט געקומען איז צו אים זיך שערן;
און מיט פינגער אויסציקלען ער פלעגט אליין
אזעלכע זיסע לידעס און גוואלדאָווגע שערן...

פארטראכט האָט ער זיך אף דער היים, ווי אף א ווונד דאָרט.
איז ווי פון שלאָף האָט ער זיך אופגעכאפּט: — אזוי,
המ... די וואָנצעס האקט מיר נאָך א ביסל אונטער,
כ'האָב פײַנט, אז וואָנצעס קריכן מיר אין מויל. —
מ'האָט אים געשוירן ריכטיק לויט זײַן אייגענעם פארלאנג,
די וואָנצעס אים געהאקט לויט אָנווײַזונגען זײַנע;
נ'דורךביידע אויערן ט'געטריפט אין אים דער קלאנג
פון ראדיאָ-קאָנצערטן און געזאנגען.
די ראדיאָ הערן — גאנצע טעג אפילע קען ער,
דאָך אופגעשטעלט, א קוק אין שפּיגל און באמערקט,
אז ס'איז דער קאָפּ געוואָרן עפּעס קלענער,
און ליפּן זײַנען צוגעקומען מער.
נאָר ס'איז די צײַט אים איצט א שאָד,
דאָס שפּילן לויפט צוריק פון אויער און פון מויל אים —
ער וויל נאָך הײַנט זיך צוכאפּן אין באָד,
סע וועט געוויס הײַנט זײַן א גרויסער אוילעם.
האָט פון פריזירער אוראָמ־הערש געלאָזט זיך גלײַך, —
ער איז געגאנגען נאָך גרעט און נאָך א האנטעך נאָך א פרישן;
א בעזעמל האָט שוין אף אים געוואַרט, און ער האָט זיך געאײַלט,
אליין געטשאָרעט זיך: נו, גיכער, ס'איז ניט פרי שוין!
פארכאפּט האָט ער מיט זיך נאָך זאָזלען אפן וועג,
גלײַך ווי א ראָגאָזשע, נ'א וונק געגעבן — גרייט זיך! —
און ביידע זײַנען זיי אוועק

זיכ געבנ אײנס דעם אנדערנ א פלײצע.
נאָר פונ דער ווײַט האָט זיכ פארכידעשט אווראָמ־הערש:
— וואָס קאָנ עס, זאָל, זײַנ — מע זעט קײנ רויכ ניט פונעמ קוימענ? —

איז זאָל אימ פארפאָרנ מיט א קרעכצ:
— וואָס זעט מענ דאָ בא זײ דענ יאָ — קעדוימע?
אונ אז סע גײט פונ קוימענ יאָ א רויכ,
איז האָט מענ דענ אמאָל אנ עמעס ביסל פארע? —
פונ ווײַט ארומ דער באָד האָבנ געשטיגנ קוילעס אינ דער הויכ,
ניט אופגעהערט מ׳האָט צו דער באָד אינ אײַלעניש זיכ שפארנ.
— אונ אז א ביסל פארע איז שוינ דאָ, —
האָט זאָל ווײַטער געמעלויצעט, —
איז וואָס זשע קאָנסטו מיט דעמ טאָנ,
איז בא אזא מינ פארע גיט מענ דענ א פלײצע? —

געשטראָמט ס׳האָט א באוואָפנטער האמוינ
מיט בעזעמלעכ, מיט ראָגאָזשעס, ווי אפ א יאָנטעוו,
אונ זאָזלענ האָט זיכ ניט פארמאכט דאָס מויל,
די ליפנ ט׳ער ניט אופגעהערט צו פלאָנטענ.
— פארמאכ די מײַלער דײַנע, זאָזל, הער! —
האָט אווראָמ־הערש אפ אימ געגעבנ זיכ א בײזער,
פונ ארומ באָד האָבנ די קוילעס זיכ געמערט
אונ אופגעשוימיקט הילכיקער אונ הײסער.
נאָר זשוק האָט זיכ די צונג געדרײט מיט שפאָט:
— וואָס האָט מענ עס געמאכט דאָ פאר א טומל?
איז גײט מענ ניט א שטיקל צײַט אינ באָד,
איז אויכ ניט אזא גרויסער אומגליק... —
מיט בעזעמל האָט ער אינ הינטנ זיכ געפאָכט,

אז אופגעלײגט ס׳געמיט אזוי געווען דאָרט איז אים:
— און וואָס איז, אויב מע גײט אין באָד אפילע ניט קײן יאָר,
אבי נאָר אויסבויען מע זאָל דעם סאָצאליזם...
האָט אוראַם־הערש זײַן בעזעמל פארשטעקט
בא זאָזלען אין דער פאכווע
און אים א זאָג געטאָן: — אן עק!
דו שטײ און ווארט דאָ...
און איך וועל גײן א רעד טאָן מיטן קאָפּ,
אזעלכע זאכן רעדט מען מיטן קאָפּ, ניט מיטן ווײדל; —
ער האָט אין שטערן זאָזלען אָפּגעלאָזט א קלאפּ,
— אזא מין זאך ניט יעדערער פארשטײט דאָ...
איך וועל אים זאָגן אָט אזוי, ווי כ׳קאָן,
איך וועל אים זאָגן שלוישע דוואָרים:
ווײל ער — שפּאנט מען אויס דעם פאעטאָן,
ווײל ער — קאָן מען ווײַטער פאָרן...
איך קאָן אים זאָגן פּראָסטער אויך,
ער איז א פּראָסטער כײַוועקײַעם;
און ער וועט עס ארײַנעמען אין מויעך
און וועט עס גוט צעקײַען;
איך קאָן אים זאָגן: כאווער, הער,
א באָד בא די סאָוועטן איז ניט קײן פארפאָר-הויז;
אהין אָדער אהער,
אזעלכע זאכן טויגן אפּ קאפּאָרעס! —
געכאפּט א קוק ט׳ער נאָך ארום,
לעם זשוקן האָט מען זיך מיט בעזעמלעך געקאָכט דאָרט;
און צוגעקומען מ׳איז פון אומעטום.
האָט אוראַם־הערש דאָרט אָנגענומען זאָזלען פארן גאָרגל:
— צו זשוקן הער זיך, ברודערל, ניט צו,

פון אים זאָלסטו זיך האלטן אָפּגעשיידט דאָ,
ער דרייט דאָרט מיט דער צונג,
פונקט ווי א הונט א מיִעסער מיטן וויידל.
געגאנגען איז א שטילקייט פון זײַן שטים,
און עפּעס טרויעריק איז זי געוועזן:
— און אויב דו ווילסט, איז שטעל דעם הינטן דײַנעם אונטער אים,
וועט ער דיר אויך א שמיר טאָן מיטן בעזעם...
און איך וועל גיין א רעד טאָן מיטן קאָפּ,
אזעלכע זאכן רעדט מען מיטן קאָפּ, ניט מיטן וויידל. —
און נאָכאמאָל די פּאכווע אים פארשטאָפּט:
— איז ווי דו ווילסט, נעוויילע! —

נאָר פּלוצעם ט׳זיך טרובא באוויזן לעם דער באָד,
פון גאס ס׳א זעצ געגעבן הילכיק אן אָרקעסטער;
— כאוויירים! — אויסגערופן טומלדיק ער האָט, —
זיך אויסשטעלן אפגיך. צו פיר. און פעסטער! —
ער האָט דאָרט קיינעם ניט געגעבן אויסריידן קיין וואָרט,
און קיינער ט׳ניט באוויזן אופהייבן א פראגע,
ס׳האָט דער אָרקעסטער אלעמען א ריס געטאָן פון אָרט,
געסאדערט מיטן קוק האָט אלעמען טרובא דאָרט.
פון ווײַט זיך רײַסט דער פּײַקלדיקער קלאָפּ,
און טרויבן מעשענע ווי הערנער צעפּאָלאָשעט;
ס׳האָט אוראָם-הערשן זיך א דריי געטאָן דער קאָפּ,
פארלאָרן האָט ער מיטאמאָל דאָס לאָשן.
און אין דעם הויכן, אופגעפּאָכעטן געווימל
האָט זיך טרובא געשלײַכט פון עק צו עק:
— עס קומט, כאוויידים, פאָר הײַנט א געוועט אפ שווימען,
באטייליקן וועט זיך דער גאנצער ברעג. —

דאָס בעזעמל האָט זשוק א וואָרפ געגעבנ גלײַכ.
— פאראנ א באָד! דאָס וואסער נאָר א ביסל לעבלעכ,
מ׳עט דארפנ אויסהייצנ א ביסעלע דעמ טײַכ,
וועט גיינ א פארע פונ דער הרעבליע! —
ס׳האָבנ זיכ בעזעמלעכ א וואָרפ געטאָנ אינ דר׳הייכ,
געטראָגנ האָבנ קוילעס זיכ נאָכ העכער;
נאָר ס׳האָט דער קלונג פונ טרויבנ מעשענע דערגרייכט
אונ אײַנגעשלונגענ די געשפרעכנ,
אונ צווישנ אופגעבראכטע בראָיענדיקע שטימענ
האָט זיכ טרובא געשלײַכט פונ עק צו עק;
א יעדער איינער זיכ א טוק געטאָנ אינ אימ האָט,
א יעדנ איינציקנ — מיט אויגנ — א צעזעג,
נ׳דעמ בליק אפ קיינעמ ניט פארהאלטנ לאנג,
געלאָפנ שנעל פונ איינעמ צו דעמ צווייטנ;
אפ אווראָמ־הערשנ גיכ א פיר געטאָנ די האנט
אונ באלד זיכ צווישנ אנדערע פארדרייט דאָרט:
— דו, אווראָמ־הערש, וועסט שטיינ אינ פלאנג,
די אָרדענונג זאָל זײַנ געקאָוועט! —
געוואָלט האָט אווראָמ־הערש אימ אויסשיסנ: — א דאנק!
כ׳בינ מויכל אײַכ דעמ קאָוועד,
איכ שטיי אינ ערגעצ ניט אונ ניט אינ פלאנג,
איכ שטיי מיט מענטשנ בא דער באָד דאָ
אונ איכ פארלאנג,
מע זאָל ניט דרייענ מיר קיינ ספאָדעק! —
אונ נאָכ האָט ער געוואָלט טרובאענ דאָרטנ זאָגנ,
אונ טאָנ די צונג האָט ער געוואָלט א שלעפ,
אז פאר אזעלכע זאכנ פלעגט ער אינ דער היימ זיכ שלאָגנ
אונ שפאלטנ קעפ!

נאָר זשוקס געדולע איז אים ניט געווען צום האַרץ.
געוואָלט האָט זיך אים אָפּלאָזן א פּאַטש, ווי אין די גוטע יאָרן;
און עפּעס זאָזל כויזעקט אויך, ט'זיך אים געדאַכט,
די ליפּן, פּונקט ווי רעדער, זײַנען זיך בא אים צעפּאָרן.
— שטיי, שטיי, — האָט ער געהאווקעט, — אווראָם-הערש אין פלאַנג,
און נא דיר אָפּ די ראָגאָזשע אין פלאַנג, און מיטן בעזעם! —
און דאָס האָט אווראָם־הערשן ווי א שטיין דערלאַנגט,
און דאָס האָט אים געשניטן, ווי א מעסער,
האָט ער זיך, ווי אן עלטסטער, אויסגעצויגן לאַנג,
און ס'האָט זײַן קאָל מיט גרייטקײַט אויסגעקלונגען דאַמאָלט:
— כ'פאַרבלײַב, כאַווער טרובאַ, אין פלאַנג!
וואָס נאָך באַפעלט כאַווער טרובאַ מיר? —
און צו זײַן כעווערע מיט די ציינער אויסגעקריצט ער האָט,
איעדן איינעם אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן:
— געגאַנגען זאָל זײַן געגאַנגען! ס'איז ניט די באָד!
און פולקעס זאָלן פליִען, ווי די פייגל! —
דאָס בעזעמל פון זיך געטאָן האָט ער א שלײַדער,
די ראָגאָזשע אַרײַנגעשטופּט צו עמעצן אין טאַש, —
און נאָך א קוק און א קאָמאַנדע — אײַדאַ! —
און אָפּגעטאָן האָט זיך פון אלעמען דער ראַש.

ס'האָט זיך א לאָז געטאָן איניינעם דער האַמוין.
געווען מ'איז אלע נ'אָרדענונג צעשטעלט דאָרט;
און אווראָם-הערש אין פלאַנג ט'געזאָטן מיט א פולן מויל:
— א שווימער ז'אווראָם־הערש געוואָרן אָפּ דער עלטער!
א פּאָקוסניק ז'געוואָרן אווראָם־הערש, דער באַלעגאָלע!
באַדאַרפט דעם גאַנצן אייסעק, ווי א לאָך אין קאָפּ... —
און דאָך געקוקט, אַז גיין אין אָרדנונג אלע זאָלן,

געטראכט: צערעכענען ט'ער זיך מיט יעדן, ווי ער קאָן...
און ווען ער האָט א וואָרפ געגעבן זיך אין טײַך,
האָט גלײַך דער קאס און דער פארדראָס פארלאָזט אים;
געשווומען איז ער מיט טרובאען גלײַך אפ גלײַך
און פאָך נאָך פאָך געגאַנן און זיך געמאָסטן.
טרובא ז'געשווומען לײַכט, געשפילט זיך, ווי א פיש,
נאָר פון די אויגן ט'אוורּאָם־הערש אים ניט ארויסגעלאָזן, —
דער שטאָלץ האָט אים געטראָגן און געפרישט,
געוואָלט האָט ער, מע זאָל עס זען. האָט ער געשריגן: — זאָזל!
זאָזל, קוק די אויגן זאָלן דיר ארויס! —
ער האָט דעם קאָפּ צום ברעג געטאָן א דריי נאָך:
— וואָס שטייסטו, זאָזל, אָנגעטאָן? נעם, טו זיך אויס,
מע וועט ניט אויסכאפן בא דיר, נעוויילע! —

געשמייכלט האָט טרובא, געקוקט אהין — אהער,
גערייצט און כיישעק אים אונטערגעגעבן:
— נעם אים, נעם אים, אוורּאָם-הערש,
קיין באָּפּעגאָלע, ווײַזט אויס, איז ער קיינמאָל ניט געווען אין לעבן!
מ'עט עפשער גרונטעווען? — ט'א פרעג געטאָן טרובא, —
— וואָס נאָך? — האָט אוורּאָם־הערש ארויסגעשפריצט פון מויל דאָס וואסער, —
א פּלייצע ט'איר מיר דאָרטן געבן, הא? —
און צו דעם דנאָ ט'אראָפּגעלאָזט אליין טרובא זיך.
אין טײַך האָט מען געשפריצט און זיך געפּליעסקעט:
— האלט זיך, אוורּאָם־הערש! גיב מיט דער זײַט! מיט קלאפטער — הע־ע!
א ביסל נאָך! אָט־אָט! דערלאנג איצט פעסטער.
בראוואָ, אוורּאָם־הערש! —
און אין געשריי און אין געפּליעסק
איז פון דער טיפּ ארויס טרובא דאָרט ווײַטער אפ א פופצן מעטער

און מיט א צוױַיג געגריסט צו אורװאָם־הערשנ זיכ: — דו זעסט? —
און פאָרגעזעצט ט'זיכ װײַטער פריילעכ דאָס געװעט דאָרט...
און זשוק האָט זיכ די צונג געדרייט װי דראָט:
— װאָס האָט מענ עס געמאכט דאָ פאר א טומל?
איז גייט מענ ניט א שטיקל צײַט אינ באָד,
איז אויכ ניט אזא גרויסער אומגליק...
מיט בעזעמל האָט ער אינ הינטנ זיכ געפּאָכט
און פּאָקוסנ פארשיידענע באװיזנ:
— דעמ טײַכ װאָלט מענ באדארפט א הייצ טאָנ פאָרט
און אויסבאָדנ דעמ סאָצאליזמ...

ס'האָט זשוקנ זיכ א צײַט דערמאנט,
עס האָבנ יאָרנ זיכ געטאָנ א שטעל דאָרט,
װענ ער מיט זעקס, מיט זיבנ מאנ
אפ סטעפּעס האָבנ דאָ געװועלטיקט,
װענ ער ארײַנגיינ פלעגט אינ שטעט,
װענ ס'האָט דער קאנט פאר אימ געציטערט; —
צו יענער צײַט, צו יענע טעג
האָט אימ צוריק געטאָנ א צי דאָרט:
דער זעלבער סטעפּ, דער טײַכ דער זעלבער,
דער זעלבער אויסגעלייגטער װעג,
און אז א ציטער גיט די זעל בא אימ:
זיי זײַנענ שנעל אזוי אװעק!..

## 22

עכ, ס׳ארא צייַטעלע, עכ ס׳ארא וועלט,
פויגל־מילכ זשוקנ האָט איכ ניט געפעלט!

ארייַנגיינ ט׳באדארפט נאָר מאכנאָ אינ א שטאָט —
טאָמער א קעלער, טאָמער א שטאָק,

טאָמער א פענצטער, א טיר צי א שלאָס, —
איז גלייַכ ט׳מענ געהייסנ דערלאנגענ א שאָס.

א שאָס איז א שאָס. אונ מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
בעסער ניט ברענגענ מאכנאָנ אינ פארדראָס.

זיצט דאָרט א קירזשנער אינ אייבערשטנ שפּאָק,
כאנדאָזשעט קאשקעטנ. כאנדאָזשעט דער שטאָט.

כאנדאָזשעט באטאָג אונ כאנדאָזשעט באנאכט,
אונ אפּ אנ אומגליק ער ריכט זיכ אונ וואַרט.

נו, וועט ער קומען — שפּעטער צי פריִ׳ר,
צי דורך א פענצטער צי דורך דער טיר.

וועט ער אריַינגיין — א ריס און א בראָך:
— אָט איז דאָס לעבן, אומגליק, וואָס נאָך?

אָט איז דער האלדז און אָט איז די האק, —
וויי, ס׳ארא רעגן, — פּאָרסט מיט דער אקס?

קינדער — א גאסט! וויי, ס׳ארא גאסט,
ס׳איז איצט א כוישעך אזא אפ דער גאס...

נו, א גוטן־אָוונט דיר, אומגליק, זיץ!
מיַין נאָמען איז איצי. קאָפּ צי שפּיץ?

רו זיך א ביסל, אומגליק, אָפּ, —
האָסט אזא שווערן, געשוואָלענעם קאָפּ.

וועסט זיך ניט וואשן צו זאלץ און צו ברויט?
ט׳וועל איך ארויסדרייען בעסער דעם קנויט.

דאכט זיך — א בליץ. דאכט זיך — א בלאַנק, —
ט׳וועל איך ארויסדרייען, אומגליק, דעם לאָמפּ.

וועמען באדארפסטו, אומגליק, הער נאָר,
וועמען באדארפסטו בא איצי דעם קערזשנער?

וועמען באדארפסטו, אומגליק, און וואָס?
וואָס וועסטו נעמען — דאָס הארץ צי א מאָס?

ניטאָ אזא מאָס אפ דער גאנצינקער שטאָט,
אפ דער גאנצינקער וועלט אזא מאָס איז נישטאָ...

געפעלט זי דיר, אומגליק, עפעס די שטאָט?
פאראנ א צירולניק. א קלויז. אונ א באָד.

מע שערט זיכ. מע גאָלט זיכ. אקוראט.
ווער — אומ אונ ווער—גראד.

גיי שער זיכ ארומ. גיי גאָל זיכ אָפ.
האָסט אזא שווערנ, געשוואָלענעמ קאָפ.

וואָס אזוי שפעט עפעס? אומגליק, זיצ!
מײַנ נאָמענ איז איצי. קאָפ צי שפיצ?

אומגליק, א קירזשנער, — גיט איצי א קלאפ, —
מעסט שטענדיק פרי׳ר אָנ אפ דעמ אייגענעמ קאָפ...

אלצ — אפ זײַנ קאָפ. אלצ — אפ זײַנ מאָס.
וויי — ס׳ארא רעגנ. וויי ס׳ארא גאָס...

אפ שטאָק איז א פענצטער, א טיר אונ א שלאָס,
דאכט זיכ, מע גייט אונ מע ריגעוועט: — „לאָז!"

דער פינגערהוט — דאָ. דאָס קרײַדל. די מאָס.
וואָס?.. —

א שאָס איז א שאָס. אונ מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
בעסער ניט ברענגענ מאכנאָנ אינ פארדראָס.

האָט איצי די אויגנ אינ ציטער פארמאכט:
צי ס'האָט זיכ געכאָלעמט, צי ס'האָט זיכ געדאכט...

א פונק אונ א בליצ, ווי א מעסער די שמאָל,
נ'א פינטל מיט אויגנ — צו עטלעכע מאָל.

א געלער ז'דער קירזשנער. איז וואָס זשע דערפונ?
דעמ קאָפ נאָר א טוק געטאָנ, פונקט ווי א הונ.

אז אָט איז זײַנ טיש, אונ אָט איז זײַנ נאכט,
אונ ס'איז עפ שוינ, דאכט זיכ — ניט דאָ געדאכט...

דאכט זיכ — דער פינגערהוט. טוט מענ אימ אָנ —
אז אָט איז מענ דאָ, אונ אָט איז מענ ניטאָ.

זײַנ שמויסענע באָרד, ווי אנ עק פונ א האָז —
אונ ס'טריפט אפנ פינגערהוט בלוט פונ דער נאָז.

דער פינגערהוט — דאָ. דאָס קרײַדל. די מאָס.
וואָס?.. —

א שאָס איז א שאָס. אונ מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
בעסער ניט ברענגענ מאכנאָנ אינ פארדראָס.

דאָס שטיבל דעמ קירזשנערס — אינ פאכער פארהילט,
עס קוקט אינעמ פענצטער א בלעכענע שילד.

אפ שילד איז א יאָלעמ. א הוט. א קאשקעט.
עס פעלנ אינ זיי נאָר סאכאקל — די קעפ.

א דײַגע א קאָפּ? א קאָפּ איז פאראנ
שמעלֿער דער דעניק. ברייטער דער ראנד.

פונ איינ שטוב — דעמ מאנ. פונ דער צווייטער — דעמ מאנ.
אָט איז שוינ באמ קירזשנער מאכנאָס אטאמאנ.

א ריס פאר דע־ טיר. א ריס פארנ הוק.
— א יאָלֿעמלֿ קירזשנער, ס׳איז איכ — זשוק! —

האָט זשוק זיכ געמאָסטנ באמ קירזשנער א הוט,
דער קירזשנער איז גרינ, אונ סע גייט פונ אימ בלֿוט.

— נאָכ איינעמ, קירזשנער, — אָט האָסטו א שמויס. —
אונ נאָכעט א מעסט. אונ א קוק. אונ — ארויס.

פערד — אפנ דרויסנ. פערד — אפ דער גאס, —
איז פאָטער געוואָרנ דער קירזשנער זײַנ גאסט.

קלֿאפט זיכ באמ קירזשנער דאָס הארצ אזוי אָפט,
עס נעמט אימ דאָס בעט ניט. עס נעמט אימ קיינ שלֿאָף.

א ריס פארנ הארצ אונ א ריס פארנ הוק:
— ס׳איז, קירזשנערלֿ, איכ! אטאמאנ זשוק!

— זשוק? — פרעגט דער קירזשנער אונ ציטערט אימ נאָכ. —
— יאָ! — ס׳האָט באפוילֿנ דיר קומענ מאכנאָ. —

האָט זיכ געשטעלֿט אינ דער נאָז אימ דאָס בלֿוט:
— איז גאָט זאָלֿ דיר העלֿפנ... איז זײַ אזוי גוט...

אָט טײקעפּ... די קינדער... א רעגעלע... ווארט...
וואָס דארפ מיכ, אשטײגער, מאכנאָ באדערנאכט? —

— נו, גיכ! טו זיכ אָנ. אונ פרעג ניט, נאר, —
א כילעק בא דיר — צי באטאָג צי באנאכט... —

האָט קירזשנער א קוק געטאָנ טעמפּ אפ די ווענט:
— דעמ מאנטל... ווו זײַנען די ארבל?.. די הענט...

געווענ, דאכט זיכ, שלײפעלעכ... געווענ, דאכט זיכ, קנעפּ —
אזש פונ גורײַפּאָליע ביז צו דעמ דניעפּ... —

א גרינער ז'דער קירזשנער. איז וואָס זשע דערפונ?
דעמ קאָפּ נאָר א טוק געטאָנ, פונקט ווי א הונ.

א פונק אונ א בליצ — ווי א מעסער די שמאָל, —
א פינטל מיט אויגנ — אפ עטלעכע מאָל.

נ'מיט קאָפּ צו דעמ טיש איז דער קירזשנער ארויס,
אונ זשוק איז די טויז, אונ די באָרד איז פונ שמויס.

די פיס ווי אפ גריבער זיכ האָבנ געשארט,
נאָר ווער זאָל א ווײנ טאָנ אינמיטנ דער נאכט?

ארײַנגאנ איז קירזשנער אינ שטאב ווי אינ פלעט,
האָט ער געטראָפנ מאכנאָענ אינ בעט.

שטײט ער אונ קוקט ווו ער איז אינ דער וועלט,
אונ ס'גיט פונעמ בעט מאכנאָ א באפעל:

— זיצ! ווײַלע ארבעטנ ארבעטסטו גוט.
איז נײ זשע מיר אופּ ביז באגינעג א הוט!

אָט האָסטו דאָ צווײ קאראקולנע סעק,
אונ גרײט זאָל עס זײַנ ביז באגינענ אינ וועג. —

רײַסט זיכ באמ קירזשנער פונ אָדערנ היצ,
קוקט ער, אונ הערט, אונ האָט מוירע, אונ זיצט.

— אונ אויב דו פארשפּעטיקסט, איז ביסטו קאפּוט!
גײ אונ פארנעמ זיכ אונ נײ מיר דעמ הוט!

ווארט! נאָכ א מאנטל נעמ דיר אונ — גוט.
איז וואָס עפּעס גײט פונ דער נאָז בא דיר בלוט? —

— ס'איז גאָרניט. מיסטאמע. ס'איז גוט. ס'איז דער קאָפּ.
די מאָס... אז איכ ווײס ניט... ווי נעמט מענ אראָפּ?

ווי נעמט מענ אראָפּ פונ מאכנאָענ א מאָס,
סע זאָל נאָכ, כאָלילע, ניט זײַנ דאָ קײנ טאָעס? —

האָט איצי געדרײט זיכ אפּ הינ אונ צוריק,
ס'קומט אימ ניט אויס צו דער האנט זײַנ פאריק.

די האָר — אפּנ שטערנ. די אויגנ — פארדעקט.
ער וואָלט זײ פארשארט. אונ ס'וואָלט אימ געקלעקט...

סאפּעט דער קירזשנער. האָט מוירע אונ בלאָזט:
— א קלײניקײַט נעמענ מאכנאָענ א מאָס?..

דעם דעניק וואָס ברייטער, געוויס, האָט ער ליב,
גיט דאָרט בא איצין א ציטער די ליפּ.

קוקט זיך דאָס קירזשנערל איצי ארום:
ס'איז אזא שטילקייט אזוי ווי נ'א גרוב...

האָט איצי גענומען געארעם זײַן קאָפּ
און קוקט אין די זײַטן, די אויגן אראָפּ..

ווי נעמט מען אראָפּ פון מאכנאָען א מאָס,
סע זאָל נאָך, כאָלילע, ניט זײַן דאָ קיין טאָעס...

א שאָס איז א שאָס. און מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
א קלייניקייט — דעם מאלכאמאָוועס א מאָס?

און ס'גיט זיך מאכנאָ פונעם בעט א צעברי:
— וואָס עפּעס פארשפּרעכסטו מיך, קירזשנער, ייִד?

ס'איז אזוי שטיל. בלויז טריט.
ציטערט דער קירזשנער: — גאָט באהיט!

א בראָכע איך מאך, וואָס זען איך האָב
דעם ווערט בא גאָט — א קייסערשן קאָפּ...

און ווער ס'האָט א מאלכעס צו זען די ווערט,
איז לעבט ער דערנאָכדעם מיט צען יאָר מער... —

— מער אָדער ווייניקער, קירזשנער, אן עק!
וואָס קאָכט מען בא דיר היינט? איך אײַל זיך אין וועג!.. —

ס'איז קרײַדיק דער קירזשנער און װײַסער — פֿון װאָס...
האָט איצי גענומען מאכנאָען די מאָס.

אפֿ צריקװעגס האָט זשוק אים געטאָן א באַפֿעל:
— װאַרעניקעס באַק פֿון א גאַנצן זאַק מעל! —

...גוטע װאַרעניקעס... גוטע — געװען!
אָט א זשידאָװקעלע — גאָלדענע הענט.

שטײט אפֿן פֿעלדז איצטער זשוק און דערמאַנט:
— געװען אַמאָל צײַטן... מאכנאָס אַטאַמאַן...

האָט מען געהוליעט א צײַטעלע — אוך! —
פֿון זאַפּאָראָזשיע ביז — װײסט עס דער רוך!

װאַלד איז װאַלד. און סטעפּ איז סטעפּ —
אַזש פֿון גולײַפּאָליע ביז צו דעם דניעפּ!

אַז באַטקאָ מאכנאָ, איז די װעלט א װעלט!
און איצטער גײ דרױבע דעם שטײן מיט די הענט...

איצט איז צעקלעפּט א געװעט אפֿ דער טיר,
נ'א שטײנהעקער זשוק איז אַפֿ פֿעלדז „באַגאַטיר".

באַװאָרנט, באַרעכנט, מע קוקט און מע היט,
און דאָ בריגאַדירעװעט עפּעס א ייִד,

װאָס שנײַדט מיט די אױגן אפֿ דורך און דורך.
א באַלעגאָלע, װײסט אים דער רוך!

נאָיעט באמ לעבער. ס׳דערמאָנט זיכ אימ נאָכ:
געווענ ס׳איז א לעבנ באמ פאָטער מאכנאָ!

נו, איז ארייַנגאנ מאכנאָ אינ א שטאָט, —
אָט איז א קעלער אונ אָט איז א שטאָק —

אפ שטאָק איז א פענצטער, א טיר אונ א שלאָס, —
האָט ער געהייסנ דערלאנגענ א שאָס.

א שאָס איז א שאָס. אונ מע פרעגט ניט פאר וואָס, —
בעסער ניט ברענגענ מאכנאָנ אינ פארדראָס!

## 23

געגאַנ איז אפ דער בויונג א געיעג:
ס'האָט איינ רעקאָרד געיאָגט זיכ נאָכנ צווייטנ;
מיט צײַגערס האָט געקלעטערט ברעג אפ ברעג,
נ'צו נײַע אופשטײַגנ האָט יעדער זיכ געגרייט דאָרט.
געטראָגנ האָט נאָכ ווער אינ כאָליעווע דעם לעפל,
נאָר טיפ אינ הארצ האָט שוינ געבליט א טרוימ.
עס האָבנ קורסנ אפ דער בויונג זיכ געעפנט,
אונ שעמעוודיק מ'האָט זיי די צײַט פארטרויט.
גענאַנ מ'איז אינ שינעלנ אונ אינ לאפטיעס,
בודיאָנאָווקעס ניט אויסגעטאָנ פונ קעפ.
דאָס לעבנ פונדאָסנײַ! מע קוקט אונ מע באטאפט עס,
ס'איז אופגעשטעלט צו דעם אזעלכע הויכע טרעפ —
איז ווער וועט ניט ארופ? אונ ווער וועט ניט א פרווו טאָנ
זיכ דורכברעכנ צו דעם א דורכגאנג אפ דערווײַל?
ס'איז נאָכ דער ארבעט גראמ אזוי אונ לופטיק,
אונ יונגקײַט איז א יאמ אינ דעם פארהאוועטנ געײַל.

האָט אפּ דער בויונג הויך געזונגענע דאָס געיעג,
ס׳האָט איינ רעקאָרד פאַרשטעלט דעמ צווייטנ,
מיט צייַגערס האָט געקלעטערט ברעג אפּ ברעג,
אונ יעדערנ געהויבנ אונ געגרייט דאָרט!

פאַראָרדנט האָט טרובא אונ גלייַך פאַרפירט דאָרט
פאַר די, וואָס לערנענ זיך, א רויטנ טאָוול אפּנ ברעג,
אונ אפּ דער וואַנטצייַטונג געבלאַנקט האָבנ באַריכטנ
אונ אונטער יעדערנ — א בלישטשענדער פּאָרטרעט.

אפּ דעמ האָט אווראָמ־הערש זיך ניט געריכט:
פאַר לערנענ, הייסט עס, שטעלט מענ אפּ די בלעטער!

געשטאַנענ אווראָמ־הערש, געקוקט אפּ די פּאָרטרעטנ,
געשטאַנענ אווראָמ־הערש, געקוקט אזוי אפּ זיך:
— ס׳פעלט מיר שטאַרק, — האָט ער צו זיך אליינ גערעדט דאָרט, —
זיך אויסשטעלנ!.. — אונ בייז געטאַפּט ס׳געזיכט.
נאָר דאָך האָט טיפ אינ האַרצ אימ געקראַצבעט:
— געפּאַסט וואָלט ער זיך פּונקט ווי אלע פאַר דער ברעט! —
פונדעסטוועגנ האָט ער געזאָגט צו זאָזלענ: — כ׳האָב אימ,
הערסטו, זאָזל, אינ דער קעלניע דעמ פּאָרטרעט!
פאַר דייַנ געמאָרע־קאָפּ וואָלט עס געפּאַסט... פאַרשטייסטו,
ברודערל, אז גאָט האָט דיר געשענקט אזא מינ ליפּ, אזא מינ נאָז! —
נאָר זאָזל האָט געפּאָנפּעט אונ אליינ געטרייסט זיך:
— כ׳בינ פּונקט ווי אלע דאָ א גלייַכער באַלעבאָס! —

פאַרבייַגייענדיק דערנעבנ,
האָט אווראָמ־הערשנ מיט דער האַנט טרובא געטאָנ א פיר

אפ די פאָרטרעטנ: — אווראָמ־הערש, ס'א לעבנ!
פארוואָס האָסטו נאָכ דײַנעמ ניט געגעבנ?
גיי, אווראָמ־הערש, ארײַנ, פאָטאָגראפיר,
ווי ס'דארפ צו זײַנ, זיכ אָפּ,
ס'געדויערט ניט. א ווײַל. —
ער האָט דאָרט מיטנ בליק צו אימ א גלאנצ געטאָנ:
— ווערסט איינעמ אָפּשיקנ דעמ ווײַב,
דער צווייטער — פאר דער וואנטצײַטונג!
וואָס שווײַגסטו, בריגאדיר?
ס'א כּיעס! ס'איז א לעבנ!.. —
האָט אווראָמ־הערש זיכ ניט געטאָנ קיינ ריר,
אפ זײַנ געזיכט באוועצט האָט זיכ א נעפל...
ער האָט צוריק מיט א יאָר צוואנציק, עפשער, מער,
אראָפּגענומענ זיכ איניינעמ מיט זײַנ ביילענ;
ס'איז נאָכ דער כאסענע געוועזנ אומגעפער,
זיי שטייענ דאָרטנביידע ווי געבונדענע צומ קוילענ...
זײַנ ביילע ז'אָנגעטאָנ אינ כופע־קלייד
אונ הינטער איר — אנ אויסגעמאָלענע וואזאָנע,
אונ אזא שרעק פונ דער פאטא פונ איער גייט, —
ער ווייסט ביז איצטער ניט פארוואָס. ס'קוקט מאָדנע אויס איצט דער
פאס אָנ אימ.

עס גיט אימ דער זיקאָרנ מיטאמאָל א שטויס,
עס גיבנ זיכ די צוואנציק יאָר אינ אימ א וואלגער;
זיי זעענ דאָרטנ ביידע ווי געשטאָרבענע שוינ אויס
אפנ פאָרטרעט, וואָס הענגט נאָכ ערגעצ-ווו אינ אלקער...

אונ דאָכ איז ער אוועק זיכ איבערטאָנ א ריינע העמד,
ארומפוצנ די נײַע שטיוול,

די האָר באַנעצט און מיט א שרונט אפ צווייען זיך פארקעמט,
באַרעכנט זייַנע קרויווים, וואָס ער האָט און וויפל,
און ס׳האָט אים פלאַקערדיק געטאָן א טרייַב
אראָפּנעמען זיך, ווי סע דארף צו זייַן,
און אויסגעטראָגן האָט אים: איינער פארן ווייַב,
דער צווייטער — פאר דער וואנטצייַטונג!

ארויסגערופן האָט דערנאָך צו זיך טרובא
עלקאָנען און נעכאמען
און פאָרגעלייגט פאר זיי א פלאן
אזא מין:

די שטעטלדיקע ייִדן אופקלייַבן צוזאמען
אן ארבעט אָנהייבן אפ זייער שפּראַך,
געקווענקלט האָט א ביסל זיך נעכאמע,
עלקאָנע האָט געלאַכט:
פארלאָזט וואָלט ער זיך בעסער
אפ כאָכמע פון די הענט:
עלקאָנע — א פּראָפעסאָר,
און זאָזל — א סטודענט!

קיין סאך האָט ניט געדויערט, באפעלן גייען שנעל דאָ.
א צוויי־דרייַ שאָ א רעכן טאָג באַווייזן האָט מען קאָם, —
פאנאנדערגעקלעפּט האָט מען גלייַך אזא מין מעלדונג
אפן סאמע פראָנט בא דער געבייַדע פון ארבקאָם.

געשטאנען איז דאָרט אווראָם־הערש. דערנעבן זאָזל.
געלייענט און פארטייַטשט א יעדער וואָרט.

נאָר זאָזל האָט זיכ ניט געוואָלט פארלאָזנ
אפ דעמ, וואָס ס׳איז געשריבנ דאָרט.
איז מיטנ קאָפּ געדרייט א יעדע ווײַל
אונ אלעמאָל געגעבנ א פארײַס זיכ:
— כ׳בעט דיכ, אווראָמ־הערש, נאָר ניט אזוי געײַלט!
— כ׳בעט דיכ, אווראָמ־הערש, ס׳געפעלט מיר ניט די מײַסע! —

אונ זאָזל האָט א צי געטאָנ דעמ ווילעקענעמ גורט זיכ
אונ א צעפיר געגעבנ מיט די הענט:
— ביסט עפשער, אווראָמ־הערש, א באלנ גײנ אפ קורסנ?
ביסט עפשער גאָר א באלנ ווערנ א סטודענט?
איכ זע, אז ביסט שוינ פוצ אונ פארטיק,
א רענצל פעלט דיר נאָכ סאכאקל אָפּ;
איכ זע, אז קאָנסט זיכ גאָר שוינ ניט דערווארטנ,
נו גײ, נו גײ! דו האָסט א פרײַענ קאָפּ! —
נאָר אפצולאָכעס ט׳אווראָמ־הערש געלייענט נאָכאמאָל אינ דר׳הייכ
די גאנצע מעלדונג פונעמ אָנהייב,
א ניגנ אפנ קאָל אינ איר פארברויכט,
אונ זאָזלענ זי געלייגט אינ מויל ווי האָניק,
אונ ארומ אימ געלאָזט אזוי זיכ אומגיינ:
— פארסארפעט זאָלסטו, זאָזל, ווערנ אונ פארברענט,
סע מעג דיכ אפ דער עלטער טרעפנ אזא אומגליק,
אז פונ א באלעגאָלע זאָלסטו ווערנ א סטודענט! —

די ערשטע טעג — פונ סאמע אָנהייב
איז זאָזל אלצ געוואָר געוואָרנ באלד:
צו גלאשענ שאדכנט זיכ עלקאָנע,
אונ אפ נעכאמענ ווארפט אנ אויג טרובא.

אז ס'איז ניטאָ קיין כילעק צווישן ייִד און ניט-ייִד מער שוין.
מע ווייסט שוין גאָר ניט וואָס מע מעג, וואָס ניט.
איז ער אוועקגעגאנגען צו אווראָם־הערשן,
געוועלבט האָט אויסגעזען פון זײַנע ליפּן דער צעשניט.
ער האָט דאָס גאנצע מויל מיט באָרד זיך אָנגעשטאָפּט
און זיך פארקרימט: — די גאנצע צײַט איך קלער נאָר,
אז וועדליק האָסט זיך דאָ א כאפּ געטאָן צום לערנען,
איז קאָן זיך דיר נאָך איבערקערן, אווראָם-הערש, דער קאָפּ.
איך דארף עס ווי א ייִד דיר זאָגן, אווראָם־הערש.
דו ביסט א מאנצבל, אווראָם-הערש. ס'איז גאָר ניט קיין קאטאָוועס!
און האָסט אזוינע הייסע בלוטן, אווראָם־הערש,
אז כ'ציטער פאר דיר איימעס־מאָוועס...
ווײַל וועדליק האָסט אזעלכע הייסע בלוטן,
און וועדליק האלטסט אין ברענען נאָך אצינדער,
און דאָס, וואָס יעדער איינער פונקט אזעלכע זאכן טוט דאָ...
איז קאָנסטו נאָך פארגעסן, אז דו האָסט א ווײַב און קינדער...
אז דאָ איז דאָך אזוי — דו האָסט עפּעס, איז גלײַך צעטייל עס...
און וועדליק ווי איך קאָן דיך, אווראָם־הערש, נאָך פון אמאָל,
איז קאָנסטו נאָך פארפירט ווערן פון אן ארייַלעס,
מיט יערער איינציקער פון קאָמסאָמאָל!
איך האָב דיך שוין געזען מיט איינער גיין...
איך האָב געזען, ווי ס'ציט דיך שוין צו איר, ווי ס'שפּארט דיך...
דו לערנסט זיך די זאך בא זיי...
דיר ווײַזט זיך אויס, אז ביסט שוין אויבעט אין דער פּארטיע!..
איז דארף איך ווי א ייִד דיר זאָגן, אווראָם־הערש,
ווי אָפּגעהיט אין קאָפּ בא דיר דאָס אויג איז...
איך וועל צו וויסן געבן ביילען, אווראָם־הערש,
ווערסט מעגן זײַן דערנאָך אפ מיר בארויגעז!.. —

געהערט האָט אווראָם־הערש. געקוקט אריבער אים.
געפילט, אז עפּעס אווערדיקס האָט מען אפ אים געקאפּעט;
האָט ער א הוסט געגעבן מיט דער גאנצער שטים
און אויסגעזעצט: — נו, האָדי, פוילע שקאפּע!
דו האָסט מיר אָנגעהויבן בילן ווי א נאָווי, זאָזל!
און ווערליק ווי איך קאָן דיך אויך א ביסל פון אמאָל,
ווען האָסט קיין איין געניווע אפ דער שטאָט ניט דורכגעלאָזן,
און אז מ'האָט דיך געפּאקט, האָסטו געשריגן שמא־יִיסראָעל, —
איז ראז דו גאווערסט, ווי א נאָווי, איז א סימען,
אז בוידעק זײַנ באדארפ מען דײַנע שיינע זעק...
מע קאָן דיך נאָך ארופנעמען באנאכט אין הימל,
און פעלן זאָל עפּעס אָט דאָ באם ברעג... —
ער האָט א רוק געגעבן ס'היטל אפן שטערן,
א ווײַטן קוק געטאָן ווי אפ א ווערסט:
— איז מער זאָל איך פון דיר אזעלכעס, פוילע ליפּ, ניט הערן,
איך האָב עס פײַנט!.. דו הערסט? —
ער האָט א לאָז געטאָן זיך צו דער וואנט.
א קוק געכאפּט אין פענצטער צו דער הרעבליע
און גלײַך ער וואָלט אין עפּעס זיך דערמאנט
דורך ווײַטע אויסגעוועפּטע נעפּלען, —
האָט ער דאָרט שטיל א נעם געטאָן פון וואנט די ביקס,
א שפּיל געגעבן איידל מיטן שלאָס זיך,
און זאָזל האָט מיט אלע ליפּן אופגעשפּארט דעם פּיסק:
— וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר? — האָט זיך צעגוואלדיקט זאָ:ל...

א טויבע שרעק האָט אפ זײַנ האלדז זיך אָנגעוואלגערט שווער,
די צונג ארויסגעשטעקט און ניט געוווסט, ווו זי אהינטאָן,
ס'האָט לאנגזאם אווראָם־הערש אדורכגעקוקט די רער

און אלע ווײַל א קוק געכאפט אפ הינטן:
—כ׳וועל דיך ניט טשעפּען, פאדלע, — ט׳ער א שפּײַ געגעבן, —
דו קריכסט? צו אלע פינצטערע כאָליערעס — קריך!
אויב ס׳איז דיר טײַער פאר א גראָשן דײַן פארשיווע לעבן,
איז אָנשרײַבן זאָלסטו זיך אפן פליך...
איך קוק זי דורך די ביקס, — האָט ער פארהוסט זיך, —
דערווײַל אזוי, — און שנײַדנדיק דאָס אויג פארשפּיצט, —
נאָר טאָמער ט׳דיר זיך נאָך אמאָל אזא מין זאך פארגלוסטן,
איז ריכט זיך אפ א דונער, זאָזל, — אָן א בליץ!

## 24

צו טומל איז מען צוגעווינט,
צו שטורעם און צו בליץ;
אוי, פלאַ־ערדיקע צוגווינטן,
אוי, צוגווינטן פון היץ!

א שטאלטנע און א ריזיקע,
מיט קוימענס און מיט ברי,
זי נענטערט זיך, אָט איז זי שוין
די נייַע קיך־פאבריק!

מ׳האָט אומגעוואָרפן דרייַ מאָל שוין,
פארגרעסערט זי אינדרייַען, —
נ׳זי קאָן אלץ ניט אריינעמען
דאָס בויענדיקע כאיל.

איז מעסט זי מיט דער הרעבליע זיך
און צויבער־דאמפּ זי שפּאַרט:
ווער מער אַף זיי ס׳געוועלטיקט דאָ,
ווער מער ס׳האָט אַף זיי מאַכט!

ס׳איז אינווייניק פאַנאַנדערטיילט,
אַף לענג און אַף דער ברייט,
און אויפשריפטן גרויסאַרטיקע
געריכטנדיק געגרייט.

עס שווענקען זיך די לעפל דאָ,
די גאָפּלען און ס׳געפּעס;
און אָפּגעדרייט, צעעפנטע
די קראַנען קרייען פעסט!

אין ווײַסע צימערס לײַדיקע
די קיך־מײַסטערס — געשטרעקט, —
דאָרט וואַרפן זיך אַף פריידיקעס
ווי נ׳פריילעכן געשלעג!

ס׳דערקאָכן זיך אליין שוין דאָרט
געריכטן — רוי־און־בלוי;
עס מאָרדעווען די פליישן זיך,
דער באָרשטש פון קעסלען לויפט.

אין פראָנט ז׳די קיך ארומגעקלעפּט
פון אונטן ביז ארויף,

מיט מעלדונגען, פאַרטרונקענע
פון שווייסיק־פעטער לופט.

עס זעצט פון איר א ווארעמקײַט.
און שמעקעדיקס — פארטײַט;
און נאָזלעכער צופארעטע
צעפליגלען זיך פון ווײַט.

נאָר ניט בא קיינע מעלדונגען
פארקלעפטע און פארקלאפט —
אצינדער קיינער שטעלט זיך ניט,
שטעלט קיינער זיך ניט אָפּ.

עס הערט זיך אזא פאָדערונג
מיט פויסטיקן געסטארטש:
— וואָס איז עס פאר א האָדעוועון?
— וואָס איז עס פאר א כארטש?

נאָר אלעמען פארלישעט דאָרט
אווראָם־הערשס געשריי:
— פארוואָס האָט מען קיין טישטעכער
צו טישן ניט געגרייט? —

עס זײַנען קעכערס הייזעריק,
עס זײַנען קעכערס רויט;
און איינער שטייט און בייזערט זיך,
און איינער שיט מיט שרויט:

— וואָס נאָכ? — טוט ער א מאָרדעווע, —
וואָס נאָכ? — גיט ער א ליש, —
איר ווילט ניט, איז אוואדע גוט!
נישט איז נישט! —

די קנעפּלעכ אימ צעשפּיליענ זיכ,
דעמ שטערנ ער ווישט:
— אינ דר'היימ וועלנ אייכ פּילנעווענ
די ווייבער בא דעמ טיש! —

גיט אווראָמ־הערש א הייב זיכ אופ.
א כוואליע פונעמ יאמ:
— היי, האלט דאָרטנ קיינ רעדע ניט,
בייגלבאָק! דו טאמ! —

די פליאמעס אימ צעטרייסלענ זיכ,
די אויגנ — רויט, צעמישט:
— אָט דאָ איז זי, מיינ היימ, אצינד!
אָט דאָ איז איצט מיינ טיש! —

אונ ס'מישט דער קעכער ווידער שוינ
די קעסלענ אונ די טעפּ;
די קוילעס די געוויטערשע
אוועק זיינענ אינ דניעפּ.

ער מישט אזוי ס'צעריבענע,
פארזוכט, אונ בלאָזט, אונ פּאַכט,

ער בראָקט אַרײַן אַ ציבעלע,
און בראָקט אַרײַן אַ וואָרט:

— עס לוינט זיך דיר צו ברענגען דאָ... —
פון מויל באַ אים זיך צאַפּט:
— אוקראַינער גיב וואַרעניקעס,
און בלינעס — דעם קאַצאַפּ!

נ׳פאַר ייִדן עפּשער קאָכן נאָך
דאָ שאַבעסדיקע פיש...
צערעפּעטע, צעקראָכענע, —
נישט איז נישט! —

ער קוקט — פאַראַן צ׳איז עמעצער,
און מיטן מויל ער מישט:
— אָט דאָ איז זי... זײַן היים אַצינד...
אָט דאָ איז... איצט זײַן טיש!.. —

געקומען איז מאָדעסטאָוונע,
געשטעלט זיך אַפּן קיך;
און אַלעמען אַ מעסט געטאָן
שנײַדנדיק און גיך...

די קעכערס האָט זי אָנטאָן זיך
געהייסן שנעל,
זיי זאָלן זיך ניט פּלאָנטערן
און וואַרטן איר באַפעל.

געקומען זײַנען יונגפֿרויען
מאָדעסטאָוונען צו הילף;
פֿריילעכע און מונטערע,
אין ווײַסינקן — געהילט.

מאָדעסטאָוונע אין צאָרן איז,
צו קיינעם ניט קיין וואָרט,
נאָר צוועלף פֿרויען־פּאָרן זיך
צעשטעלט אף זייער אָרט.

א זאָט געטאָן פֿונסנײַ האָבן
די קעסלען מיטאמאָל,
מע רייניקט זיי אין אײַלעניש
צו עטלעכע מאָל.

און ס'האָט פֿונסנײַ א שמעק געטאָן
מיט שפּײַז געשמאַק און פֿריש;
און יונגפֿרויען צעגלעקלטע
געגרייט האָבן צום טיש.

★

זיצט מענ צעוואָרפנ באמ טיש, ווי פארסאָפּעט געקומענע ריַיטער,
וואָס זיַינענ אָט נאָרוואָס אראָפּ פונ די הייסע צעווארעמטע פערד;
עס בלִיַיענ די באקנ, ווי מאָנ, אונ עס צוויטענ די קאָרענע בערד,
אונ אלטע בודיאָנאָווקעס בונטע צומ הימל זיכ ריַיסנ אונ טיַיטלענ.

עס הייבט זיכ אליינ צו די מיַילער דער דעמבענער טיש אופ;
ער הייבט זיכ אליינ אפ דער פארע פונ הייסער, פונ פלאמיקער שפּיַיז;
מיט נאָזלעכער פרוּווט מענ דאָס ברויט דאָרט, נאָכ איידער מע ביַיסט,
אונ ס'דאכט: — וואָראָזשביטנ פארשפּרייטנ אפ טישנ פארשפּראָכענעמ קישעפ.

מע זיצט אונ מע בלאָזט אינ די קאשעס, ווי נ'פלאמיקע שיַיטערס,
מע בלאָזט אפ א קאָל אינ דער הייכ, אונ ס'איז הויכ די דערקוויקונג,
אונ קאלט ווערט די פלאמיקע שפּיַיז אפ א סאזשענ די וויַיט דאָרט,
אונ איינער דעמ צווייטנ מיט וויַנטנ מיט ווארעמע וויקלט.

ס'איז זעטונג. ס'איז לעבנ. ס'איז יעטווידנס אייגנס באזונדער.
ס'איז גוט. ס'איז פונ זונ אונ פונ זיַינ דער באוועג,
צו יעטווידנ קיַי זיַינענ טויזנטער כיַישעקס מיט אָפענע מיַילער געשטרעקט,
אונ יעטווידער שלונג איז א טראָג אינ דער הייכ, וואָס איז העכער פונ
וווּנדער.

מע טריַיבט אימ, דעמ הונגער, מע טריַיבט אימ מיט זאפּטיקע ביַיטשנ,
מע טריַיבט אימ מיט זאפּטיקנ כראָמק, ווי א היישעריק אָפּ פונעמ פעלד;
סע קלינגט אונ סע רוישט, אונ ס'געשריי אפ געזאנג מע פארביַיט שוינ,
אונ ס'וויגט זיכ די פרייד, אונ פארשיקערט, אונ טריַיבט, אונ באפעלט.

אונ פיַיערלעכ איז דאָס געזאנג, אונ דער רויש איז גרויסארטיק.
מע נעמט זי, די זעט, ווי א פעסטונג, מע פיַיערט זי, ווי אנ אריַינמארש;

די וואָנצעס מיט אָנגעבראָקט ברויט אין די זײַטן פֿאַרשאַרט מען —
צו צוויי און צו דרײַ מאָל!

מע שטערט איינס דעם צווייטן. און ס׳גיבן זיך פֿלייצעס אָן פֿלייצעס א טאָרע,
און ס׳גיבן די קעפּ די פֿאַרשוויצטע פֿון זײַטן צו זײַטן א קער, —
די היטלען אליין זיך פֿאַרוקן אַף דעמבענע פֿאַלדן פֿון קערק,
און אופּגעלייגט נעמט מען נאָך ברויט פֿון די אייגענע טאָרבעס.

און ברויט שטעלט מען אונטער באַם טראָגן די לעפֿל צו מײַלער צעגליטע.
קיין טראָפּן ניט גיין זאָל לעיבער, — מע טראָגט, ס׳איז א פֿאַכעד;
און ס׳גיסט זיך א קרעפּטיקע זעט אין די גלידער,
און ס׳גיסט זיך אַרײַן איינעם בלוט אין צעפֿאַרעטן.

ס׳צעבליט זיך די וועלט אין די קרײַזן פֿון ציינענע טעלערס,
עס גיסן די אויגן זיך אָן מיט צעפּאַרעטן כיישעק;
פֿאַנאַנדערגיין זאָלן זיך וועגט און עס זאָלן זיך אופֿהייבן סטעליעס.
און ס׳זײַנען באַגערן — באַגינענס! און ס׳זײַנען באַגינענס — פֿליישיק!

מע הערט, ווי סע פּליוסקען די באָרשטשן אדורך איבער מאָגנס צעברענטע,
מע הערט, ווי סע שוועקען די אינגעווײדס שווער זיך,
און ס׳קוקן געמאָלטע פּאָרטרעטן אַראָפּ פֿון די ווענט דאָרט,
געמאָלטע פּאָרטרעטן פֿון פֿירער, געמאָלטע פּאָרטרעטן פֿון העלדן.

זיי זײַנען דאָ איינע אליין אַף די ווענט, און זיי קומען אינײנעם מיט אלע,
זיי קומען זיך צוהערן, ווער סע באַקלאָגט זיך און וועמען ס׳טוט וויי דאָ,
און ס׳דאַכט: עס באַוועגן די ליפּן זיך מילד בא דעם כאַווער סטאַלין,
אָט וועט ער פֿון בילד זיך א ריס טאָן און אויסשמייכלען פֿריילעך: כאַוויירים!

נאָר ס'לאָדנ זיכ טישנ מיט גרעטשענע קאשעס אונ הירזשנ,
מע סטאסעוועט קאָרענע ברויטנ — צעשניטענע שטיקער אונ גאנצע,
אונ ס'דאכט זיכ אָט וועט וואָראָשילאָווס צעווארעמטער פערד זיכ צעהירזשענ,
פארייַסנ די מאָרדע אונ דאָ אפנ אָרט זיכ צעטאנצנ!

אונ ס'טוט נאָכ אזוי אווראָמ־הערש, צווישנ איינ זיפצ אונ צווייטנ,
א קוק א פארשטעלטנ אזא אפ דעמ פארביקנ לייַוונט פונ לענינ;
ער קוקט אונ ער זעט ניט — ווו הייבט ער זיכ אָנ. ווו פארגייט ער...
ער האָט אימ, ווי ס'דארפ צו זייַנ, קיינמאָל אזוי ניט געזענ נאָכ...

אינ דרויסנ, אפ דניעפּער — בעטאָנענע ביטנ זיכ באָמבלענ,
אינלופטנ זיכ ווארפנ, ווי פיש, די צעזונגענע קראנענ;
קוקט אווראָמ־הערש אונ ער טראכט: איז אפ וועמענ זשע כאפט ער דעמ אָנבליק?
א היימישער, טראכט ער, אזא, נאָר שווער זיכ אצינד צו דערמאנענ...

אנטקעגנ זיצט זשוק. ער איז בייז אונ פארכווישעכט.
ער קוקט ניט צו קיינעמ. ער עסט אזוי גרויזאמ;
אונ מיט ניט־צעקייַעטנ ביסנ אינ מויל אינעמ פליישיקס,
איז שלעפּט ער ארויס זייַנ פּאָרטרעט פונ די וואטענע הויזנ,

ער קוקט אפ אימ לאנג אונ באדאכט,
ער גיט אימ פונ אויבנ ארונטער א וויש מיטנ ארבל:
— ווו איז פארפלויגנ די זיסע מאכנאָוישע נאכט?
ווער האָט פונ פּאָרטרעט אימ פארלאָשנ די גאָלדענע פארבנ?

נ'באמ טיש א געזאנג איז פונ גלעזער אונ טעלער,
ווי שווערדנ זיי שלייַפנ זיכ מונטער אונ גלאָקיק;

צעסארפעטע גלעזער מיט טיי אפנ טיש זיכ צעשטעלנ,
און ציגעלעכ צוקער אינ פינגער זיכ האקנ און בראָקנ.

און צוריק לייגט דאָרט זשוק זײַנ פּאָרטרעט אינ די וואטענע הויזנ,
ער נעמט א גלאָז טיי אינ דער האנט און — א טרישטש אזא טויבער,
ווי צוקער געכראָמקעט וואָלט ער מיט די הענט מיט די בלויזע.
און צעמאָלט עס, דאָס גלאָז, און צעמאָלט עס אפ שטויבנ.

און ווענ אפנ בילד אווראָם־הערש איז פארקוקט און פאראָטעמט,
שיט זשוק אימ ארײַנ אינ דער טיי דאָס צעריבענע גלאָז אינדערמיטנ:
— נו, טרינק, אווראָם־הערש, ס'איז שוינ קאלט... און צעמיש... צעקאָלאָטע,
און זאָל זי דיר אויכ וויל באקומענ, די טיי, נאָכנ מיטיק!..

# 25

קוקט נאָכ זשוקנ טאָג אונ נאכט,
קוקט דער קירזשנער אונ ער טראכט:

ניט קיינ ביסל, ניט קיינ סאכ —
ס'איז אזוי געווענ די זאכ.

א טרומפייט האָט שארפ אונ שווערדיק
זיכ צעוויכערט אונ צעפּאָכעט,

ס'האָבנ זיכ צעטופּעט פערדלעכ,
אז דער טאָג געטאָנ א בראָכ האָט,

ווי א שויב פונ זעקסטנ שטאָק,
אונ סע רײַסט זיכ אונ סע טראָגט.

אונ עס ליגנ שוינ דרײַ ווענט
אָנגעכאפּטע, אונ — סע ברענט,

נאָר די פּערטע איז געבליבנ,
ס'הענגט א זייגער אונ ער פּיבערט —

טופּענ טלאָענ אונטערוועגנס,
ס'איז דער זייגער — האלב זעקס!

נו, איז מענ ארײַנ אינ שטאָט —
ניט קיינ טשאָפּרינעס, נאָר דראָט.

מ'איז ארײַנגאנ מיט געשריי,
אונ א נישטער אונ א דריי,

אונ א סמאָקע מיט די נעז;
יעדער נאָזלאָכ איז א נעסט,

יערער נאָזלאָכ איז א בלאָזזאק,
אונ די אויגנ זײַנענ גלאָזיק,

אונ פונ שמויס איז יעדער וואָנצע,
מע באקוקט זיכ, מע דערמאָנט זיכ:

שוינ געווענ דאָ — א מאָל דרײַ,
מוטער־לעבנ, — פראנק אונ פרײַ!

קלאַפּט אַ שטיין אין שטיין באַם ברוק:
ס'איז אין שטאָט אַרײַנגעגאַנגען זשוק!

אויסגעבײַטלט ביז די דנאָען
מיט אַ פּסורע פֿון מאַכנאָען.

און אַ פּאָכע, און אַ פּאַכעד,
אויסגעפּאָכעט מיט פּאַפּאַכעס,

און צעפֿליגלטער געזעס,
אַף די זאָטלען — שטײַף און פֿעסט,

קאָצובייקעס און ראָטאָנדעס
אַף די זײַטן אָנגעטאָן דאָס,

און מיט שטרײַמלען און מיט פּרעק,
און מיט שווערדן אָן אַן עק!

האָבן גלײַך געמאָלדן געסט:
— קאָוועד — דריטע! ביטע — קעסט! —

פּאָכען פֿערדלעך מיט די ווײַדלען,
טוט דעם אַלטן וועג ניט ווײ דען

פֿון די טלאָען, פֿון דעם טראָט
און פֿון גאַנצן גאַרדעראָב?

זיבן בײַדלעך, ווי די בעכער,
דרײַ — מיט לאַטעס, פֿיר — מיט לעכער.

און מע טראָגט זיך, און מע שפּאַרט,
און אפ איינס איז — א לאָמבארד.

רײַטער — אירע ווי די שראנקען,
און טאטשאנקע נאָך טאטשאנקע,

און עס קומען נײַע אָן —
צעלניק און קאָנפעקציאָן.

דאמען-העמדער: נעם פארטו זיי,
און קאָרסעטן און רעטוזן.

און ווי פּאָנען אפן דרויסן
אלטע פיזעמער און שמויסן,

ווי די לייבן, ווי די וועלפ,
גאָטעניו געטרײַער — העלפ!

און באשליקן, פייגל פליִען.
און דער וועג איז — אפ וואוהינען?..

אז צום טויט א קורצער שפאן איז, —
בענקען דען ניט די זשופּאנעס

נאָך א היים און נאָך א שטוב?
נאָר דער ווינט איז בייז און שטופּט

בויד אפ בויד און ראָד אפ ראָד, —
וועמעס פּיס און וועמעס טראָט?

נ׳ווי א קימפעטאָרנ מיד,
שלעפט די קיכ זיכ אינ דער מיט.

אפ דער קעלניע מ׳איז געשטאנענ,
איינער, נאזנדיק, אינ טשאנ איז.

יאָגט מענ, רײַט מענ, גרײַפּט מענ אָנ,
פּאָרנט פּלאטערט שווארצע פאָנ.

א סאָראָקע, א טשומא —
— מא!

---

ניט קיינ ביסל, ניט קיינ סאכ —
ס׳איז אזוי געווענ די זאכ:

ווער ס׳באהאלט זיכ, ווער סע זוכט,
זאָגט דער קירושנער צו זײַנ זונ:

—גיב נאָר דאָרט א קוק, מויסיי —
ווער סע גייט דאָרט צווישנ זיי?

ווײַסע, רויטע, צי אזוי,
גיב א קוק אינ פענצטער — אוי!

אז ס׳איז אָכ אונ ווינד אונ וויי —
אז דעמ טאלעס ווילנ צוויי...

און דער טאַלעס איז — ראַסיי,
גיב א קוק דאָרטן, מויסיי!

דער איז ווײַס און דער איז רויט,
שלאָגט זיך אײַך געזונטערהייט!

וואָס קער זיך דאָס אָן מיט מיר —
נעם, מויסיי, פארשליס די טיר! —

ס'האָט דער טאָג געטאָן א פאַל.
ווער ס'איז יונג, און ווער ס'איז אַלט...

אַלע ליגן שוין פארקילט,
און ס'איז הילכיק און ס'איז שטיל...

גריוועס פלאַקערן בא פערד —
— גייען זיי דיר אַלע נ'דר'ערד! —

הייבט זיך אוף פון שליאַכ א שטויב,
קלאַפּט מען אָן צו אים אין שויב.

גיט דער שטויב דעם טאָג א ריר,
קלאַפּט מען אָן צו אים אין טיר,

און — א בראָך, און — א ריס,
נאָר באַם קירזשנער ווינט א קריסט.

א פּאַפּאַכע גיט א קריכ:
— עפן, מאָרדע, עפן גיכ! —

א פּאָר אויגן און א נאָז —
ניט קײן נאָז, נאָר אן אָבאָז.

זאָגט דער קירזשנער: — לאָז, מויסײ,
איך װעל רײדן! כ׳װעל אלײן!

איך בין עלטער. ס׳מאכט ניט אויס,
אויב דו קאָנסט, איז... גײ ארויס...

קוקט פּאפּאכע זיך ארום —
װער סע גײט און װער סע קומט.

— װײַז נאָר, מאָרדע, װאָס דו האָסט, —
גיט א גײ אין שטוב א פּראָסט.

און א װינט און א װיכער —
און פּאפּאכע רעדט שוין גיכער:

— פּאקעװע זיך גיך צונויף,
און א קויל — װער סע לויפט!

נו, געגאנגען — שנעל! געשװינדער!
רײדן װעסטו אפן צװינטער!

יעדע רעגע טײַער קאָסט,
װײַז זשע, מאָרדע, װאָס דו האָסט! —

קוקט דער קירזשנער הין און הער,
און ער גיט דעם קאָפּ א קער

און ער גיט דעם קאָפּ א דריי:
— גיי ערגעץ אוועק, מויטיי! —

ווייַזט דער קירזשנער: — ס'איז מייַן זאָהן...
עפּשער דאַרפט איר א פאסאָן?

אָט אזא מיט א באַראַשעק,
מיט א קנאָפּ און מיט א דאַשעק...

א באַראַשעקל ווי זייַד —
פּונקט ווי פון דער אַלטער צייַט,

און אינמיטן מיט א פּאס,
ס'וואָלט אייַך זייער שיין געפּאסט! —

און זייַן באָרד זיך גיט א הייב —
א באַראַשקענע מיט שטויב:

— עפּשער דאַרפט איר א פאסאָן
אָט אזא ווי נאפּאָלעאָן?..

איז אָט האָט איר א פאסאָן,
און אָט דאָס איז אונדזער זאָהן.

און אָט דאָס איז אונדזער קריסט,
און דער קריסט איז אַן אַרטיסט,

און געוועזן מ'איז שוין פון אייַך,
גלייַך ווי איר זייַט נאָר אַרייַן. —

און דער קירזשנער טריפט און טײַעט:
— פריִער. ערשט מיט א טאָג דרײַ!

צוגענומען פאר דער פרײַ
אלץ, וואָס דינען קאָן געטרײַ.

זיי זײַנען געוועזן פיר,
ווען איר קומט א ביסל פריִער...

דינסטיק אקוראט, — דערמאָנט ער, —
ווען איר קומט אהער כאָטש מאָנטיק...

צוגענומען, אויסגעראמט —
ס'איז שאָד... איר האָט פארזאמט!.. —

— מאָרדע! רייד ניט אזוי גיך, —
גיט פונסנײַ א גיי א וויכער.

נאָר דער קירזשנער רעדט פון היץ.
ס'בלאנקט ס'געמעל — אפ דרײַ געשפיצט.

און ער הערט ניט. פינטלט בלויז:
כ'בעט דיך, גיי, מויסיי, ארויס...

און ער הערט ניט און ער רוישט;
אלץ, וואָס איז געווען, איז אויס!

צוגענומען ביז דעם ביין —
אָפגעשונדן — איר אליין,

צי אזעלכע פּונקט ווי איר, —
און דורך איר — דורך דער טיר.

זיבן העמדער, ווי די בעכער,
פֿיר מיט לאַטעס, זעקס מיט לעכער,

און דאָס שטויסל --- האָט איר צוויי...
וויי איז מיר, ביסט דאָ, מויסיי?

זיבן לײַכטער, ווי די וואַזעס,
איך זאָל האָבן אַזאַ מאַזל,

איך זאָל האָבן אַזאַ יאָר, —
און די פּייסעכדיקע קוואָרט.

אָפּגעפּוצט מע האָט זי נאָרוואָס,
מ'איז צום טײַך געגאַנגען באָרוועס,

מ'איז פֿון טײַך געקומען שפּעט,
ניט קיין שטוב און ניט קיין בעט,

נאָר אַ פּויק דערלאַנגט אַ טופּ האָט, —
ווען מען פֿירט מען צו דער כופּע?

ניט באַזעצט און ניט באַוויינט,
נאָר אַ קוויטש און אַ געשריי,

און אַ וואַלגער מיטאַמאָל,
טויט־באַלייגטע — אַפֿן פּאָל...

דאָס איז אַלץ, וואָס איז געווען
פון דער סטעליע ביז די ווענט,

און געבליבן איז מײַן זאָהן,
און די מאַס און דער פּאַסאָן.

איז דאָס ערשטע וואָרט — באַפעל מיר.
כ'וועל דיר מאַכן פון ווילהעלמען

פון קערענסקין און פון ווייס איך...
און אפילע פונעם קייסער.

נ'האָב אַפ מיר ניט קיין פּאַרדראָס,
לאָז מיך נעמען נאָר די מאָס!

קיין פּאַריבל, האַר, ניט האָב,
האָט אײַנגאַנצן האָסט אײן קאָפּ —

און ער טראָגט זיך דיר גאַלאָפּ... —
— האָפּ!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

קוקט דער קירזשנער איצט אַפ זשוקן,
ווי ער שיט דאָס גלאָז פּאַר צוקער

אורואָמ־הערשן אין דער טיי,
און ער גיט אַ ציטער: — שטיי!

אָן אַ פּינטל מיט דער ברעמ
גיט דאָרט זשוקן גלײַך אַ נעמ

אוראָם־הערש אונטער דער פּאכווע:
— איצטער דארפסטו שוינ קיינ דאכ ניט.

ניט קיינ היטל, ניט קיינ שטוב,
איצטער בעט בא גאָט א גרוב!

אונ ס׳איז וואסקע זשוק שוינ מער
ניט געקומענ אינ קאריער.

## 26

עס איז פרילינג אינ וועג אונ אפ דניעפער איז קריִע.
אונ די קריִע איז גרויס, אונ די קריִע איז דול, —
ס'איו דעמ ברעג אונ דעמ דנאָ פונ די וואסערנ שווער,
אונ דער דניעפער איז בייז, אונ דער דניעפער איז כול, —
הייבט זיכ קריִע אפ קריִע. פאָרנ בערג זיכ מיט בערג,
אונ זיי מעלדנ דעמ אופשטייַג פונ שטאנגענ א קריג.

אלעמאָל גיט א בארג זיכ א וואָרפ אפ א שפונט
אונ מיט שוימיקנ שטויב שפרינגט ער אָפ אפ צוריק,
אלעמאָל גיט זיכ אייַז מיט די אקסל א הייב,
ס'האָט די ווינטיקע קריִע געמאָלדנ א קריג,
אלעמאָל גיט א ריס פונ דער טיפ זיכ דער גרונט, —
ס'איז פארפלייצונג ארויס אפ געלאָקער אונ רויב.

נאָר עס רודערן הייבערס אפ לינקס און אפ רעכטס,
נאָר עס רעוועןן סירענעס און טרײַבן דעם ווינט,
און סע זעט ווי .א דאמפער די הרעבליע שווינן אויס
אפ צעשטורעמטן יאם. און באפעלן — געשווינד! —
און עס מישן באנאנד זיך די טעג מיט די נעכט,
די פארפלייצונג איז ווילד. די פארפלייצונג איז גרויס!

נאָר דער שליוז בא די נעכט ז׳א באלויכטענער צוג
אפ די אײַזיקע הרודעס פון שוימיקן דניעפּ,
אפן צוג — מיליאָנען! מע שווימט אין קאיאָר
און מע לאָזט די צעיושעטע קריִע ניט צו:
נאָך א פלאסט אין דער הייך! נאָך א פלאכט אין דער גרעב!
נאָך א פלאסט פונעם לײַב און פון הארץ — וויפל נאָך?

און מע שווימט אין דער הייך אפ בעטאָנענער פלאך
צווישן שוימיקן בליאַסק פון צעפּענטעטער קריִע,
און מע טראָגט אים, דעם שליוז, קעגן ווינט, קעגן שטראָם,
און די הרעבליע מע טראָגט אפ די הענט דורך געפאר:
— אוי, איר לאָצמאנשע בערד פונעם ערשטן באגין,
— אוי, איר לאָצמאנשע זיידעס פון לעצטן פאראָם!

און א טאָג נאָך א טאָג. און א נאכט נאָך א נאכט.
עס איז ליב. עס איז לויב. עס איז פריידיק געוועט.
און עס ווייסט ניט דאָס הארץ צו דעם שטײַגן קיין זעט.
נאָר פארפלייצונג איז גרויס. נאָר פארפלייצונג זיך שפארט —
נ׳וועג מע טרײַבט פון דער הייך איר באפאל און באטריפ,
רײַסט זי אופ ווי אן אָדער — א קוואל אין דער טיפ.

א מינוט. אונ א שאָ. אונ די ביט איז פארפלייצט.
אונ די ביט איז פארקרימט ווי דערטרונקענעמס מויל.
ס'זײַנענ כוואליעס אפ שטיגנ. ס'זײַנענ כוואליעס אפ טרעפ.
אונ זיי רײַסנ זיכ העכער צומ ראנד מיט געהויל,
אונ זיי פרעסנ די באָלטנ מיט בליצ אונ מיט קרייצ,
אונ עס וויגט זיכ די ווײַט אונ עס וויגט זיכ דער דניעפ.

איז אפ ליכטיק געבורט אונ אפ ליכטיקער פײַנ
זײַנענ בארזשיקע טעג איבער דניעפער געגאנ,
אָנגעלאָדענע דול מיט גערודל אונ מיט שטיינ,
אָנגעלאָדענע דול מיט געוואג אונ פארלאנג,
אָנגעלאָדענע דול מיט באלאסט אונ געביינ,
אונ, ווי טרײַבער, — צופוס — איז געגאנגענ דאָס לאנד.

אונ א וויכער אנטקעגנ — אנטקעגנ — גערויש!
אפ פארלעגערטע שטרעקעס, אינ ווײַטנ פאָרויס
איז פארפלייצונג געגאנגענ — אינ געוויי אונ אינ ברויז
אונ געגאנ מיט אָפגרונט, מיט פאנצערס פונ אוראלט,
אונ געמוסקלט מיט פעלדז, אונ באפליגלט מיט שטורעמ,
אונ מע זעט ניט קיינ „אײַנ" אונ מע זעט ניט קיינ „אויס"...

אונ געמאָלדנ דאָס לאנד האָט מיט שטאָלענעמ קאָל,
אונ געמאָלדנ דאָס לאנד האָט מיט דאָרשט פונ באשאפ:
— אינ אויסגליי פונ שטורעמ אונ שלאכטנ פאר פרײַהײַט,
געענדערט מיר האָבנ דעמ גאנג פונ דער צײַט,
אונ מיר האָבנ געענדערט דעמ טאָכ פונ דער צאָל,
אונ באצווינגענ מיר וועלנ דעמ זינ פונ דײַנ קראפט!

ניט קײנ זאמד, ניט קײנ שטײנ ליגט צעלײגט אפ דײַנ ברעג,
ניט קײנ זיסער געהוּקס אונ באלוינ פונ דער ערד,
ס'ליגנ בײנער פונ דוירעס, געבײנ פונ א לאנד,
ס'ליגנ מענגעס צעשטײנערטע שארבנס פונ קנעכט.
די, װאָס האָבנ אינ כעסעד געװארט דאָרט אינ שרעק
בא דער ראָד פונ גוירעלעס — געקרײצט אונ געשפאנט.

מיר װארטנ ניט מער אפ קײנ נעס אונ פארטרוי!
מיר בעטנ ניט מער אפ קײנ טויענ-געטריפ —
מיר װילנ א הײב טאָנ דעמ שארבלאט פונ דר'הײכ,
אונ גרונטעװענ דארפנ מיר איצטער די טיפ —
ביסט מער ניט קײנ „גוירל“, סטיכ:יע, — ביסט שטאָפ,
אונ באהערשנ מיר װעלנ דיכ ביז צו דעמ סאָפ!

מיר װעלנ דיכ אופשנײַדנ דרײסט, װי א בוכ,
דײַנ בלינדע פארװאנדלונג, דײַנ גאנג, דײַנ געבורט,
אונ זײַנ װעט דײַנ יעטװידער אטאָמ אנ אָס,
באטרונקענ מיט דאָרשט, מיט באגער אונ מיט פרוּװ,
אז יעדערער לײענענ זאָל קאָנענ דיכ פראָסט,
אונ גײנ זאָל דײַנ קראפט אפ איר העכסטנ בארופ! —

איז פאנאנדערגעשניטנ דער דניעפּ אינ דער מיט,
זײַנע דנאָ:יקע גאָרגלענ מע לײט אונ מע שמידט.
דאָרט, װוּ קװאל האָט געפלײצט, איז א צוימ אונ א נעסט.
אונ מע פײַלט אונ מע גלײַכט אונ מע פורעמט זײ פעסט,
אונ מיט שטאנגענ-געקרעמפּ אונ מיט פענטעס פונ שטאָל
שנײַדנ פלאָמבעס זיכ אײַנ דאָרט פונ שטײנ אונ בעטאָנ.

נאָר דער אָפּגרונט ז'פארטײַעט, ער סאָפּעט און היט
יעדן אָנגריף פון מענטש, פון געוואג און פון טריט.
און ווי עקבערס צעלאָזט ער די שטראָמען און וועקט:
גייט, צעהריזעט, צעגראָבט דאָס גראניטן־געוועב!
גייט ארויס, רײַסט זיך דורך פון פארבאָרגנסטער טיף
און באפאלט און באלאגערט און ברעכט דעם מאסיוו!

עס צעטראָגט זיך א קרעכץ אין דער ווײַט — האָריזאָנט,
עס צעשיטן זיך הילצערנע ביטן מיט שטיין —
און אָט רופט מיט געלענק שוין א וואנט צו א וואנט,
און עס זײַנען שוין כוואליעס אין דר'הייך—אויבנאָן
מיט צעבלאָזענע מײַטקעס אין בלויען געבלאנק,
און א ווילדער האָפּאק איבער בראָך און געביין:

רונדיק־אָנגעגאָסענע
קעסלען — בלויער שטאָל —
אָט וועט מען א קאָסע טאָן
זיבן אפאמאָל.

גרויזאמע און נאקעטע,
שיקערע פון בלענד —
אָט וועט מען אן אקער טאָן
מיט רוקן און מיט לענד!

אָט וועט מען א סמאָקע טאָן
סמאליעדיקע פענט —
הייסע און פארסאָפּעטע
סנאָפּעדיק געלענדט!

שלײַדערנ אונ וואַרפנ זיכ,
זעצנ זיכ אפ קעפ —
רײַסנ די באנאכטיקע
פינצטערניש ווי קרעפ.

אופגעשוימיקט־שטויביקע
שוימענ־קעפ אינ דר׳הייכ
שמײַסנ דאָרט ווי שויבנ אויס
די נעפּלענ מיט דעם רויכ.

וואקלט אונ סע קרישעט זיכ
דניעפּערישער טראכט —
טויבע אונ פארלישעטע —
טאָג אונ נאכט.

אונ מיט שטאנג געארעמטע
אופ אונ אָפ —
ועט מענ זיכ א ווארעמ טאָנ,
כוואליעס, — גאלאָפּ!

טוקנ זיכ אונ טראָגנ זיכ
מיט פּרענט אפ פּרענט,
ווי מעכטיקע, ווי שטאָלענע,
ווי קארפּנ אינ די הענט.

אונ הייבנ זיכ ווי בוטעליעס
אונ טשאָקענ זיכ: פאר בראָכ!
בײַטשיקע, אינ בלוטיקע,
אונ סאָפּענדיקע: נאָכ!

יאָגנ זיי אונ פאסיקנ
בליציקנ געפאר:
אָט וועלנ זיי א טראסקע טאָג
לאמטערנעס אינ דער נאכט.

מיט שטורעמ-ווינט מיט סטעפיקנ
צעוויכערט אינ דער לופט, —
אונ דעמ דניעפער שלעפנ זיי
אונ וועקנ אימ: — שטיי אופ!

אוראלטער, גרויזאמער
זיידע — פארנעמ,
דײַנע גלעקער טויזנטער
צעהוידע אונ צעקלעמ!

ברעכ זיכ אופעט בראגענער
פונ ברענעדיקער בעט —
באפאלנ מ'האָט! באלאגערונג!
אנ אונטערגראָב. מע פלעט!

רײַסט זיכ אופעס, בערגיקע
קרוינענ פונעמ סטעפ, —
פארטרינקענ אונ דערווערגנ זיי —
אנ אָנפאל אפנ דניעפ!

אראָפשלעפנ אינ טאָל אראָפ
פונ אָפגרונטיקער נאכט, —

שוימענ זיי אפ שײַאָלענע
שטאבעס אונ מע שפארט.

שטורעמווינט! ניט אלץ איז נאָכ,
מע זעגלט זיכ נאָכ דרייסט,
סמאָקענ זיי אונ האלדזנ זיכ
אונ סאָפּענ אויס די שפּײַז.

טיפ אונ ווײַט דער וועג איז נאָכ,
צומ אָפגרונט—דער פארפיר,
איז אפגיכ געזעגנט זיכ
מיט הימל אונ מיט ליכט!

טאַנצנ זיי — געטוליעטע,
געאָרעמטע מיט טרעפ—
ווי רויב־פייגל צעהוליעטע,
ווי רויב-פייגל אינ שרעק.

מיט שטאָל־ריפּנ געפּאסיקטע,
מיט שטאָלנ־שריפט באקלעפּט,
אונ שווער איז שוינ די וואסערנ,
אונ ענג איז שוינ דעמ דניעפּ.

— אוראלטער, גרויזאמער
זיידע—געטרײַ,
דײַנע גלעקער טויזנטער
טראָגנ זיכ איצט פרײַ.—

זיי הייבן זיך ווי בוטעליעס
און טשאָקען זיך: פאר בראָך!
בײַטשיקע, און בלוטיקע,
און סאָפּענדיקע: נאָך!

די פארפלייצונג צעטיילט זיך מיט מענטשלעכער מי,
זי צעטיילט זיך מיט איר ווי מיט העפקערן רויב,—
ס'טאנצן כוואליעס ווי שיירים און שרײַען געשמידט:
— היי, צעפראלע זיך, אָפּגרונט! די ווינטן פארטרוי!
וואָס פארלאנגסטו איצט מער? וואָס פארלאנגסטו איצט נאָך?
מיר וועלן דיר ברענגען מיט בלענד און מיט בראָך! —

בייגן כוואליעס אראָפּ די בעטאָנענע ווענט,
טראָגן שטראָמען די שטאבעס ווי שפּײַז אין דער טיף —
ס'האָט דער דניעפּער צעשמעטערט זײַן שטאָלענעם פּענט
און דורך יעטווידן פלאצ איז — פארפלייץ און געטריפ.
און די טיף ערגעץ פּלאצט, און זי ברעכט, און זי מישט —
די פארפלייצונג צעטיילט זיך מיט מענטשלעכער מי.

איז וועט זײַן א געוועט! איז וועט זײַן א פארפראָר!
און א שלאכט צווישן מי און סטיכיִע וועט זײַן!
און א וווּנדער וועט זײַן אפ די ווונדן פון שײַן,
מ'איז ארויס און מ'איז דאָ —
פון דער ווײַט, פון דער נאָנט,
און ס'איז קלוג דער באפעל, נ'אפ באהערש איז דער רוף!

## 27

אין דער הייך, אין דער טיף, איבער גליטשן,
אין דער ווייט — בארג־אראָפּ, בארג-ארופ, —
אָט אזוי ז'מען געגאנ נאָך איליטשן,
אָט אזוי ז'מען געגאנ אפ זיין רופ!

אומעטום האָט געשוועבט זיין געשטאלט דאָרט,
ער צוערשט איז געגאנ — אומעטום;
האָט די הייך אונ די טיפ זיך געשפּאלטנ
אונ געלייגט זיך צו פיס האָט דער שטורעם.

מ'האָט פארגעסנ, ווענ ס'ענדיקט א וואכטע,
מע געדענקט ניט די צייט אקוראט,
אז מע דארפ א דעפּעשע קיינ כארקאָוו,
אז א וועק טאָנ מע דארפ לענינגראד.

ניט פונ טאָג, ניט פונ זונ קומט איצט ליכט אָנ,
אונ די פינצטערניש קומט ניט פונ נאכט;
פאר די אויגנ — א ווײַט א קאָלירטע
אונ אנ אָפּגרונט זיך הייבט אפּ דער וואך...

ביז קאיאָר מ׳האָט די טיפנ געמאָסטנ,
אונ אינ דר׳הייך איז געגאנגענ א ראט;
איז אוועק א דעפּעשע קיינ מאָסקווע,
אונ א בליצ האָט געוועקט לענינגראד.

אונטער אָפּגרונט די וואסערנ מורמלענ,
ס׳איז דער אָפּגרונט פארוויגט אונ פארווייט;
איז א דריטע געגאנגענ קיינ מורמאנסק,
קיינ ארכאנגעלסק געגאנ זײַנענ צוויי.

וויפל עקנ אפּ ווײַט דער פארבאנד האָט
אינ אומענדלעכער לענג אונ אינ ברייט,
פונ שווארציאמיקנ ברעג ביז אטלאנטיק
האָבנ פונקענ אינ דר׳הייך זיך געדרייט,

זיך געהאלדזט מיט אנטקעגנדע שטורעמס
אונ געשלײַדערט זיגזאגנ דער הויך;
צו דעמ נאָך ניט באטראָטענעמ טורעמ,
צו דער נאָך ניט באטראָטענער בלוי,

ווי א שטערנשאפט — שנייִק אונ שוימיק
ווי א שטערנשאפט — שטורעמ־שאָליִעך,

און געשלונגענ די שטרעקעס און רוימענ,
און געשניטנ מיט שארפ פונ ליכט.

דורכ־אפ־דורכ — איבער כמארעס און נעפלענ,
און מיט גלי — אפ דער ווײַט, אינ דער נאָנט:
ס'האָט פארטראָגנ א טייל פונ דער הרעבליע,
ס'איז אראָפּ א טייל צו דעמ דנאָ.

זיבנ קרוינשטעט דערוועקט האָבנ בליצנ,
זיבנ אײַזנבערעכערס — ריזיק ווי שטעט,
און אנ אומרו א העלער צעבליט זיכ,
נ'ערגעצ אומרו מיט אומרו רעדט.

בלאָנדזשענ פונקענ ארומ פונ דעפעשנ
איבער שטעט, איבער האפנס פונ לאנד;
אז ס'איז שניט! אז מע שנײַדט און מע דרעשט דאָ,
ס'זײַנענ שטעט אינ די ווײַטנ געשפאנט!

ווו איז כארקאָוו — פארגאנגענע יאָרנ?
ווו איז כארקאָוו — פארשניטענער הילכ?
מע דערקאָנט אימ שוינ ניט אינ קאיאָרנ,
לויט די גלעקער — ווי קאנענ פונ מילכ.

פונ דער טיפ פונ יאָרהונדערטנ טונקעלע,
פונ גדעקטע מיט שוועבל און שטרוי —
איז ארויסגאנ די שטאָט זיכ באטרונקענ
מיט געשטאלטיקטנ שטאָלענעמ טרוימ...

פאַנאַנדערשײַנט װעגן אַף צאַפּן
און צעעפֿנט דאָס האַרץ פֿאַר אַ גאַסט, —
האָט זי מאָסקװע געשטעלט זיך צוקאָפּנס
און געלײגט זיך צופֿוס דעם דאָנבאַס.

און אַרױס צו דער הײך אַף אַנטקעגן —
ניט מיט גאָלד פֿון קלױסטערשע קעפּ,
נאָר מיט צײַט, מיט רױם און באַװעגונג
נ׳מיט געשרײ פֿון געקאָװעטע סטעפּ.

זיך באַטרונקען מיט בלױע עטאַזשן,
זיך באַלאָדן מיט שטאָלענער בלױ, —
ערגעץ מעסט זי שױן אָן אַף זיך ראַשיק
איר באַנײַטע בעטאָנענע הױט.

און דעפּעשן אַף מאָסקװע — װײַטער,
און דעפּעשן — אַף מאָסקװע דער שטאָט;
פֿליִען פּונקען — לופֿטיקע רײַטער,
ס׳איז קײן פֿלעצער פֿאַר אָפּשטעל נישטאָ.

איבער רױמען — פֿאַרװאָרפֿענע װעגן
איבער רױמען — בליציקן ברױז, —
איז די הױפּטשטאָט געלאָזט אין באַװעגונג
אַף יאָרהונדערטן גאַנצע פֿאָרױס!

רײַסן װערטער דעם רױם אַף שטיקער,
טראָגן אױף זיך און קומען צוריק,

ס'איז אינ דר'הייכ ערגעצ מאָסקווע אפ בריקנ,
ווי א דענקמאָל פונ אופשטאנד אונ זיג!

אָט איז מאָסקווע — אינ זוניקע רויכנ, —
אָט איז מאָסקווע — שטראליק צעשטעלט;
ווי א פאָנ אפ א בארג אפ א הויכנ,
אז געזענ זי זאָל זײַנ פונ דער וועלט.

אונ עס פליִענ די פונקענ צו האפנס,
צו די שווימענדע שטאָלענע שטעט,
ס'רעדט דאָס גאנצענע לאנד טעלעגראפיש,
אונ עס הערט זי די גאנצענע וועלט.

---

צו דעמ דניעפּער געקומענ מ'איז ערשט,
ווענ עס האָט זיכ געשטילט דאָס וואסער!
געזידלט האָט זיכ אוראָמ־הערש,
אונ געווערטלט שטיל האָט לוקא זיכ.

נאָר ס'זײַנענ געגאנגענ אווראלנ
אפ אדורכ אונ אריבער דער צײַט,
פונ אלט אונ יונג אונ פונ אלע,
מיט די הענט, מיטנ הארצ נ'מיט געצײַנ.

איבער יעטווידער טייל — א געכאפּ איז,
אונ קיינ איינציקע רעגע אפ רו;
ווער סע יאָגט זיכ מיט אײַזערנע שטאבעס,
ווער מיט קלעצער אפ אקסל פארוקט.

נ'באמ באלויכטענעמ ברעג פונעמ דניעפער,
דעמ פארפלייצטנ מיט ליכט אונ מיט נאכט,
האָבנ לאָצמאנס אלטע גענעפלט,
האָבנ לאָצמאנס אלטע געוואכט;

אונ געווארט אפ יעדיִעס פונ טיפנ,
אונ געווארט אפ יעדיִעס פונ דנאָ,
מ'האָט געקוקט אפ די ווײַזערלעכ: — וויפל?..
אונטער וואסער זײַנ קאָנ מענ נאָכ? —

ס'אזוי דורכזיכטיק־שטיל אפנ פראָפיל,
ס'האלדזנ בלינד זיכ א קוואל מיט א קוואל;
צי א שטערנ ז'דאָרט איבערגעלאָפנ?
צי א שטערנ געטאָנ האָט א פאל?

זיכ פארזויגנ מיט גאָלד פונ די זאמדנ,
זיכ באטרונקענ מיט גאָלדענער שײַנ, —
אונ אינ דר'הייכ מיט די הייבערס זאמט מענ,
באדארפט דאָ זיי האָבנ שוינ זײַנ!

אונ מע ווארט פונ דער הייכ אפ די הייבערס,
אלעמאָל גיט א כוואליע א שטורכ —
ערגעצ הויכ איז דאָס וואסער שוויביק,
נאָר מע זעט דורכ דעמ גאָרנישט ניט דורכ. .

— האָ־האָ! — טוט דער ווינט זיי א בראָכ דאָרט,
— האָ־האָ! — קוקנ אויגנ זיכ אומ;

פארייכערט דאָרט איינער מאכאָרקע,
אנ אויגנבליק — שטיל אונ שטומ...

ס'ווערנ אויגנ בא אלעמענ גרעסער,
אונ ס'הייבנ אונ ס'בייגנ זיכ קעפּ;
אנ אויגנבליק האָט מענ פארגעסנ
אָנ דער טיפ, אָנ דעמ דנאָ פונעמ דניעפּ...

ס'אזוי דורכזיכטיק-שטיל אפנ פּראָפיל,
ס'האלדזנ בלינד זיכ א קוואל מיט א קוואל;
צי א שטערנ ז'דאָרט איבערגעלאָפנ,
צי א שטערנ געטאָנ האָט א פאל?..

אז עס איז נאָכ אינגאנצנ געבליבנ
צו דערגראָבנ דאָרט עטלעכע גראָב;
אונ עס טוט זיכ א רודער א הליבע
אונ דערלאנגט דאָרטנ איינעמ אינ קאָפּ.

דער סקאפאנדער זיכ גיסט דאָרט מיט בלוט אָנ,
אונ מיט פינצטערניש גיסט ער זיכ אָנ;
אונ אפ פאנצער צעלייטנ זיכ נאָטנ,
נ'עפּעס אלצ ז'אזוי ווײַט נ'אזוי נאָענט...

נאָר ער רוקט נאָכ ארײַנ אינ די קלעמער
שוינ דעמ לעצטנ שטאנג מיט וויי...
נ'עפּעס גיבנ די טיפנ א נעמ אימ
אונ א וויג, אונ א טראָג, אונ א דריי...

## 28

די נאכט איז דורכגעגאנ אינ פיבער,
די נאכט אינ אומרו איז פארבײַ —
מ׳האָט זיכ געגרייט אונ מ׳האָט געטריבנ
דאָס וואסער האסטיק אונ געטרײַ.
נאָר ס׳האָט דאָס וואסער זיכ געזאמלט,
געשפארט ס׳האָט גרויזאמ פונ דער טיפ, —
די בויונג אויסגעזענ האָט דאמאָלט,
ווי א צונױפגעקלעמטע שיפ
צווישנ פעלדז־שטײניקע ברעגנ,
צווישנ קריִעדיקנ אײַז.
אונ מענגעס ראשיק זיכ באוועגנ,
אונ פונ דער טיפ — א הילכ זיכ רײַסט...
ס׳האָט צו די שטיגנ אונ צו לייטערס
א וועג דאָס וואסער זיכ געמאכט,
באגעגענען האָט מענ געגרייט זיכ,
אונ גרייט געווענ ווי צו א שלאכט.

אָט איז דער וועג. ער איז שוין אָפּן.
דער וועג איז גראָד — דורך טרעפּ ארוף,
עס האָט דער דניעפּער זיך באוואָפנט
און אלע ווײַלע זיך געפּרוּווט.
ס'האָט זיך געוויגט דער קאָטלאָוואַן,
דער וואלד־געשטעל האָט זיך געפּאָכעט,
און אלעמאָל א ווילדער וואל
דערלאנגט א דונער און א בראָך האָט...
ס'האָט פון דער נאכט געשפּארט דאָס אײַז,
ס'האָט פון דער נאכט די טיף געשפּארט זיך,
און ס'איז דער דניעפּער מער נאָך גרײַז,
און ס'איז די שווארצע נאכט נאָך שווארצער.
און מענגעס לויפן אום פּארפּאליעט,
און אלעמאָל א טויבער פּראל,
נאָר אף דער הייך, ווי אף א פּאלוב,
ז'געווען געמאָלדן אן אווראל:
די ארבעטער — בריגאדעס בעסטע
אריבערוואַרפן פון קאריער.
און ס'לויפט אן אופגעוויגטער פעסט דאָרט
שוין צווישן אלע אווראָם־הערש.
עס סטײַעט אים קיין צײַט א טראכט טאָן
אין דעם געלאָפּ, אין דעם געפּליס,
נאָר אלע ווײַלע גרייט און פארטיק
ער לאָדט די הענט און טרײַבט די פיס.
און נעמען אלץ ז'ער גרייט אף זיך,
נאָר ס'קלאפּט דאָס הארץ און ס'רײַסט די שלייפן, —
עס שווינדלען מענגעס ראשיק־גיך,
ווי אף א ווונדערלעכער סרייפע...

אָט איז ער ווייַט און נאָנט און נענטער,
ס'איז אים אצינדער גאָרנישט שווער;
און א מאָטאָר הייבט מיט די הענט ער,
גלייַך ווי אַן אומגעפאלן פערד.
און שטויסט זיך אין א צווייטן אָן דאָרט,
און זידלט אומרויִק זיך אויס, —
אים דאכט זיך, אז ער איז פארפלאָנטערט,
און עפּעס מוז ער דאָ ארויס...
און ס'קוקט אים עפּעס אויס די זאַך,
פּונקט ווי א שטאָט וואָלט דאָ פּאַריִונעט,
און לייגן דאָ דעם קאָפּ מע דארף,
און ראטעווען פאַר וויפל ס'איז ניט...
איצט יעדן איינעם ער דערמאָנט,
ס'ווערט יעדע קלייניקייַט איצט טייַער:
און יעדער איינער — ווערט אים נאָנט,
און יעדער איינער איז צושטייַער...
אז אויב מע טרייַבט דאָס וואסער אָפּ,
אז אויב מע לאָזט עס ניט אריַין דאָ, —
איז פּונקט אזוי ווי פון דער שטאָט
ער אָפּגעטריבן וואָלט א באנדע...
ער לויפט, און יאָגט זיך, און ער שטופּט,
און מעסט דאָס וואסער אָפּן אויג, —
ווי ס'וואָלט דאָ אונטערגאַן זייַן שטוב,
וואָס ער האָט זיך אליין געבויט, —
און ס'האָט דאָרטן צום ערשטן מאָל
א זעץ געטאָן פארשעמט פון מויל אים:
— מיט אונדזער ארבעט האלט עס שמאָל...
דאָס וואסער קאָן אונדז איצטער קוילען! —

ער האָט דערפילט, אז דאָס איז זײַנס,
אז צוגעבונדן ער צו דעם איז —
ער ווייסט אליין ניט — ווי פארטײַען עס,
ער ווייסט אליין ניט — נאָר ס'איז עמעס...
און ס'דאכט זיך אויס אים, אז אָט ערשט,
אז אויב ארויס ט'ער פון דעם ברענען, —
איז ער א נײַער אוראָם־הערש,
אזא ווי קיינמאָל ז'ניט געווען ער...
איז טרײַבט זײַן כעוורע אוראָם־הערש דאָרט,
אליין דער ערשטער אומעטום,
ער קוקט אפ יעדערן זיך אום
אונטער געלאָד אונטער דעם שווערסטן.
— פארגעסט ניט — גיט ער זיך א דריי, —
אז אפ די וואסערן דאָ איז מען,
באלעגאָלעס, ווי אין דר'היים!
באלעגאָלעס, ווי א מיזמער! —
און מיט געלאָד — אפ הין און הערצו,
די באָרד ווי שוים זיך שטופט לוקא;
געוואָלט א ציילעם טאָג האָט ער זיך,
נאָר אײַנגעקלאמערט ז'יעדער האנט.
אפ איין אן אויגנבליק א קורצן,
אפ קלענסטן פינטל מיטן אויג —
אים אין דער טיפ אין הארצן דוכט זיך,
אז... עפשער... טאָר מען ניט אזוי...
אז עפשער איז דאָס קעגן... ווען...
ער ווייסט ניט... עפשער קעגן... גאָט...
דערפאר איז עפשער... שווער זײַן טראָט,
נאָר זאָגן דאָס איז ניט באקוועם אים...

עס פאָכען פראַגעס זיך, ווי בלאָזזעק,
און ענטפערס — פײַערדיקע קלאָר,
און אָנגעזאָטלט שרײַט דאָרט זאָזל:
— עלקאָנע, זאָג, וואָס קומט דאָ פאָר? —
עלקאָנע לאָזט זיך אַלע ווײַלע
מיט זײַן בריגאַדע — אויף און אָפּ —
ער מעסט דאָרט פליִענדיק די מײַלן:
אַ וויכער אויף און — אַ פאַרגראָב!
ער מאַכט פון דר'הייך דאָרט מיט דער הוט אים,
אין פלי ער פאָכעט מיט דער האַנט,
פון הייבערס ווי מיט פאַראַשוטן
מע זינקט צום דנאָ פון קאָטלאָוואַן,
מע ברענגט פון דאָרט די לעצטע טיילן,
מע לאָדט זיי אויסעט אפן ברעג.
און ס'וועגדט זיך אוראָם-הערש: — נעוויילע!
דו קאָנסט באַ מיר ניט טאָן קיין פרעג? —
און בייז און זאַכלעך איצט זײַן קאָל איז,
און מיטן ענטפער — ניט געוואַמט:
— נעוויילע! פרעג ניט! באַלעגאָלעס
צעשפּאַלטן ס'ערשטע מאָל דעם יאַם! —
נ'טרובאַ לויפט אום פון אָרט צו אָרט דאָרט.
— צי עפּעס פאַלט? צי עפּעס פעלט? —
און דאָ דערלאַנגט ער אַ פאַראָרדנונג,
און דאָרט דערלאַנגט ער אַ באַפעל.
ער איז שוין הייזעריק און — שרײַט,
די מינדסטע זאַך זאָל ניט אַרונטער,
ער לויפט און קוקט די גאַנצע צײַט,
אַז דאָס פאַרהיטס זאָל ניט צו גרונט גיין,

און דאַכט זיך: טאָן נאָך עפּעס דאַרף ער,
ער דאַרף נאָך אײַנצוימען דעם ראַש...
נאָר כוואַליעס קײַקלען זיך און וואַרפן,
דער ווינט מיט זאַמד אין פּאָנעם פּאַטשט,
ג'אַ זעצ אין קאָפּ פון באַראַבאַנען,
אַ פונק, אַ פאַל, אַרוף, אַראָפּ.
און ס'פּילט אַן אויגנבליק טרובאַ ניט,
ווי ערגעץ טראָגט מען אים דאָרט אָפּ...

## 29

עָס ציט צום ראנד דער אלטער טראקט
פארמעלדנ זיך מיט טאָפּאָלס שלאנקע,
צוקאָפּנס בלענדיקט א באראק,
צופוסנס — שלאכטיקע טאטשאנקעס,
ווי בראָך פארטראָגענער פונ שטורעמ,
ווי צייַטנס העפקערער געביינ,
אונ כוואליעס בא די ברעגנ מורמלענ,
אונ כוואליעס קריצנ אויס אפ שטיינ.

עס איז דאָ אויסגעשטעפּט דער וועג
מיט טלאָענ זילבערנע פונ שטערנ, —
אָט דאָ געריטנ האָט אָליעג,
אונ דאָ איז דורכגאנ די אימפעריע;
מע האָט דאָ אויסגעשטעפּט דעמ טראקט
מיט טעמפּע קאָפּיטעס פונ רייַטער.
אונ לאגערס האָט מענ דאָ געהאקט,
אונ סרייפעס האָט מענ דאָ געשייַטערט;
ס'האָבנ דאָ שווערדנ אופגעלעכטיקט
מ'האָט דאָ געשאָכטנ אונ געקעפּט

פאר קאסטנס גאָלד, פאר יונגע טעכטער
בא ברעגנ גאָלדענע פונ דניעפּ.

דאָ האָבנ דוירעס דורכגעדונערט,
דאָ האָבנ דורכגעדונערט צײַטנ
מיט ווילדע אָנפּליִענ פונ הונענ,
מיט שווערד פארשטאָכענער אינ ווײַטנ;
מ'איז דאָ געריטנ, מ'איז דאָ געגאנ,
אונ ווער ארויס איז אונ ווער ארײַנ איז
אפ רײַטוואָגנס פונ טשינגיסכאנ,
אפ לעצטע בײַדלעכ פונ ציגײַנער...
מ'האָט דאָ געהוליעט מײַלנ הוילע,
מ'האָט דאָ געפּײַערט אונ געקרוינט,
נאָר אופגעגאנגענ, ווי דער מוילער,
איז אלע נאכט דאָ א געוויינ...

אונ אופגעעקבערט שווארצע טיפנ
דורכ צײַט באוואקסענער מיט מאָכ,
האָבנ דאָ אומגעבלאָנדזשעט סקיפנ
אפ סטעפּעס העפקערע פונ בראָכ.
מ'איז דאָ געגאנ, מ'איז דאָ געריטנ
מיט פאָנענ פינצטערע פונ נעכט
אפ הייסע שיקערע יארידנ,
אפ האנדל שיקערנ מיט קנעכט;
עס האָט פארהערט דאָרט רוט מיט רוט זיכ,
עס האָט פארוועט זיכ נאכט מיט נאכט,
אונ צוויי געשמידטע רעוואָליוציעס —
די דריִטע ז'אופגעגאנ אינ פּראכט...

און וואָס האָט נאָך דען זײַן באַדאַרפט דאָ?
פאַר וועמען נאָך ז'דער סטעפּ געגרייט?
געגאַנגען זײַנען דאָ פאַרדאַרבער
צו זייער אומעטיקן טויט...

און ס'איז פאַרבײַ, און ס'איז פאָריבער.
א יעדער טאָג איז ווי אַן אָס,
עס זײַנען צייכנס דאָ פאַרבליבן,
ס'האָט יעדער עפּעס וואָס געלאָזט.
פון וועמען ס'וואַלגערט זיך א שאַרבן,
פון וועמען ס'זשאַווערט דאָ א שווערד.
און ווינטן דורכגאַנג זײַנען האַרבע,
און ווידער אײַנגעוויגט די ערד.
נאָר איצטער וועקן נײַע טריט אים,
איצט גייען וואָגנס, ווי די צײַט —
נאָך ניט געוווינט ז'דער סטעפּ צו פרידן,
צום קלאַנג פון בוי און פון געצײַג;
ער טרײַבט פון זיך דעם הימל העכער,
און קיינעם ניט זײַן האַרץ ער טרויט, —
עס גיט דער סטעפּ ניט אָפּ קיין עכאָ,
מיט אָפּקלאַנג ענטפערט ניט דער רוים.

נאָר עפּעס שטיל דער ווײַט פאַרטרויט ער,
דעם שײַטער — שטערנדיקן טריפּ;
און ס'דוכט טרובאַן: די ווײַט זיך הוידעט,
און ערגעץ הייבט זיך אויף די טיף.

געפּיבערט האָט טרובא די נאכט,
די היץ ט׳געגעבן א פארטראָג אים;
עס דוכט זיך אים — באגינען שפּארט
אפ הויכע היי־שניטיקע וואָגנס,
און ס׳גיט פון ראנד א בראָך די זון
און א פארפלייצ די ווײַט די בלויע, —
אים דאכט, אז ס׳קאָן נאָך א טאבון
פון ערגעצ אָנפליִען צום פויען;
אים דאכט, אז ס׳קאָן פון הייך און שניט
נאָך אָנפליִען א טשאטע רויבער,
און — ווער ס׳זאָל פאלן אפ די קני...
און — ווער עס זאָל די הענט פארהויבן...

אָט שפּרייט זיך עס דאָס רויע לאנד,
באפלייגט מיט הײַזעלעך ווי גריבעס,
און ס׳ווילט זיך גלעטן מיט דער האנט
די ווײַט די נאָענטע, די ליבע,
די אומקלאָר־רופנדיקע ווײַט,
דעם אומקלאָר־ליכטיקן פארטאָג,
עס ליגט אזויפיל פרייד פארטײַעט
און בײַסט מיט ווייטעק און פארטײַטאָגס;
און גאוועס סטריבַּיְעָוָעַן דעם רוימ
מײַ הילכיק־פּאָכעדיקע קריצן;
און יעדער בלאט פון צווײַגן ציט זיך, —
עס פילט זיך אָן די לופט מיט ברויז,
עס פילט זיך אָן די לופט מיט מי,
מיט רופ, מיט ראש, — דאָס הארצ לויפט אויס,
און ס׳דאכט זיך אים, אז מ׳איז ארויס

פונ יעדער הייל, פונ יעדנ שפאר:
אנ אָנגריפ איז אפ אימ! מע שטויסט,
אונ קישעפ סטעפישנ מע שפארט —
אונ יעדער בלאט אונ יעדער גראָז,
אונ יעדער פאָכ אונ יעדער פיבער
האָט זיכ פארקישעפנ געלאָזט —
אימ נאָכאמאָל אינ זיכ פארליבנ,
אימ נאָכאמאָל אינ זיכ פארנעפלענ;
אָט גיט א גיי צו אימ דער דניעפער
מיט אלטע לאָצמאנישע זיידעס,
מיט ניט געשטילטע בערד, ווי שטורעמס,
אונ יעדער ברעמ אינ דניעפער שטראָמט,
ווי אָדערנ פונ די באנדורעס,
ווי שטריק פונ אוראלטנ פאראָמ,
אונ דאָס געזאנג אימ וויגט אונ וועקט...
ער כאפט זיכ אופ. אימ דוכט זיכ אויס,
אז זײַנ פאלאטקע שווימט אוועק
אפ כוואליעס זינגענדיקנ ברויז,
אונ ניט קיינ ברעג אונ ניט קיינ היימ
אימ דוכט: ס׳צעהוידעט זיכ דער אוראלט,
אונ ער — ער טראָגט זיכ, ווי א בוימ,
אנ אויסגעריסענער אינ שטורעמ...
ער הייבט זיכ אופ אונ צריק ער לייגט זיכ,
אימ דוכט זיכ אויס, אז ווילד אונ פרײַ
זיכ רײַסנ כוואליעס צו די פענצטער
זיי אויסזועצנ, דורכ זיי ארײַנ,
אונ יעדנ אופהייבנ פונ שלאָפ.
אונ זיי א ריס טאָנ פונ געלעגער.

עס טרעפט זיך מיט טרובאַען אָפּט,
נאָך טעג צעזאָטענע פון רעגונג,
ווען מירקײַט גיט אים א באַפאַל דאָרט,
ווען ס'מישט זיך אויס די טיפ, די הויך,
און ס'גיבן זיך א טויש געשטאַלטן
אין ניט באַוואַכטן, מידן מויעך...

נאָר איצט אים דוכט זיך, אז מע רופט:
צי ס'רײַסט דער ווינט דעם לײַן פון דאַך,
צי ערגעץ רײַסט דער פעלדז זיך אויף,
נאָר ס'יאָגט ארויס, ווי אף א שלאַכט...
אָט איז די נידעריקע טיר,
אָט בעטן זיך אליין די וועגן,
ער לאָזט ארויס זיך, ווי א ווירט,
אף זײַנע פּרעכטיקע פאַרמעגנס.
נאָר ס'גייט דער טײַך מיט אוראַלט־קראַפט,
עס גרייכט די נאַכט אים ביז די קני,
און ס'איז די ווײַט אליין פאַרגאַפט
פון אָט דעם אופגעשוימטן שניט;
די הרעבליע רופט מיט טויזנט הענט,
דער וואַסער־קלעם אין דר'הייך פאַרלאָפן.
ער האָט די בריונג ניט דערקענט
און פון דער אומגעגנט דעם פּראָפיל.
נאָר ס'האָט דער אומרויִקער פײַפ
אים ערגעץ ווידער אופגעהויבן,
עס האָבן זיך אין דר'הייך געשלײַפט
די שמאָלע פּיסקעס פון די הייבערס,
און צוגן אויסגעשמידטע, בייזע,

מיט האלבע קעפ פונ מאשיניסטנ,
האָבנ געקלעטערט אונ געדרייט זיכ,
האָבנ געשניטנ אונ געסווישטשעט
מיט היצ, מיט פלאמ אונ מיט געהודע
אינ כמארע שטויביקער פארטאָנ
אנטקעגנ בלאָנדע בינענ־מוטערס,
אנטקעגנ ביטנ מיט בעטאָנ.

נ׳דער טאָג ווערט ליכטיקער אונ קלערער,
אינ אויגנ — ווידעראמאָל גראָם,
ער טוט א הייב די האנט צומ שטערנ,
אונ א שטיק מארליע טאפט ער אָנ.
א האלבער קאָפ ז׳געווענ פארהילט,
א האלבער קאָפ ז׳געווענ פארבונדנ...
ער גיט זיכ שפּייַענדיק א שילט
מיט א פּאָר זידלווערטער בונטע.
נ׳דערזענ האָט אוורא־מ־הערש פונ ווייַט אימ,
די האנט א הייב געגעבנ באלד;
אונ מיט די פלייצעס אונ מיט די זייַטנ:
— ס׳איז, דאכט זיכ, זעט נאָר — ער, טרובא! —
אונ ער איז צוגעגאנ צו אימ,
ער קוקט אפ אימ אונ שמוכט אונ דרייט זיכ, —
אימ קוויקט די הייזעריקע שטימ,
אונ געבנ ווילט זיכ אימ אנ אייצע...
ער גיט א שנורעווע דעמ פאס זיכ
אונ אפ טרובאנ גיט ער א פרעס:
— איר וואָלט באדארפט מיט קאלטנ וואסער
באנאכט זיכ מאכנ א קאָמפּרעס! —

אז, אייגנטלעך, וואָלט אים אליין זיך
געוואָלט זײַן הייוועריק אזוי —
און מיט די מארליעס און מיט — ווייס איך —
זאָל אויך דער קאָפּ אים זײַן באַזוימט...
ער זעט: די הענט זײַנען אים בלאָס הײַנט, —
נ׳געטרײַ זײַן ווילט זיך אָן אן עק;
און פאר טרובאַנ זיך א פארמאסער
גיט ער אליין: — וואָסי? מע מעג!..
די גאנצע שטאָט האָט בא אונדז וואסער
געלייגט צום קאָפּ נאָך א געשלעג!
מע פלעגט אין דר׳היים מ׳יר אלע וואָך
אזוי דעם קאָפּ אפּ צוויי צענעמען,
און וואסער האָט אין יעדער לאָך
געקאָנט ארײַן ווי אין אן עמער...
ס׳האָט מיר אמאָל דערלאנגט א פערד
אונטערן הארצן, אין א ריפּ.
און זאָזלען — גלײַך אין מויל, אהער,
און אים אפּ צוויי צעהאקט די ליפּ.
און נאָר מיט וואסער, גאָר ניט מער,
געראטעוועט האָט גאנצע שטאָט זיך, —
און אוילעם זאמלט זיך. מע הערט,
און אויגן נײַגעריקע גלאָצן.
דערלאנגט טרובא ארום א קוק:
ער שטייט שוין אין א ראָד, אינמיטן;
ז׳א ריס אראָפּ דעם באנד: גענוג!
ס׳וועט אָן אים גוט זײַן, פּונקט ווי מיט אים.

30

א יעדער ריס קלינגט אופ אפ ווערסטנ אינ די שויבנ,
א יעדער אופרײַס שאלט מיט ווידערקלאנג אינ רוימ:
פונעמ קאריער אריבער אווראָמ־הערש איז אפנ הייבער —
דער אָנגעהייצטער לופט — די הענט זײַנע פארטרויענ.
באטראכט האָט אווראָמ-הערש די בויונג פונ דער הייכ;
אָט איצט וועט מענ דערזענ, וואָס ס׳טוט זיכ עפּעס אונטנ;
נאָר ניט געקלעקט קיינ ריִע און דאָס אויג האָט ניט דער־
גרייכט,
האָט ער דעמ קאָפּ פונ דר׳הייכ א וויג געטאָנ פארוווּנדערט:
ווי ס׳האָט זיכ עס א ביסעלע געגעבנ א צעהוידע,
ווי מ׳האָט עס שוינ פּאוואָלינקע געגעבנ א פארפּאָר!
— איז וואָס זשע, אווראָמ־הערש, — האָט ער געשטאמלט, — זײַ
זיכ מוידע,
אז אָפּגעבאלעגאָלעוועט ט׳דײַנ זיידע אכציק יאָר,
און ס׳האָט זיכ ניט געכאָלעמט אימ אינ כאָלעמ, ניט אינ
וואָר,

דײַנ טאטע ט׳אָפּגעװיאָקעט ביז די גרײַז־און-גראָװע האָר,
קײנ אלעפּ ניט צעקײַט װאָלט ער — װאָס סע קומט דאָ פּאָר,
און דו אלײנ װײסט אױכ ניט, אװראָם-הערש, און — גאָר! —

דער אָטעם ט׳אים פארכאפּט. די בײנער ט׳אים פארקלעמט.
ער זעט עס מיט די אױגנ און ער טאפּט עס מיט די הענט, —
אז אָט מע נעמט א טײַכ, מע שפּאלט אים — טײל אפּ טײל,
עס לעשט זיכ ניט קײנ פײַער, ס׳דערטרינקט זיכ ניט קײנ שטײנ,
עס פּאָרט ארױס א װעלט אפּ אים, עס פּאָרנ אפּ אים באנענ,
און אפּ די העכסטע בערג — מע פּױקט װי נ׳באראבאנענ,
און אלצ זעט אױס אינײנעם, װי א װוּנדערלעכער װאלד,
אז נאָכ א ביסל נעמסטו און דו גיסט אפּ אים א פאל,
אז נאָכ א ביסל דאכט זיכ, אז דער טײַװל דאָרטנ נעמט דיכ,
אז נאָכ א ביסל נעמסטו און דו לאָזט ארױס א געמבע:

— אײַ װוּ האָט מענ געזײענ
און װוּ האָט מענ געהערט —
אפּ װאסער זאָל מענ גײענ
אזױ װי אפּ דער ערד? —

נאָר גלײַכ האָט אװראָם־הערש זיכ דאָרט א כאפּ געגעבנ: — הײ,
דו ביסט דאָכ אפּ דער ארבעט, אװראָם הערש, דאָ ניט אלײנ!
— אײַ װוּ האָט מענ געזײענ און װוּ האָט מענ געהערט,
אז מ׳האָט דאָס גאנצע לעבנ אָנגעטריבנ פערד, —
א יעדערנ דערלאנגט ער האָט א קיצלריקנ טאָר
און אפּ דער עלטער — אײַנגעשפּאנט א נײַיִנקנ מאָטאָר! —
ס׳האָט זאָל פונ דער װײַט אפּ אים געשטשירעט און געקוקט דאָרט,

די ליגן די צעשפּאָלטענע געדרייט אהינ, אהער:
— וואָס פעלט נאָכ, אווראָם־הערש, זאָלסט ווערנ א קאָנדוקטאָר?
וואָס פעלט נאָכ, אווראָם־הערש, זאָלסט ווערנ אינזשעניער? —
נאָר אווראָם־הערש געשטאנענ שטאָלצ איז בא דעמ רודער,
דאָס רעכטע אויג — צו זאָזלענ, דאָס לינקע — צומ מאָטאָר,
אונ אלע ווײַל דעמ רוימ פארלישעט מיט א הודע
פאר אלע זײַנע פערציק באלעגאָלעדיקע יאָר!
אונ לאכנדיק געגעבנ האָט ער זאָזלענ א פארפאָר.
אונ מיט דער באָרד — א כיינעוודיקנ פּאָכע צומ מאָטאָר:

— וואָס זאָגסטו אפנ פײַער?
וואָס זאָגסטו אפ זײַנ קויעכ?
פונ אונטנ שפּריצט מיט וואסער,
פונ אויבנ גייט א רויכ!

וואָס זאָגסטו עפּעס, זאָזל, וואָס זאָגסטו אפנ פערד? —
נאָר קיינער פונ דער ווײַט אונ פונ דער נאָענט האָט ניט געהערט,
אונ שטיל האָט ער געגעבנ א דערמאָנ זיכ אונ א קלער:
געקומענ אפנ הייבער ז'ער ניט גלײַכ פונעמ קאריער.
זיכ ארבעטנ געשטעלט אינ שמידערײַ האָט ער צוערשט,
אוועק אינ שמידערײַ, ווי אפ א כאסענע איז ער,
ווײַל ער האָט זיכ ניט פאָרגעשטעלט קיינ בעסערס אפ דער ערד,
אונ ווײַל ס'האָט אימ פונ קינדווײַז נאָכ א צי געטאָנ אהער,
די ערשטע שטוב פונ באנ,
די לעצטע פונ דער שטאָט;
אונ ווו מע גיט א שפּאנ,
איז אײַזנ אונ ס'איז שטאָל.
דאָס פײַער שרײַט צומ וועג מיט פרענט נאָכ פרענט.

די אופגעשפּארטע טיר. די אָפּגעשיילטע ווענט.
און דאָס, וואָס ווי בא קימפּעטאָרנ שטייט דער שמיד באַם ברענ
און לעבעדיקע נעמט ער זיי, די פּרענטעס, מיט די הענט.
עס האָט זיך אים נאָך קינדווייַז אויסגעדוכט אזוי,
אז ס'איז די באָרד מיט פייַער בא דעם שמיד פארזוימט,
און ס'פלאקערט אפ אים פריילעך דער פארויכערטער קאמזויל,
עס פלאקערט אפ אים פריילעך, לעבעדיק און העל,
און ער — ער שפּייַט מיט פונקען: אפ א האלבער וועלט!
געדוכט האָט אים, אז ס'פייַער שלעפּט ער מיט די הענט
פון האָרנ, ווי פון בוזעם — שווייסיק מיט געפעכט,
און קנעט עס, ווי א ראָשטשינע א גאָלדענע צעבלענדט,
און באקט פון דעם פּאָדקאָוועס, ווי ראָגאלנ, פאר די פערד.

האָט קיינמאָל פון דעם פאך זיך שוינ ניט אָפּגעטאָנ זייַנ גוסט,
איז אָפּגעכאָלעמט האָט ער דאָרט א לעבנ און געגלוסט,
אז ווענ וועט פארנ האָרנ זיך צעכראסטענ שוינ זייַנ ברוסט,
און ווענ וועט ער דערלאנגענ שוינ מיט פונקענ אזא הוסט,
אז ס'זאָל א שטאָט א גאנצע ווי א פּרענט זייַנ אינ זייַנ האנט,
און שמעלצנ זי און קנעטנ זי אינ פייַער און אינ בראנד,
אז ציטערנ פאר אים אפ מייַלנ זאָל דער קאנט,
ווי נאָר ערגעץ א מארק און א יאריד עס איז באקאנט...

נאָר ס'איז אים בלויז א בויד א יאלעווע געווענ באשערט
אינ זיבנ ווערסט געליימטע בלאָטע...
איז האָט ער
זיי מיט גווורע דאָרט געקישעפּט און געבלעטערט, —
אנ אָנגעזשליאָקעטער האָט ער געקלאפּט: — איך שווער,
צי פריִ'ר, צי שפּעטער...

נאכהער,
וועג שאבעס פלעגט ער פירג אָנפויענ די פערד
צומ טײַכ,
ז'אפ צריקוועגס ליב געהאט האָט ער
דאָרט גלײַכ
דעמ שמיד אינ פענצטער אָנקלאפג קעסיידער,
אז טרינקענ סעלצערוואסער גייג זיי זאָלגביידע.

ער פלעגט די פערד דאָרט צובינדנ צ'א סטויפ,
ארויסגיינ מיטג שמיד אפג שאָסיי
נ'דעמ גאנצג וועג האָט קיינער ניט קיינ וואָרט געפרוּווט צו זאָגג,
נאָר מיט דעמ פוס האָט אוראָמ־הערש געשארט א ביסל היי,
וואָס איז אראָפגעפאלג פונ א פרעמדנ וואָגנ.

נאָכ א יאריד,
א ביסל פראָסטע וואסער צולייגג צומ קאָפ
איז ער זיכ אויכ געגאנג צומ שמיד;
אראָפגעזעצט זיכ אפ אנ איבערקערטער ראָד,
די גרויסע הענט אראָפגעלאָזט אנטקעגנ פײַער
נ'דעמ קאָוועל ווי פונ כאָלעמ אײַנגערוימט ער האָט:
— ס'איז דאָ בא דיר אינ קוזניע א מעכײַע!.. —

דעמ וויטעק שטילג ז'ער געגאנ מיט קלינגענדיקג קלאפ
אונ דעמ פארדראָס פארברענענ אפג פײַער.

אונ בא דעמ אָפקאָוועג א פערד
האָט ער נאָכ ליב געהאט די פאָדקאָווע פארפרײ'ר באשפײַענ,

א פרווו טאָן מיט די הענט זי אומגעפּער
און מאכן מיטן קאָוועל א לעכאַים.
און אז מ׳האָט אויסגעטרונקען ווי ס׳געהער,
האָט אים דערמאָנט דער גוטער קאָוועל,
פארבײַסנדיק מיט א פּאַרויכערטן געלעכטער שווער:
— לעכאַים, אווראָם־הערש!
מ׳וואָלט דיר באַדאַרפט דעם קאָפּ מיט פּאָדקאָוועס פאַרקאָוועָן,
איז וואָלט ער עפּשער דיר געקלעקט פאַר די יאַרידן,
אווראָם-הערש! —

איז ווען ער איז אוועק אין קרוניע פון קאַריער,
האָט ער
דורך אָנגעגליטע האָרנדיקע
קרעכצן
אין זײַנע אָפּגעשפּילטע יאָרן
אײַנגעהערט זיך...
א יעדער פונק האָט אים געדרעשט
און אים געשניטן הערצלעך:
— געפּאַטערט, הייסט עס, אווראָם-הערש,
אזוי די גרייס אין לעבן א יאָר פערציק!
נאָר אז דאָס לעבן האָט אזוי געפירט,
און אז דאָס מאזל האָט אזוי געבעט דיר, —
איז מאכט ניט אויס — צי פריַ׳ר,
צי שפּעטער!.. —

באטרונקען זיך מיט פלאַם צו װעט,
מיט רויך און סאַזשעדיקע שטויבן, —
און זיך דערנאָך װען מיט פונקען אויסגעבעט
פון קוזניע צו דעם הייבער.

געפירט האָט ער אין לופט אזא געפּעכט.
א בעזשבן זיך געמאכט פון זײַנע יאָרן:
— דרײַ פערטל לעבן אָנגעטריבן פערד,
און צו דער עלטער — רײַטנדיק אפ א מאָטאָרל!

## 31

געפינדלט פלאטערדיק און בונט,
די פיסקעס אינ דער הייכ פארהייבנ, —
האָט זיכ א־ויסגעלאָזט א מעכטיקער טאבונ
פארשײַטע רײַטנדיקע הייבערס.
א וואלד א גאנצער — הייבערס פעסטע —
האָט זיכ א גליטש געטאָנ דורכ דער פארפלייצונג,
א זויג די בראָכ־טיילנ פארפרעסטע
אונ צו די גרונט־פעסטנ — באגלייט זיי.
ס'האָט שטאנג צו שטאנג פונ קאָטלאָוואנ
דאָרט שטורעמדיק צונויפגעלייגט זיכ,
אונ צוגעפעסטיקט וואנט צו וואנט,
אונ פלייצע צוגעשמידט צו פלייצע,
געצויגנ האָט צו סטויפ א סטויפ זיכ,
פארקייטלט פעסט, ווי האנט אינ האנט.
אונ אווראָם־הערש ז'געריטנ אפ א הייבער,
ווי אפ א פערד אנ אטאמאנ.

א יעדער ווײַל — נ׳א זײַט דעם קאָפּ
צו דעם פאַנאַנדערבראָקטנ דניעפּער;
א קוק — ארופ, א קוק — אראָפּ,
ער זאָל דאָרט קײנעם ניט פארטשעפּענ.
ס׳האָט הײסע זאָרג אינ זײַנע אויגנ
מיט פרײד געטונקענ זיכ אינ ראש, —
נאָר עפּעס גיט ער זיכ א בײג אָנ
אונ עפּעס טאַפּט ער אָנ אינ טאש —
א בריוו פונ דר׳הײמ... נ׳ער לאָזט אימ אָפּ...
... זי שרײַבט... ווער װײסט, וואָס זי איז אויסנ?.
א קוק — ארופ, א קוק — אראָפּ,
ער זאָל דאָרט קײנעמ ניט קײנ שטויס טאָנ.
אונ ס׳גיט א פּרעס אימ א פארדראָס
אפּ איר נ׳אפּ אלע זײַנע יאָרנ:

— אמעריקע — ט׳זי ניט געלאָזט...
צומ באַנ ט׳זי מיר געהײסנ פאָרנ.
— מע פאָרט! — געטריבנ מיכ זי האָט דאָרט, —
— מע פאָרט! — געטײַנעט אינ אײנ קאָל:
איבער די זיבנ ווערסט געלײמטע בלאָטע
זאָל אוראָמ־הערש איר שארנ גאָלד!
ניט אָפּלאָזנ דעמ שײנעמ ווײלטיק,
פונ אָרט זיכ רירנ ניט געוואָלט;
נאָר אפּ דער קעלניע — נ׳ווער פארפוילט דאָרט!
אונ איכ, דער נאר, האָב זי געפאָלגט... —

עס גיט אינ קאָפּ אימ אזא ברי,
אונ ער — א לעש זיכ אינ געפּילדער:

און איצטער שרײַבט זי מיר אין בריוו —
זי ווייסט אַליין ניט, וואָס זי וויל דאָרט... —
ס'פאַרײַסט דעם פּיסק דער הייבער העכער,
ער הערט זיך אויך דאָרט ערגעץ אײַן,
ווי פּונקט ער קײַט פון בריוו די ווערטער:
„ווערסט לאַנג דען, אָזוראָם־הערש, דאָרט זײַן?..״
ער וויגט דעם הייבער ווי אַ פּעכער,
ער לייענט הויך דעם בריוו און קאָכט:
צי ס'לוינט זיך איר אַצינד צעברעכן?
צי ס'לוינט זיך רירן זיך פון אָרט?

ס'גיט אוּוראָם־הערשן ס'האַרץ אַ גראָב נאָך,
דער קאָפּ גיט אים ווי ב'היץ אַ דריי:
זי שרײַבט מיר נאָך אַרויס פאָדראָבנע,
אַז ווי־ניט־ווי איז זי אין דר'היים,
אַז בעסער זײַן וואָלט ווען איך קום
און מעל אַ זעקל ברענגען ראַזעווע;
עס גיט דאָס מויל זיך אים אַ קרום:
— האָסטו מיר, גאָט, באַשערט אַ יאַזווע!.. —

געדאַנקען האָבן זיך געוועקסלט
אין אוּוראָם־הערשס צעוויגטן קאָפּ:
— גיי גיב איר דאָרט אַרויס אַ וועקסל
און גיי נאָך שטעמפּל עס איר אָפּ. —
ס'האָט אים אין מויעך געמומען ראַשן,
ס'האָט זיך די גאַל געטאָן אַ דריי:
— אַז זײַן דאָ אויך וועט אַ פּידאַשעק
און ווי־ניט־ווי באַ זיך אין דר'היים... —

און אָפּגעלאָזט א פּײַפ ער האָט,
א שילט זיך פונעם גאנצן אָטעם:
— פארברענט זאָלן זיי ווערן, גאָט,
די זיבן ווערסט געליימטע בלאָטע! —
און אז ער גיט זיך נאָך א קאָך דאָרט:
... א היים .. א לעבן... ווײ און אָך...
אז אײַנגעזונקען וואָלט עס דאָרטן
געוואָרן צריק מיט דרײַסיק יאָר!

און ווידער — אָן א זײַט דעם קאָפּ
צו דעם פאנאנדערבראָקטן דניעפּער;
א קוק — ארופ, א קוק — אראָפּ,
ער זאָל דאָרט קיינעם ניט פארטשעפּען.
ס'האָט דער פארדראָס אין זײַנע אויגן
מיט פלאם געווארעמט זיך באנאנד;
דער גאנצער דניעפּ ז'אין אים פארזויגן,
ער האלט דאָס לעבן אין דער האנט, —
איז יעדער בראָך־טייל, ווי א שפּארבער,
פון טיפסטן גרונט, פון קלעם ער רײַסט;
דעם הוט — פארוקט, די ברוסט — צעשפּארט דאָרט,
פארהיט האָט ער געוואג און דרייסט
פון די לאנגיעריקע געשלעגן
פאר באלעגאָלעדיקן רום,
ווען ס'האָבן זיך געבוקט די וועגן
און ס'האָט געציטערט דער ארום.

עס פוילט נאָך ערגעץ דער קאַיאָר
פון ווילדער קראפּט אפ מערק צעשאָטנ;
געשטיקט האָט זי זיך פּערציק יאָר
אפ זיבנ ווערסט געליימטע בלאָטע
אונ ניט געהאט ווהינ אראָפּ,
ווהינ ארופ, — די ווײַט געשלאָסנ!
מ'האָט נאָר דאָס בלוט דאָרט פונ זײַנ קאָפּ
ווי פונ א שקאליק אויסגעגאָסנ...

האָט ער געטרענט פונ זיך דעם אָטעמ
אונ זיך געריסנ אינ דער ווײַט,
אז זענ אצינדער זאָל די שטאָט אימ,
א קוק טאָנ זאָל אפ אימ זײַנ ווײַב,
ווי ער — צעווישנ הייבער־סטײַעס,
ווי ער שפּארט אופ פונ בערג דעמ טראכט
אונ טראָגט זיך אומ אפ א שטיק פײַער,
פּונקט ווי א קריגכמאנ אפ א שלאכט!

אונ דאָך האָט אימ דער בריוו צעשטרייט,
עס האָט אימ דאָך גענומענ קלעמענ;
ס'איז ווי־ניט־ווי — אנ אייגנ ווײַב,
ס'איז דאָך ניט גלאט אבי פונ וועמענ, —
ס'האָט פּארנ האלדז געטאָנ א נעמ אימ
אונ א צעטויכע: — בלײַב — ניט בלײַב...
איז וואָס זיך דאָ פּאראנ צו שעמען?
סע קומט דאָך אויס... זי בענקט... א ווײַב...
אונ ווי־ניט־ווי אנ אייגנס — פּאָרט...
אונ זײַנ אליינ מיסטאמ איז שווער איר...

איז עפשער גיט מען גאָר א פּאָר
אזוי זיך, סטאם, געוואָרע ווערן...
און צו טרובאן איז ער פארנאכט אוועק
אן אייצע האלטן זיך אינײנעם;
ער האָט זיך וועגן אלץ דערפרעגט
און האָט דעם בריוו געטאָן א לייען אים,
און... פאָרן, דוכט אים, אז ער מוז שוין...
די אויגן גיט ער א צעזײ
אף זײַנע גומענע מאלבושים,
ווי ער געזעגנט זיך מיט זײ...

עס האָט טרובא אים אויסגעהערט דאָרט,
געקוקט טרובא האָט לאנג אף אים;
נ'א באָד געגעבן אים אין ווערטער
מיט אזא שמייכלדיקער שטים:
— פון פערד — ארופ אף א מאָטאָר ביסט,
און איצט צוריק — מיט האק און פאק?
סע בענקט זיך דיר שוין נאָך א טאָרבע,
סע בענקט זיך דיר שוין, הא, פערדאק?
נו, גוט! קום מאָרגן נאָך דער וואכטע.
דײַן ווײַב כ'וועל אָנשרײַבן אליין;
מאָטאָרן נײַינקע נאָך ווארטן.
זי וועט זיך איבערבעטן, איצטער — גײ!

## 32

און ווידער טעג - - געזאָטלט און געבעטע
מיט גריוועס גאָלדענע — צעפּאַכעט און פאַרשייַט;
ווי גיט מען עס אפ טעג אזעלכע ניט קיין קלעטער,
ווי גיט מען ניט אפ זיי א לאָז זיך אין דער ווייַט?
אז פונקען זאָלן זיך צעשפּריצן פונעם אָטעם
ביז צו די ווייַטסטע שטיבעלעך — פאַרזונקענע אין ליים,
און אָנצינדן די זיבן וועדסט געליימטע בלאָטע
נ'א שלעפּ טאָן ווי א בויד די כראָפּעדיקע היים...
אז טעג אזוינע, ווי די ביימער וואקסן,
און דו — מיט זיי, אינאיינעם, אין דער הויך;
זיי גיבן דיר אזוי א לייג זיך אפ די אקסל
און גייסט מיט זיי דורך פייַער און דורך רויך.
און ס'רייַסן קעפּ זיך העכער נאָך און העכער,
די גאנצע וועלט פאַרזויגט זיך דיר אין בליק;
און ווינטן אין די ווייַטן פאָכען און פאַרשפּרעכן,
נ'מיט אש פאַרשיטן זיי דעם וועג דיר אפ צוריק.

האָט אפּנ הייבער אווראָמ־הערש די ווײַט געפּלעט דאָרט,
געבוקט האָט זיכ צו אימ דער הימל אונ די ערד;
טעג געוואָטלטע, טעג געבעטע
מיט גריוועס גאָלדענע פארשײַטע אינ געפּעכט.
ארײַנגעריטנ וואָלט אינ שטעטל ער אצינדער
אפּ דעמ־אָ שטאָלענעמ אונ שטאלטנעמ פערד.
— וואָס מאכט עפּעס די שטאָט? — וואָלט ער באמ וועג זיכ גלײַכ
דערקונדיקט. —

צי האָט מענ פונ א שפּאנ א שטאָלענעמ אזא געהערט?
אראָפּגערוישט צו אימ וואָלטנ די העכסטע עטאפּאָליעס,
די קרענעצע וואָלט אימ אליינ דערלאנגט א טרונק;
אונ ער וואָלט אינ דער הייכ געגעבנ א באמאָל עס:
אָט זעט, ווי מע דערלאנגט א ריס אונ א פארשעפּ דעמ גרונט.
א רײַט געטאָנ וואָלט ער מיט פרייד איבערנ שטעטל
אפּ אָט דעמ שטאָלענעמ אונ שטאלטנעמ שפּאק
אונ אופגעהויבנ עס אזוי אפּ פראָסטע קובאָמעטערס
אונ עס געבראכט אהער מיט האק אונ פּאק.
אונ ניט באדארפט וואָלט ער דעמ קאָפּ צעגראָבנ
אונ ביזנ העמד זיכ אויסטאָנ הויל, —
אפּ אָנשיטנ אינ טאָרבעלע א ביסל האָבער,
אראָפּנעמענ עס מיט א קרעכצ פונ אייגנ מויל
אונ אָנטאָנ עס דעמ פערד, ווי זיכ אליינ — אלציינס —
אונ זענ — סע זאָל ניט טאָנ קיינ איבעריקנ קײַע...
אונ ס׳גיט דאָרט אווראָמ־הערש א צאָקע מיט די ציינ:
וואָס זאָגסטו עפּעס, שטאָט, ווי קאָרמענ א מאָטאָר איז א מעכײַע!
מע עפּנט ווי א קישעפּמאכער אופּ דעמ בויכ אליינ אימ,
אינ איגעווייד פארטיפּט מענ זיכ דאָרט מיט פארשטאנד אונ זינ,

און זײַנע שטאָלענע געדערים נעמט מען לייענען,
גלײַכ ווי א בוכ און א פארשטענדלעכנ אזוינעמ,
מע גיסט ווי בראנפנ דאָרט ארײַנ אימ דעמ בענזינ,
א דריי אהער,
א דריי אהינ.
נ'מע מאכט מיט אימ דעמ עמעסנ לעכאימ,
אז אופהייבנ זאָל ער דאָרט גאנצע בערג,
און קריעכ זאָל אימ אפ א גאנצער וואכטע סטײַענ!
מע הערט בלויז, ווי סע פליסט דאָרט דאָס געטראנק,
און אינ די שטאָלענע די אָדערנ ווי סע צעגייט זיכ,
דערפילסט אינ אימ א היימישנ א גוטנ פרײַנט.
און פונ געננס גיט אוואָמ-הערש א הייב דאָרט מיט דער פלייצע,
און איז טרובאענ צענ מאָל דאנקבאר
פאר אלצ, — דאכט זיכ אימ אויס, — פאר אלצ,
פאר זײַנע שטארקע ווערטער ווי געטראנקענ,
און פאר זײַנ פעסטנ הייזעריקנ האלדז,
און אויכ פאר זײַנע גרויע אָנגעשלײַפטע אויגנ,
וואָס שפירנ קלוג און שטענדיק נאָכ, פונקט ווי מיט ליכט,
ער זאָל אינ ערגעצ גאָרנישט ניט פארבויגנ
און זאָל אינ ערגעצ ניט דערלאנגענ א פארקריכ;
ער איז אימ צענ מאָל דאנקבאר פאר דער בראנפנדיקער ווײַט
און פאר דעמ ווײַטנ אויסגעשפרייטנ ראנד,
און צענ מאָל דאנקבאר, צענ מאָל וואכ
אי פאר דעמ בריוו, וואָס ער האָט אָפגעשיקט זײַנ ווײַב,
און אויכ דערפאר, וואָס ס'טוט אימ גאָרנישט באנק,
און אויכ דערפאר,
וואָס ס'איז ביכלאל פאראנ
אזעלכע מענטשנ, ווי טרובא!

האָט ער געארבעט שטאָלצ. געהיט פאר א געפאר,
ס'זאָל דער מאָטאָר אָנ אונטערבראָכ געטרײַ גיינ;
ארומגעכאפט מיט אויגנ הארט
א יעדער קלייניקײַט, א יעדער שרײַפל;
זיכ אײַנגעהערט אינ אימפעטיקנ צוק,
צי ריכטיק ארבעטנ די קלאפאנס אונ די צײַגערס —
אונ טאָמער וואָס, אונ טאָמער עפעס ניט גענוג,
זאָל ער אליינ אינ אלצ זיכ איבערצײַגנ.
האָט ער געארבעט שטאָלצ. געהיט פאר א געפאר,
ס'זאָל דער מאָטאָר אָנ איבערשלאָג — געטרײַ גיינ,
אונ האָט באמערקט דאָרט אומדערווארט,
אז ס'האלט זיכ שלאבעריק א הײַקע.

ס'האָט אימ אינ קאָפ דערלאנגט א שנעל,
ס'האָט אימ א שפרונג געטאָנ דער דויפעק:
מע מוז אפגיכ, אונ טייקעפ, שנעל
זי אינ אנ אויגנבליק פארשרויפנ.
ס'האָט זיכ מיט היצ זײַנ בליק פארבעט:
וואָס טוט מענ? אָפשטעלנ צי ניינ?
א פרעג טאָנ עמעצנ איז שפעט.
ס'איז ווייניק צײַט. מע טאָר ניט שטיינ.
געכאפט אפגיכ דעמ גרויסנ שליסל.
ער האָט דעמ שליסל ניט דערקאָנט,
אונ אָנגעשטעלט דאָרט אפ דער זוימ אימ,
אונ צומ מאָטאָר — א וואָרפ זיכ — נאָנט.
געדוכט האָט דאָרט זיכ אפנעווויס אימ,
אז ס'לויפט א פערד אונ אז מע קאָנ
אימ דאָרטנ לויפנדיק באצוימענ, —

נאָר ס'האָט מיט קראַפט געטאָן א שטויס
און אים דערלאַגט אפּ צריק א שלײַדער.
און ערגעץ — אײַן, און ערגעץ — אויס,
מ'האָט בלויז דערהערט, ווי עמעץ שרײַט דאָרט.
האָט אים א טראָג געטאָן אין דר'הויך,
ווי א בוהײַ וואָלט מיט דעם פוס אים
דערלאַנגט אן אומדערוואַרטן טויך
אונטערן האַרץ, אונטער דער ברוסט דאָרט,
און ס'האָט געפּלאַצט עפּעס אין בויך,
און ס'האָט צעפּלעט אים דעם באַוווּסטזײַן.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אן אויגנבליק האָט אַלץ פאַרקערט
געדרייט מיט אים זיך — הין און הער,
און פונקט ווי פון א ווונדערלעך פערד
איז ער א פאַל געטאָן צו דר'ערד.

## 33

ס'דרעשט די צײַט א הייסער ווינט דאָ:
ווּ איז פרייד און ווּ איז אומעט?
ס'וואלגערט זיך אף הארבסט דער ווינטער,
נ'אפן פרילינג קומט דער זומער.

האסטיק פליִען אָן די ווײַטן
אף די יאָרן די פארוויגטע.
אז ס'האָט אים פון אלע זײַטן, —
זאָגט דער קירזשנער,—צוגעדריקט דאָ,

ווּ ער גיט זיך ניט קיין ווענדע,
ווּ ער גיט זיך ניט קיין דריי;
אז ווי לאנג איז ער געווען דען
באלעבאָס בא זיך אין דר'היים?

און סע גיט דאָרט א פארהיל אים,
און ווי שניי אפ אים סע שיט:
מיט אן אייגענער פאמיליע,
מיט אן אייגענער מאשין...

און די שטוב איז פול מיט יאָרן,
אזא שטילקייט צווישן זיי,
און אָט דאָ איז מאָנטעפיאָרע,
און אָט דאָ איז זיין מויסיי.

דארפסט קאראקול, איז קאראקול,
דארפסט באראשעק, איז באראשעק,—
און א הוט מע גיט א קנאק אופ
מיט א גלאנצנדיקן דאשעק,

אז סע בלישטשעט, קיינ איינאָרע,
פון דער שטוב אפן שאָסיי,
און סע קוויקט זיך מאָנטעפיאָרע,
און סע קוויקט זיך זיין מויסיי.

און א מארק ז'מיט ביר באגאָסן,
און א זונטיק גייט א גאנג;
און מע נעמט פון קעפ די מאָסן
מיט א ציקלדיק געזאנג.

בלויז פון אָפגעגרינטן באלקן
שאָטנס ברעכן זיך און בראָקן,—

און אין יאַדעשליווג אַלקער
האָט אַ ווײַב אין בעט געקוואַקעט.

און די יאָרן מ׳האָט געפּעקלט,
און די יאָרן מ׳האָט געגרימפּלט:
אַלע זונטיק — אַ געבעקל,
אַלע יאָר — אַ זיסער קימפּעט.

איז אַף וואָס האָט ער געבעטן
אין זײַן קירזשנערייש געשעפט?
אַז מע זאָל דאָ אינעם שטעטל
נאָר ניט בלײַבן אָן די קעפּ...

האָט ער יעדער הוט געמאָסטן
אַף זײַן קירזשנערישן קאָפּ;
און — אָט האָט איר! און — אָט האָסטו!
צוגעזאָטן און פאַרקלאָפּט...

אַלץ איז צו דער מאָס געווען אים:
פון אַ קינד און פון אַ טאַטן.
און די אויגן בײַ אים ברענען:
— נעמט אָט די, אָט די־אָ נאָט אײַך! —

ס׳איז פּאַסאָנען דאָ אַזויפיל,
ס׳זאָל נאָר ווען זײַן זיי אָנטאָן.
פאַר שאַבאָסים און יאָנטויווים
נ׳פאַר אַ פּאָשעט־פּראָסטן מאָנטיק.

זײַדענע — גיט מען א באק אָן,
א קארטינע — ווערט פון סאמעט;
נ׳מיט א שטיקל אליפאגע
קאָן מען אויך זיך ניט פארסאמען.

ס׳איז זײַן מויל אין הוילע וויצן,
און זײַן מויל איז — אופגעכראסטעט:
היטלען, — זאָגט דער קירזש־ער איצי, —
איז בא אים פאר אלע וולאסטן.

פאר מאכנאָ און פאר קאזאקן,
און פאר דײַטשן, און אווסטריצעס:
— טראָגט מיר נאָר ארײַן א סאקל,
נ׳מיטן אויג א פינטל: — איצי! —

אין א פאָלק און א דיוויזיע
מאכט אָפּ איצי פאר א נאכט...
...ס׳איז די צײַט אוועק... ווּ איז זי?
ניט דערקלערט און ניט דערטראכט.

ווען א וולאסט ווערט נאָר פארזייט, —
ז׳פרי׳ר פון אלץ באפאלט מען אים נאָר:
— איצי, — זאָגט אים גאנץ ראסיי, —
— כאָטש דאָס טעלערל פון הימל! —

ענטפערט איצי מיט איין אָטעם:
— גיט אהער מיר דעם פאסאָן נאָר,

וועט אײַך איצט ווי אפּ נאָטן
אויסשפּילן א הוט — א סאָלע.

און א סאָלע מיט א דאשעק,
און א סאָלע מיט א קוטעס.
און די אויגן ער פארקאשערט:
— אוי ווי טײַער־זיס און גוט איז!..—

און א סאָלע מיט א פעדער
און אזוי זיך גלאט א סאָלע.
און דעם „גראגער" ווײַזט שוין יעדער,
און ס'איז — לעבן לאסן זאָלן!

און די היטלען זיך צעוויגן,
ווי די פייגל אפּ א פלי טאָג;
— נאָר, — זאָגט ער, — די באָלשעוויקעס,,
האָבן ניט קיין גוסט צו היטלען...

אלץ האָב איך דאָך אפּ מײַן לעבן
אָנגעמאָסטן, ווי א היטל —
א מילכאָמע ט'גאָט געגעבן,
און א סרייפע, און א שכיטע,

נאָר די וואָסטן — ווי איך מעסט ניט,
ז'גאָרנישט קומט בא מיר ארויסעט,
עפּעס מיט די אויגן זעסטו:
די איז קליין, און יענע גרויס איז...

אַז איך ווייס ניט — וואָס פאַרלאַנגט מען
פון אַ מענטשן פון אַזאַ.
ס'זײַנען טעג אַזוינע לאַנגע,
ס'זײַנען מענטשן דאָ ווי זאַמד.

ניט קיין פרייד און ניט קיין טרויער,
ניט אַרויף און ניט אַראָפּ;
סך־הכל האָב איך בלויז איין אויער,
און וואָס נאָך? אַ שטיקל קאָפּ...

גיט מיר, — זאָגט ער, — די מאַשין אָפּ,
גיט מיר, — זאָגט ער, — אָפּ די מאָס,
גיב איך זיך מיר אַ צעשימער
און איך ווער מיר באַלעבאָס.

און דעם אויער מער איך מאָן ניט,
און דעם אויער שענק איך — אויס!
נאָר אײַך, — זאָגט ער, — אָפּ דעם האָניק,
לאָזט מיך פונעם טאָפּ אַרויס...

---

אָט איז עס זײַן שטיבל. דער גאַנעק. די טרעפּ.
אָט איז עס דאָס שילדל מיט היטלען אָן קעפּ,

צעשוווּנקט און צעבויגן פון רעגן און קלעפּ.
און אָט איז פון ווײַטן דער זילבערנער דניעפּ.

אין האָט זיך באַ איצין פאַרוואַלגערט אַ טרער,
אַן אַלטע, אַ גראָווע פאַרלעגערטע טרער:

— אז אָט איז דער הימל און אָט איז די ערד —
איז ווער איז דאָ אומגרעכט און ווער איז דאָ גרעכט?!.. —

צ׳איז דניעפּער פון עמעסן זילבער, צי ניין,
צי האָט אפּ אן עמעס דער קירזשנער געוויינט?—

נאָר ס׳האָט פונעם דניעפּער א ווינטל געוויִיט.
— נו, פּאַר זשע, נו, קירזשנער, געזונטינקערהייט! —

האָט נאָכאמאָל איצי באטראכט זײַן פּארמעג,
און ווידער — א קוק — און ווידער א שמעק,

און האָט זיך א ריס געטאָן: האָדי! אן עק! —
און האָט זיך פארפעקלט און — אויס! און — אוועק.

נאָר ס׳גייט אים די לײדיקע שטוב נאָך, דער שטויב.
עס קוקט מאָנטעפיאָרע פון וואנט דורך דער שויב. —

גייט ער, דער קירזשנער, און מאכט מיט די הענט:
איַ, מאָנטעפיאָרע, וואָס ווייסט דען א מענטש?..

ער קוקט, מאָנטעפיאָרע, פון וואנט דורך דער שויב,
דאכט זיך — ער גיט פון דער וואנט זיך א הויב,

ווי ער וואָלט געפרעגט בא אים: איצי, וווהין?
ווו גייט עס א קירזשנער?.. ווו גייט עס א ייִד?..

דאָס שילדעלע הענגט — א צעבויגענער גלאָק,
דאכט זיך — א ווינטעלע... דאכט זיך — מע קלאַפּט.

דרייט אויס זיך דער קירזשנער און מאכט מיט די הענט:
— איי, מאַנטעפיאָרע, וואָס ווייסט דען א מענטש?..

ווער האָט זיך גערירט? און ווער האָט געוווּסט?
סע קומט בא מיר אויס, אז איך גיי מיט איינ פוס...

און הער מיט איינ אויער... און זע מיט איינ אויג...
און ס'גייט מיר א ליידיקע שטוב נאָך... מיט שטויב...

זי גייט און באגלייט עפּעס — ווי א לעוויַיע.
געשטאָרבנ. אוועק. און ס'איז אויס קירזשנעריַי. —

אים דאכט זיך, ער הערט אפ א קייווער דעם טופּ:
ס'איז אויס מאָנטעפיאָרע... ס'איז אויס מיט דער שטוב...

איז האָט זיך א ריס געטאָנ איצי: — איך האָב עס! —
און האָט זיך געקויפט א בילעט אינ אווטאָבוס.

און אָט איז דאָס שילדל מיט היטלענ אָנ קעפּ,
און אָט איז דאָס גלאָקיקע זילבער פונ דניעפּ!

## 34

ווער זשע וועט דערציילן, ווער זשע,
שמייכלט איצי אומגעהויער,
וויאזוי איז עס דער קערזשנער
דאָך געבליבן אָן אן אויער?..

אז צו אלץ ט'ער צוגעהערט זיך,
צו די ווענט און צו דער ערד;
נאָכדעם האָט ער א טאָג פערציק
גאָר שוין גאָר מער ניט געהערט...

מ'איז אריינגאן, מ'איז געקומען
אזוי לעבעדיק און לוסטיק, —
ווער אפ אקסל מיט א קלומעק,
ווער מיט קלומעקעס געברוסטיקט...

און א קוק מ'האָט אויסגעגאָסן...
אז דאָס הארץ האָט זיך צעבויטעט:

— זיצט... אָט נעם איך גלײַך א מאָס אײַך, —
און זיך נידעריק פארבויגן...

— נעם אונדז ניט קײן מאָס! — שרײַט אײנער
און א ריס פון אים די מאָס, —
די נעשאָמע, קירזשנער!.. שטײ נאָר! —
— וואָס? — פרעגט איצי, — זאָגט איר, וואָס?.. —

האָט ער זיך דערלאַנגט א הוידע,
אײן אויג ווינקט און אײנס פארמאכט:
— קריך, מויסײ, ארופן בוידעם,
קריך, מויסײ, ארופן דאך! —

קוקט פארוואונדערט מאָנטעפיאָרע
אפ צעשוימיקטע פאפאכעס,
אונטער פענצטער ווארטן יאָרן
און אן אומעט — אפן דאך איז...

האָט מויסײ זיך אויסגעבויטעט,
האָט מויסײ זיך אויסגעגלײַכט:
ווו זשע איז ערגעץ דער בוידעם?
ווו זשע איז ערגעץ דער דאך?

ס'האָט מויסײ געהערט א קאָל נאָר
און א קוויטש, ט'ויך אים געדאכט, —
מיט אן אופגעשטעלטן קאָלנער
ז'ער געזעסן אפן דאך.

און געקוקט אין ווײַטן אומעט,
און געקוקט — אים אַלץ ז'באַוווּסט דאָ...
מ'איז אַרײַנגאַנ, מ'איז געקומען
אַזוי לעבעדיק און לוסטיק.

און דעם קירזשנער אַפן וואַרשטאַט,
און דער וואַרשטאַט — אַפ אַ קאָל —
און די טשאָפּרינעס ווי באַרשטן,
און די באַרשטן — אַפן פּאָל.

אַ בייז־ווונדער און ס'איז פריילעך,
און סע טרייסלט זיך די שטאָט,
און מע סאַפּעט, און מע קוילעט,
און ס'איז קײנער שוין נישטאָ.

מ'איז אַרײַנגאַנ, מ'איז געקומען
אַזוי לעבעדיק און לוסטיק,
און דעם אויער מ'האָט גענומען
נאָר אַזוי זיך אַפ אַ מוסטער —

מיט אַ שערל צוויי־דרײַ צוקעו,
און געבראַכט אים פאַר מאַכנאָ:
אויב סע וועט דער מוסטער צוגיין,
וועט מען קומען נעמען נאָך.

ס'קלינגען אָפ די יאָרן ראַשיק,
ווי מיט גלאָז זיי קלינגען אָפ:

וואָס באראשׂעק, וועג באראשעק,
אז דער קאָפּ איז ניט קיינ קאָפּ...

וואָס, אז ס׳פּעלט אינ שטאָט קאראקול?
וואָס קיינ שמויסלעכ איז נישטאָ?
אז סע איז שוינ גאָר סאכאקל
מער די שטאָט שוינ ניט קיינ שטאָט.

דאָס איז צווייטנס, אונ אינ דריטנ —
גיט דאָס הארצ זיכ אימ א קלאָפּ:
ווענג קריכט אינ קאָפּ איצט היטלענ,
אז דער קאָפּ איז ניט קיינ קאָפּ.

שמייכלט איצי אויס דעם טרויער:
וואָס זשע טאָנ האָט מענ געקאָנט,
אז מאכנאָנ געפּעלט דער אויער,
אונ דעניקינענ — דער קאָפּ...

דרעשנ טעג איצט הייסע ווינטנ:
ווו איז פרייד אונ ווו איז אומעט?
ס׳וואלגערט זיכ אפּ הארבסט דער ווינטער,
נ׳אפּנ פרילינג פּלים דער זומער, —

אונ עס פליִענ אָנ די ווײַטנ
אפּ די יאָרנ די פּארוויגטע:
אז ס׳האָט אימ פונ אלע זײַטנ, —
זאָגט דער קירזשנער, — צוגעדריקט דאָ...

האָט ער זיך צונויפגעפּעקלט
נאָך אַ מאָל דעם נישער לעבן
און אַוועק דאָרט אַף דער ספּעקע
טראָגן שטיינער צו אַ הרעבליע.

בעסער, — טראַכט ער, — ווען סע לאָזט זיך,
וואָלט פון אַלץ געווען אַזוי:
ער זאָל גאָר אַוועק קיין מאָסקווע
און אַריַין אין מאָסקוואָשוויי.

נאָר דער דניעפּער איז דערנעבן,
ס'איז דער דניעפּער באַ דער האַנט;
און ס'איז אומעטום — אַ הרעבליע,
און ס'איז אומעטום — דאָס לאַנד...

---

פאַרוקט איז באַ איציק אין גאַרטל אַ האַק —
ער האַקט און ער טראָגט דאָרט די שטיינער געשמאַק.

ער לויפט און ער שטופּט זיך: וואָס גיכער און מער...
אים דאַכט זיך — ער האָט דאָ נאָך אַלץ ניט דערהערט.

ער איז אַזוי לײַכט — נאָר ס'איז שווער אים דאָס גיין,
ס'איז שווער ניט דער שטיין, נאָר ס'איז שווער דאָס פאַרשטיין.

אים דאַכט זיך — מע טראָגט אים, ער גייט ניט אַליין.
און אַלץ — אַזוי גרויס, און ער — אַזוי קליין...

איז שטעלט ער זיך אָפּ. איז בלײַבט ער דאָרט שטיין:
ווײ, ס'ארא גרויסער און גוואלדיקער שטיין!

און הערט מיט איין אויער און זעט מיט איין אויג:
אָט קוקט זי, די ליידיקע שטוב מיטן שטויב.

אָט קוקט מאַנטעפיאָרע. דער שאבעס. די היים.
דער איינציקער אויער אים שפּאלט זיך אפצווייען...

דאכט זיך — א ווינט אין זײַן שילדעלע קלאַפּט,
און שמײַסט דאָרט די היטלען און רײַסט זיי אראָפּ.

און ס'דאכט זיך — עס עפענען פענצטער זיך אוף —
און עמעצער ווינקט אים און עמעצער רופט...

און ס'גיט א סירענע זײַן אויער א ריס:
קירזשנערל איצי, דו זעסט וואָס דאָ איז?

דו זעסט עס, דאָס לעבן? נעם עס, ס'איז דײַנס!
נ'פּאר אָט-אָ דעם לעבן איז אלעס קעדײַ!

דער טײַך און דער הימל, די ערד און דער ברעג,
און אָט־אָ די ליכטיקע גאָלדענע טעג.

קאָנסט עס ארײַנעמען? — נעם עס ארײַן!
דו זעסט עס? באקאָן זיך! נעם עס — ס'איז דײַנס!

קוקט זיך דער קירושנער ארומ און ארומ:
וואָס איז דאָ גלײַך און וואָס איז דאָ קרומ?..

—

און שטעלט אָנ דעמ אויער און קוקט זיך ארײַנ:
עס ווילט זיך דעמ אלעמענ ווערנ געטרײַ...

נאָר אז סע טוט אפ אימ אומעט א וויי,
שרײַבט ער א בריוו צו זײַנ זונ — צו מויסיי:

„בא מיר ווי־ניט-איז — איז די זאך שוינ אזוי:
סע קומט מיר ניט שנײַדנ — איך האָב ניט געזייט..

איך שרײַב מיט א ווערטל דעריקער, מויסיי —
ווײַל איך בינ א קירושנער, און דו ביסט מויסיי!

אקיצער האמײַסע, — איז הער זשע מויסיי:
די זאך איז אינ דעמ, וואָס איך קאָנ ניט פארשטיינ,

מיט וואָס איז עס בעסער צו טראָגנ דעמ שטיינ,
ווי נ׳דר׳היימ בא דער׳ שאפע מיט היטלענ צו שטיינ...

זאָל ער מיר מויכל זײַנ — לעניג — אליינ,
כ׳פארשטיי ניט דעמ סייכל. כ׳פארשטיי ניט דעמ מיינ.

וואָס עמעס איז עמעס. מע זאָגט מיר: ס׳איז מײַנס,
איז קוק איך און טראכט: ס׳איז פונ זייער צאד פײַנ!

מע זאָגט עס ניט מיר, נאָר צו אלעמענ גלײַכ:
אָט דאָס איז אינגאנצנ — אינגאַנצנ פאר אײַכ!

אונ אויסגעבויט האָט מענ א פּאלאצ — אליינ,
א ווערסט אינ דער ברייט אונ א ווערסט אינ דער לענג.

איז ער נאָכ ניט פארטיק. מע זאָגט — ער איז קליינ.
איז קאָנ איכ דאָס אויכ ניט אינגאנצנ פארשטיינ.

איז זאָג מיר, מײַנ זאָהנ, איז זאָג מיר, מויסיי:
וואָס דארפ דענ א קירזשנער אזא מינ פּאלײַי?

ער איז טאקע גרויס אונ ער איז טאקע שיינ,
נאָר גרינגער ז׳צו האָבנ א שטיבל א קליינס.

טאָמער — א קוינע, טאָמער — וואָס,
מאלע־וואָס... בינ איכ — באלעבאָס!

אונ דאָס, וואָס ס׳קומט אויס, אז ס׳אנ אייגענע זאכ,
איז זיצ איכ אונ שרײַב דיר, איז זיצ איכ אונ טראכט:

כ׳פארשטיי ניט, מויסיי, ווי קאָנ עס דענ זײַנ,
ווי קאָנ עס זײַנ מײַנס, אז ס׳איז דײַנס אונ ס׳איז זײַנס?

דעריקער איז דאָס, וואָס סע קומט מיר ניט אויס:
אז טאָמער, לעמאָשל, איכ וויל מיר ארויס,

איז ווי וועט מען טיילן אזא מין פאליי —
פאר מיר איז ער גרויס, און פאר אים איז ער קליין...

לאָז ער מיר מויכל זײַן — לענין — אליין,
כ׳פארשטיי ניט דעם סייכל. כ׳פארשטיי ניט דעם מיין.

אָט האָט מען געבראכט איצט א נײַעם נאסאָס.
פארשטייסט? א נאסאָס! און איך ווייס ניט צו וואָס.

ווען כ׳האָב אים באַ זיך, ווען איך האָב אים אין דר׳היים, —
איז קאָן מען שוין ווי־ניט זיך געבן א דריי...

איז גיב איך, מויסיי, זיך א טראכט אפ צוריק:
אז וואָס איז די פאָלזע? און וואָס איז דאָס גליק?

ווען ס׳שטייט דער נאסאָס, לאָמיר זאָגן, בא מיר,
איז, זײַ אזוי גוט, און מע גיט אים א פיר,

און מע ברענגט אים אהער, און מע נעמט אים א מאָס,
און — זײַ, כאווער איצי, אָט דאָ באלעבאָס!

אָט זיץ איך און שרײַב דיר און קוק אין דער ווײַט:
ס׳איז אלץ, דאכט זיך, איבן און אלץ איז פארטײַעט.

און מענטשן — א יאם, און מאשינעס — א וועלט,
און לידער מע זינגט... אז דאָס הארץ סע פארקלעמט...

איך פּרוּוו זיך עס ליב האָבנ... ס'גייט אויס דאָס הארצ,
אָט ווי איך האָב ליב געהאט פּרייַטיקצונאכטס,

ווי שאבעס קאַיאָר... ווענ מע טרייַבט די קו...
איז זיצ איך אונ שרייַב דיר אונ טראכט זיך אונ קוק:

א'ויפיל נאסאָסנ אונ בעהיימעס אונ פערד —
אונ ס'איז אזוי ברייט אונ געראַם דאָ די ערד...

אונ לידער מעסוקענע וואקסנ אינ וועג.
אז ס'רייַסט זיך דאָס הארצ. די נעשאָמע זיך עקט.

איז ווי זשע באקומט מענ עס ליב אָט — עלעהיי
פּונקט ס'וואָלט געוואקסנ בא מיר אינ דער היים...

פּונקט ווי כ'האָב ליב געהאט די שאפע. די קלייט.
דאָס בלעכענע שילדל. די אייגענע לײַם.

אונ ס'איז אזוי סומנע אונ ס'איז אזוי שווער —
איז זיצ איך אונ שרייַב דיר, איז זיצ איך אונ קלער,

איז זיצ איך אונ טראכט זיך אונ קלער זיך, מויסיי, —
סע קומט מיר ניט שנייַדנ, — איך האָב ניט געזייט.

אונ שרייַב מיט א ווערטל דעריקער, מויסיי, —
ווייַל איך בינ א קירזשנער, אונ דו ביסט — מויסיי!"

## 35

זיסע טעג. די ווײַט געשמאק איז
בא דער נידעריקער שוועל;
שיילט זיכ לײַוונט פונ באראקעס,
גלײַכ ווי אָפגעצערטע פעל.

רײַסט אונ טרייסלט דאָרט דער ווינט זיי,
שטעכט זיי אויס, ווי א געשוויל;
טעג, — זיי זײַנענ אזוי ווינציק,
טעג, — זיי זײַנענ אזוי פיל,

ביז דעמ הימל אונ נאָכ העכער
אונ אינ זאמדנ טיפ פארוויגט;
פלאפלענ לײַוונטענע דעכער
מיט פארבײַגייער, מיט ווינט.

אפ די פענצטער וויאַנען בלומען,
און פּאָרטרעטן אפ דער וואַנט,
און אפ נאַרעס שלאָפן אומעס
פון אומברעגיקן פאַרבאַנד.

ענדיקט זיך מיט פּײַפ א וואַכטע,
הייבט מיט פּײַפ זיך וואַכטע אָן, —
ווער באַטאָג און ווער באַנאַכט דאָרט,
ווער באַנאַכט דאָרט, ווער באַטאָג!

ס'רײַסט ניט איבער זיך די אַרבעט,
ס'רײַסט ניט איבער זיך די רו, —
ווען ס'ענדיקט זיך די וואַכטע,
ווען ס'הייבט זיך אָן דער רוף!

ס'שפּאַרן קעפּ אונטער די דעכער,
נאָר מע זעצט אפ קני זיך אויס;
און מע גיט זיך א צעטעכער,
און מע זידלט זיך אַרויס.

און מע קראַצט זיך הויך די פּלייצעס,
און מע רייכערט הויך טוטין —
ניט דערזידלט מע צעגייט זיך,
ווער אַהער און ווער אַהין.

און אפ מײַלער, אפ געמיטער
קומט אזוי ניט קיין פאַרשלים, —

ביז מע לייגט זיך ניט אנידער,
ביז מע פאלט ניט פון די פיס.

און מע ציט די מארינארקעס,
און די אָנעטשעס מע שלעפט;
און סע קומט א שלאָפ א שטארקער
אפ די טערפקע מידע קעפ.

און א כראָפ צעגייט זיך מונטער
אין דער הייך און אין דער ברייט, —
ווער די שטיוול בעט זיך אונטער,
ווער אזוי ווי גייט און שטייט!

נ׳ווער ס׳לייגט אונטער זיך צוקאָפנס
בענקשאפט ווײַטע פון דער פרעמד —
נאָר דער ייִד פון מעליטאָפּאָל
זיצט און לאטעט זיך א העמד.

אָנ א שאבעס דאָס דערמאָנט אים,
דאָס דערמאָנט אים אָנ א היים;
טוקנ זיך די האָריזאָנטנ
מיט אנ אויסגעדארטנ בוים...

אָנ א שאבעס דאָס דערמאָנט אים,
און ער ווייסט שוינ ניט אליינ,
צי ער וועט דאָס העמד נאָך אָנטאָנ,
צי ער וועט דאָס העמד נאָך גיינ?..

אז ס'איז מיטנ נאכט. מע כראָפּעט.
אלע אנגלענ מע צעקלעמט,
נאָר דער ייִד פונ מעליטאָפּאָל
טרײַבט דעמ טויט אָפּ מיט דעמ העמד...

ס'האָט א ריס געטאָנ א כוואליע
זיכ אינ מויל זײַנס אינ פארקלעפּטס —
נ'פּארנ גאָרגל, ווי מיט צוואנגענ,
האָט אימ אָנגעכאפּט דער גרעפּצ.

איז אינ מאנטל א פארהילטער
ט'ער אראָפּגענידערט שווער,
דאָס צעקרימטע מויל א קיל טאָנ
אפּ דער הוילער, רויער ערד.

אונטער נארע, אָנגעשטויביקט,
טוליענ זיכ דאָרט איינס לעמ איינס
א פּאָר זעקעלעכ מיט גריפּנ
אונ א קלומעקל א קליינס.

טוקט זיכ האָריזאָנט צוקאָפּנס
מיט אנ אויסגעדארטנ בוימ.
ס'האָט דער ייִד פונ מעליטאָפּאָל
שיקנ עס באדארפט אהיימ. .

אז ס'זאָל אָנקומענ, ווי יאָנטעוו,
אפנ טיש זיכ טאָנ א שטעל.
וואָס האָט זיכ אימ נאָכ געוואָלט דענ
פונ זײַנ לעבנ, פונ זײַנ וועלט?..

וויאנענ אפ די פענצטער בלומענ,
און פאָרטרעטנ — אפ דער וואנט;
און אפ נארעס שלאָפנ אומעס
פונ אומברעגיקנ פארבאנד.

★

זיס ווי קאוונ־זאפט דער דרויסנ,
און נאָכ זיסער ז״ַנענ טעג;
ער איז ערשט באטאָג ארויסגאנ
זיכ א ווארעמ טאָנ באמ ברעג.

יאָרנ ז״ַנענ אָפגעמעקטע,
און די טעג מיט זונ און וויי, —
ס׳ האָט מיט קאווענעס פארשמעקט אימ,
ס׳ האָט פארשמעקט אימ ביז געוויינ...

האָבנ ז״ַנע פיס געבלעטערט
און געציטערט האָט די האנט,
און פאנאנדערפרעגט בא יעדנ:
— קאווענעס איז נאָכ פאראנ?

שמעקנ קאווענעס מיט האָפנ
און מיט יאָנטעוו, און מיט וויי.
האָט דער ייִד פונ מעליטאָפאָל
זיכ געשטעלט דאָרט אינ דער ריי.

אז דער ברעג איז ווי א האפּנ,
בארזשעס בלײַענדע מיט פּראכט, —
האָט ער אויכ געקויפט א קאוונ,
צו דער נארע אימ געבראכט.

דורכ די נידעריקע שויבנ
קומט ארײַנ א ווײַטער ראנד, —
ס'ווילט דעמ קאוונ זיכ א הייב טאָנ
אונ א וואָרפ טאָנ אינ דער האנט,

אונ אימ צופּייגנ צומ אויער,
אונ א קוועטש טאָנ בא דער זײַט,
אונ זיכ אָנטרינקענ מיט טרויער,
אונ זיכ אָנטרינקענ מיט ווײַט.

אונ דערמאָנענ זיכ אינ יאָרנ,
אונ דערמאָנענ זיכ אינ טעג, —
אָפּגעלופּעטע, ווי קאָרע,
אונ צעזייטע אפנ וועג.

וואַרפט דאָס הארצ זיכ אונ סע טריפט דאָרט
אונ סע בלעטערט אונ פאַרמישט —
ווי ער האָט געשניטנ ריפּטלעכ
קאלטנ קאוונ בא זײַנ טיש.

אונ געטיילט אפ ביידע זײַטנ,
אונ געקוויקט זיכ מיט געפּליעסק, —
אונ מיט העט האָט ער געטײַטלט,
אונ געשריגנ: קינדער, עסט!

און די קלעפּיק-זיסטע טראָפּן,
אויסגעמישטע מיט געוויינ:
אוי, ווּ ביסטו, מעליטאָפּאָל?
אוי, ווּ ביסטו, ווײַטע היימ?

ליגט דער קאַוונ אופגעשניטנ,
ווי אנ אופגעהאַקטער בויכ, —
ער וועט אימ שוינ ניט קיינ צי טאָנ
און א הייב טאָנ אינ דער הויכ!..

ס'איז אינ האַלדז אימ אזוי קלעפּיק,
ס'רײַסט זיכ אָפּ פונ אימ דער טאָג:
עפּעס שנײַדט מענ אפּנ דניעפּער
איצט אפּ ריפּטלענ דעמ בעטאָנ.

און מע טיילט אפּ ביידע ברעגנ,
און סע פּליעסקעט זיכ געריוש;
און דעמ פעלדזנ־ברעג מע ברעקלט,
און מע כראָמקעט אימ ווי ברויט.

און זײַנ מויל איז אופגעריסנ,
און דער אָטעמ איז פארשטעלט;
און צוקאָפּנס און צופוסנס
אָפּגעשונדנ ליגט זײַנ וועלט...

ט'ער אליינ זיכ אופגעהויבנ,
און א קוק — אהינ, אהער. —

שטייען זייַנע זעקלעכ גרויפּנ
אפ דער רויער רונדער ערד...

אָט — אָט ליגט עס דאָ, זייַנ לעבנ,
אינ די זעקלעכ אפ דער ערד...
וואָס באטרעפט עס? וואָס ט'מענ געבנ? —
ער דערנעבנ, אונ וואָס מער?

— ס'קומט מיר נאָכ פאר זעקס טעג ארבעט, —
אויסגעקרעכצט ט'ער ווי פונ שלאָפ, —
אונ, ס'ווייַזט אויס, אז איכ'ל שטארבנ,
אונ, ס'ווייַזט אויס, אז ס'איז דער סאָפ!.. —

קוקט אפ קאוונ — קוקט אונ גלעט אימ,
דרייט דעמ קאָפּ פונ אימ אוועק.
דאָ־אָ ענדיקט זיכ זייַנ צעטל,
דאָ-אָ ענדיקט זיכ זייַנ וועג!

עפּעס רעכנט, עפּעס קריצט ער,
אונ די ערד איז רוי אונ שטיל;
עפּעס ווערט אימ, דאכט זיכ, פינצטער,
ס'איז נאָכ, דאכט זיכ, זייער פרי.

ס'זייַנענ הענט א'מ שווער אונ שטייביק,
אונ דאָס מויל איז אימ ווי ליימ;
אונ אָט דאָס־אָ ביסל גרויפּנ
דארפ מענ אָפּשיקנ אהיימ!

ס'איז די באָרד פארקלעפּט מיט קערלעכ,
אויגנ קוקנ בייז אונ פרעמד.
ערגעצ האָט ער פּערציק קערבלעכ
אײַנגעניײטע אינ דעמ העמד!

אונ א שטילנ הוסט געטאָנ נאָכ,
אונ אנ אויסגעוועפּטנ שפּײַ
האָט דער ייִד פונ מעליטאָפּאָל,
האָט דער ייִד פונ ערגעצ ווײַט...

אונטער נארע, אָנגעשטויביקט,
טוליענ זיכ דאָרט איינס לעמ איינס
א פּאָר זעקעלעכ מיט גרויפּנ
אונ א קלומעקל א קליינס.

אפ די פענצטער וויאנענ בלומענ,
אונ פּאָרטרעטנ אפ דער וואנט;
אונ אפ נארעס שלאָפנ אומעס
פונ אומבאַרעגיקנ פארבאנד.

## 36

באנאכט זענען אויס די באראקן, ווי ברונעמס,
באנאכט איז דאָרט שטיל. און די רו איז פארשניצט;
און יעטווידער אופרײַס וועקט אוף, ווי א דונער,
און יעטווידער אופרײַס שנײַדט אוף, ווי א בליץ.

די נאכט שנײַדט זיך אוף און זי רײַסט זיך און פערטלט,
און בלאנקענדיק-ליכטיק איז יעטווידער ריס;
און ס׳קומט ניט קיין שלאָפ אין באראק בא די נעכט דאָרט,
מע זיצט אפ די נארעס פארבויגן די פיס.

מע רייכערט ציגאַרעס, געדיכט, ווי די נעפלען,
און איינער באמ צווייטן פארציט דאָרט דעם רויך;
און שטיל הערט מען אײַנ זיך — אפ וואָס וויינט דער דניעפער?
און שטיל רײַסט זיך איבער אפצווייען די הויך.

ראקעטעס זיך רײַסן, ווי בלענדיקע טאָפּאָלס,
זיי גיבן אין שויב פון באראק נאָר א ווונק.
און וווּ איז דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
און וואָס טוט אים ווײ דאָרט? און וואָס איז זײַן ווונד?

עס קרעכצן די הײבערס, און ס'זעצן די האמערס,
זיי שפּאַלטן די כוואַליעס און רײַסן די טיף;
עס וויגט דער באנאכטיקער הילך זיך אין פלאמען, —
צי הייבט מען ניט אוף א דערטרונקענע שיף?

און שטיל גייט דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל,
עס שלעפּן די שטיוול אים ערגעץ צוריק;
ער לייגט זיך אף נארע, ער בעט זיך צוקאָפּנס,
און ס'דאכט זיך אים אויס, אז ס'איז נאָך אזוי פרי...

די נאכט איז צעשניטן. די נאכט איז צעפלאמעסט,
און ס'ווארפן זיך פײַערס, ווי פיש, אפן דניעפּ.
און ס'ווארגט זיך דער ברעג דאָרט מיט שטאָל און מיט שפּאלעס,
און ס'ווארגט זיך דער ייִד מיטן אָטעם־פארשעפּ.

די נאכט איז צעשניטן אף בלענדיקע פלאכן,
זי האָט זיך צעעפנט מיט פינצטערער טראכט.
דער ייִד איז ניט גרייט נאָך, ער איז נאָך ניט פארטיק,
ער האָט עפּעס נאָך ניט אינגאנצן באטראכט,

ער האָט עפּעס נאָך ניט אינגאנצן פארשטאנען,
ער האָט עפּעס נאָך ניט אינגאנצן באקלערט,

אז אָט איז דאָס לעבן — א רעגע פונדאנען,
און אָט איז די נארע.,. און אָט איז די ערד,

און אָט זײַנען שטײנהעקער — ערשט פון דער װאכטע,
אָט זײַנען זײ אלע אזױנע, װי ער;
אז אָט איז דער אָטעם... אז אָט איז די נאכט דאָך...
און אָט איז דער הימל... און אָט איז די ערד...

איז װוּ זשע, װוּ זײַנען זײ?.. װאָס איז געװען דאָ?..
עס רײַסט זיך דער דניעפּער! סע דונערט, סע קראכט...
אָט ליגן דאָך זײַנע פארלאטעטע העמדער,
אָט איז דאָך דער טאָג... אָט איז דאָך די נאכט...

אָט איז עס דאָך — אלץ! אָט — פון אונטן ביז אױבן!
ס'איז װעמעס? ס'איז זײַנס? פון זױם ביז צו זױם!
ער קוקט אפן קאװן. ער זוכט זײַנע גרױפּן,
זײ זאָלן זיך אלע צעשרײַען אזױ!

אזױ, ס'זאָל די נאכט אים אװעק פון צוקאָפּנס.
איז טאפּט ער די נארע און זוכט זיך אלײן.
װוּהין איז אװעקגאנ זײַן שטאָט מעליטאָפּאָל?
װוּהין איז פארשװוּנדן זײַן כאָרעװע הײם?

נאָר שטיל אין באראק איז, די שאָטנס צעקלעטערט
פון װענט אפ דער סטעליע, פון סטעליע אפ װענט;
דערמאָנונגען שטײנהעקערס האקן און קנעטן
און קנעטן זײ נאָכאמאָל אױס מיט די הענט.

און איינער דערקלערט דאָרט, אַז גאָט איז פאַראַנען,
דער אַנדערער גענעצט, אַז אים איז אַלצאיינס.
אַף פענצטער פאַרטריקנטע בלומען דערוויאַנען,
אַף נאַרע באַם ייִדן זיך פלאָנטען די ציינ.

און ווער ס׳האָט פאַריבל אַפן נאַכטיקן קלאַפן,
און ווער אַף דער מאַכט, און ווער ס׳גיט דאָרט אַ רוף:
— ווּעסט אַמאָל אויפהערן, דו, מעליטאָפאָל? —
— געגוג דיר צו כאָרכלען! האָדי! הער אויף! —

און איינציקווייַז קריכט מען אַרויף אַף די נאַרעס,
און איינציקווייַז פאַלן אין דרעמל די קעפ;
עס סקריפען די ברעטער, און מייַלער זיך שפאַרן,
עס סקריפעט פון ווייַטן און ס׳שפאַרט זיך דער דניעפ.

עס שלאָפט דער באַראַק איַין. די שאָטנס זיך שטאָפן,
מיט רויכיקע ווענט אין דער שטיל זיך מע שפאַרט.
געטראַכט האָט דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפאָל,
און דאָך האָט ער עפעס אַזוי ניט דערטראַכט.

אַ קער אַף דער זייַט — און אַנשוויגן געוואָרן,
אַ קער אַף דער צווייטער — און שאַ. און — אויס...
צוויי זעקעלעך גרויפן, וואָס אונטער דער נאַרע,
און נאָך עפשער צוויי ניט-דערקליבענע בלויז...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

באַנאַכט זעען אויס די באַראַקן, ווי ברונעמס,
באַנאַכט איז דאָרט שטיל, און די רו איז פאַרשניצט.

און יעטווידער אופרײַס וועקט אוף, ווי א דונער,
און יעטווידער אופרײַס וועקט אוף, ווי א בליץ.

און ס'כאפּט זיך אוף איינער. א שפּײַ און — א דורכגאנג.
ער זאמט זיך א רעגע און — צריק. עס איז שטיל.
נ'דעם ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל ער שטורכעט
און וועקט אים: — באדארפסט ניט אמאָל אפּנ ווינט?.. —

ער שטייט נעבנ אים, און ער שרעקט זיך און רעדט;
און ס'איז — שא. און ס'איז — אויס. און די שטיוול שוינ קלאַפּנ:
— ברידער, שטייט אוף! אינדערגיך! איר זעט?
ער שלאָפט, מעליטאָפּאָל — ! Затих Мелитополь

ס'איז דאָרטנ דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל
געלעגנ אזוי ווי אינמיטנ דעם וועג,
ווי פון א וואָגנ ארונטערגעפאלנ,
און ס'איז דער וואָגנ זיך ווײַטער אוועק...

האָט מענ די פיס בא אים אויסגעלייגט ריכטיק,
האָט מענ די הענט אים אינ אָרדנונג געבראכט, —
און שווײַגנדיק האָט מענ פארלאָשנ דאָס ליכט דאָרט,
און צריק זיך געלייגט דאָרט דערשלאָפנ די נאכט.

א כראָפּע געטאָנ האָט מענ בייזער און הארבער
און איבערגעכראָפּעט מיט וואָרט זיך געהיימ:
— א שטילער געווענ... און ערלעך געארבעט...
געקליבנ גרויפּנ — אלץ פאר דער היימ.

געקליבן א גאנצן סעזאָן — געקליבן...
א ייִד מיט גרויפּן... מיט טאָרבעלעך צוויי —
באַדאַרפט וואָלט מען אָפּשיקן וואָס ס'איז געבליבן...
א ייִד — און ווער ווייסט ווו ס'איז ערגעץ זײַן היים? —

און אופגעגאַן זײַנען קאַיאָריק די ברעגן,
די שטערן געריסן ווי צײַטיקן בעז;
דעם פעלדזן־באַרג האָט מען געהאַקט און געברעקלט,
נ'די הרעבליע ז'געגאַן, ווי א בלויער עקספּרעס.

## 37

דעם ערשטן קרעכצ
האָט אווראָם־הערש
געגעבנ אינ שפּיטאָל.
געוועג איז שטיל.
ס׳האָט אפ טרובאנ געווארט דאָרט;
א טויבער ראש — געקײַקלט דורכנ טאָג —
געטראָגנ האָט זיכ ווי פונ ווײַטע שלאכטנ.
ס׳האָט אופגעכאפט זיכ אווראָם-הערש פונ שלאָפ.
דעמ קאָפ געפרוווט אונ ניט געקאָנט א דריי טאָנ.
מ׳האָט אינ דער שטילקײַט יעדערער געהערט געלאָפ,
אונ דורכנ פענצטער האָט געשפּארט דער הימל א פארשנייטער.
מ׳האָט ניט געהאט אראָפּגענומענ נאָכ פונ אימ דאָס אָנטאָנ,
ערגעצ פונ ווײַט געגאנגענ איז זײַנ אָטעמ שווער.
ס׳האָט זיכ געדאכט, אז זייער נאָנט דאָ
דארפ ערגעצ ליגנ א דערהארגעט פערד.
א ריר געטאָנ האָט זיכ די היצ מיט קרעכצנ טויבע

און ווידער א פארזינק דורכ פינצטערניש און ליכט.
טרובא האָט שטיל די דעק פונ אימ פארהויבנ
און פונדאָסנייַ זיכ אייַנגעקוקט אינ זייַנ געזיכט. —
ווי נאָכ א שלאכט געשלאָפנ וואָלט אזא מינ גיבער,
וואָס אופוועקנ עס קאָנ אימ ניט דער גרעסטער ראש,
נאָר אונטער די פארמאכטע אויגנ — גריבער,
און אינ די גריבער — אש.
די הויט געוועזנ איז ערדיק־גרוי, ווי בא א פעלדז.
די באָרד, ווי ווילדגראָזנ קאפויר, צעטראָטנ.
אריבער אלעמאָל ז׳אנ אנדערער די שוועל
מיט א פארטייַעטנ געהאקטנ אָטעמ.
מ׳האָט שוינ געוווּסט: געפלאצט עס האָט בא אימ די לעבער,
און קלאָר געוואָרנ איז מיט יעטווידער מינוט,
אז אפ אימ אופהייבנ צוריק צומ לעבנ
וועט מענ אימ מוזנ געבנ בלוט.

וואָס מענטשנ מער — אלצ שטילער איז געוואָרנ.
געשטאנענ איז עלקאָנע. שוועסטער. און טרובא;
דער דאָקטער האָט געווונקענ און געקוקט פארלאָרנ:
מע מוז אימ בלוט אריבערגיסנ באלד!
און ער איז גרייט. די שוועסטער זייַנענ פארטיק.
און אלצ איז דאָ אונטער דער האנט.
— כאָטש, אייגנטלעכ, — האָט ער אימ נאָכאמאָל באטראכט דאָרט, —
איז זייַנענ האָפענונגענ זייער קנאפ פאראנ.
מע דארפ זייַנ גרייט צו אלצ, — האָבנ די ווערטער זיכ געפלאָכטנ.
ער זאָגט עס וועגנ דעמ דערפאר,
ווייַל ס׳וואָלט אנ אנדערער געבליבנ אפנ אָרט דאָרט...
וועג ניט אזא מינ גוואר.

איז וועט מען צוטרעטן, ס'איז אלצדינג פארטיק.
מע דארף באשליסן נאָר — בא וועמען בלוט מע נעמט.
געגאנגען איז צום סאָף די צווייטע וואכטע,
די נאכט האָט ביידע ברעגן שוין פארקלעמט.
דער דניעפּ איז אויך געלעגן אין זײַן ברעגיק אָנטאָן
מיט א געפּאלמעסטן, צעהאקטן בויך;
עס האָט א דרײַסיקטויזנטיקע מענגע, טיף פארטאָן דאָרט,
איבערגעגאָסן זינען אים אפ אופשטײַג אין דער הויך.
נאָר דאָ איז שטיל. דער ראש ט'אהערצו ניט דערגרייכט
פון פלאצנדיקע בערג און פעלדזן;
עס עפנט זיך די טיר. און פענעמער, ווי רויך,
און ווער — ארײַן, און ווער — עס שטעלט דאָרט אפ דער שוועל זיך.

וואָס מענטשן מער — אלץ שטילער איז געוואָרן.
געשטאנען איז עלקאָנע. שוועסטער. און טרובא.
דער דאָקטער האָט געווונקען און געקוקט פארלאָרן:
— איז ווער... וועט געבן בלוט?.. מע דארף עס באלד!.. —

א ריר האָבן זיך אלע גלײַך געגעבן,
א יעדער ט'זיך דערנענטערט אפ א שפאן;
עס האָבן אלע אויסגעשטרעקט באגלײַך דאָס לעבן,
נ'אמנאָענטסטן געשטאנען איז טרובא.
איז אפן ליגנדיקן נאָכאמאָל א קוק געטאָן דאָרט
און אפן דאָקטער און אפ ביידע זאלבענאנד;
און שנעל א פּאָרע זיך געגעבן מיטן אָנטאָן,
און אויסגעשטרעקט א פעסטע טאטוירטע האנט:
איז וואָס זשע זאמט מען זיך? איז וואָס זשעווארט מען?
אפג'כ ארופגערוקט דעם ארבל פון דעם העמד, —

קיין אנדערע זײַנען ניטאָ נאָך פון דער וואכטע,
נ'די האנט, ווי אף דער וואך, א חײַב געגעבן: נעמט!

דער אופרוף צו דער דריטער וואכטע ט'זיך געהערט שוין,
געקוקט האָבן פארוווּנדערט אויסגעשטרעקטע קעפּ,
ווי ס'טיילט דאָס לעבן דאָרט טרובא מיט אוראָם־הערשן,
נ'ווי ס'צינדן פײַערן זיך אָן דאָרט אפן דניעפּ.

## 38

די גאנצע נאכט ז׳טרובא געזעסנ נעבנ קראנקנ,
דערמאָנט די טעג, געקומענ ווענ ער איז אהער;
ס׳אוועקגעפירטע פערד אונ זײַנ באזוכ אונ זײַנ ארײַנקומ,
ווי ס׳איז מיט אימ די ערשטע צײַט געוועזנ שווער...

ווי ס׳האָט אינ אימ א ווילדע קראפט געברויזט,
ווי קלוג באדארפט מע האָט זי אימ באהערשנ;
אונ עפּעס אײגנס, האָט געטאָנ א דוכט זיכ אויס,
ז׳פאראנ צווישנ אימ אונ אוראָמ־הערשנ.

די אויגנ גיבנ אימ א לאָפ,
די ליפּנ — שטיל עפּעס א בלעבל;
אונ ווי צעלײגטער שטאָפ
האָט זיכ אוועקגעשטעלט זײַנ אײגנ לעבנ.

אינ יאָכ פונ קיניגלעכנ פלאָט
פונ פריִענ טאָג ביז נאכט ביז שפעטער
אָט איז ער, אָט,
נ׳געוועב פונ יאָרנ זיכ דערזעט ער.

... א צוגעשמידטער צו דער פאלוב
איז ער געשטאנענ יעדנ טאָג אונטער דער ביקס,
פונ זונ צעפאליעט
אונ צעפיקט,
געקוקט מיט בלײַ צעשמעלצטנ אינ די וויִעס,
ווי ס׳רײַסט א וואל דאָרטנ א וואל אופ,
ווי ארומ אימ דער יאמ זיכ וויגט
אונ כוואליעט.

א יעדע רעגע ט׳זיכ געזאמט,
א יעדער אויגנבליק האָט זיכ באוויגנ,
אונ צוויי אונ זיבעציק פונט זאמד
אימ האָבנ צו דעמ דעק געצויגנ.
נאָר ניט קײנ רודער מיט דער האנט,
אונ ניט קײנ פינטל מיט די אויגנ.
ער איז געווענ געווינט צו אָט דעמ יאָכ,
וואָס האָט מיט האס אימ אויסגעפאשעט,
ווי צו די זיבנ ביינער אינ דער וואָכ,
נ׳ווי צו דער שטענדיק טוכלער קאשע.

האָט ער זיכ דאמאָלט שטייענדיק געוויגט ווי נ׳שלאָפ,
ס׳האָט ביז דער דיכ די האנט אראָפגעלאָזט אונטער דער ביקס זיכ.

און בלויז די צונג פון מויל האָט ער באַוויזן אָפּט
אפּ אָפּלעקן דעם שוויס, וואָס האָט ווי אומפּלייט זיך געביסן.

די לעצטע שטראָף האָט ער געפּאַקט — דערמאָנט ער זיך איצט — אַקוראַט
פאַר דער צווייקעפּיקער שטיק מעש, וואָס אפּ זײַנע רימען;
דעם צווייטן טאָג האָט ער זי ניט געהאַט
ווי ס׳דאַרף צו זײַן געפּוצט און ניט געריבן;
און ס׳האָט אַראָפּגעפּאָכט איין קויט דער אימפּעראַטאָרישער פויגל
פון זײַן פאַרקרעמפּעוועטן בויך;
די געלע פליגל אויסגעזען האָבן ווי שטרוי
נאָך אַ געדרעש, —
האָט זיך אַן אָפיצער איבערן רימען אויסגעבויגן
און מיט דער שווערד גענומען קראַצן די שטיק מעש:
— ס׳אַ שטשור, דו הינטיש בלוט, ס׳איז ניט קיין אָדלער! —
און נאָכגעזאָגט דעם אָפיצער ט׳ער וואָרט באַ וואָרט דאָרט:
— פאַראַן מיט הינטיש בלוט אַן אָדלער, —
האָט אים דער אָפיצער
אַראָפּגעלאָזט איין באַק
אַזאַ פאַרטויבנדיקן פּרעכע:
— מאַטראָס טרובאַ!
— פאַראַן, מאַטראָס טרובאַ!
— געהערט?
— פאַראַן, געהערט!
— מיך הערט דער גאַנצער עקיפּאַזש, —
האָט אָפיצער געפּלאַמט
און נאָך געשריגן העכער, —
— מיך הערט דער גאַנצער יאַם,
ניט נאָר אַ הונט אַ פּרעכער!

ס'האָבן זיך פויסטיק זײַנע מוסקולן געקרייצט,
ווי א שטיק קופּער זיך געריסן האָט דער קינביין,
און שווארצע רינגען
און בלויע אָדערן ארום דעם האלדז ווי שטריק
געצויגן האָבן אים אפּ צריק
און אויסגלײַכן זיך ניט געלאָזט,
א שפּײַ טאָן כאָטש פון מאָל צו מאָל נאָר, —
ביז אויסגעדונערט האָט א שאָס:
«די רעוואָליוציע זאָגט, טרובא, דיר — ! Вольно»

גלײַך ווי בא זיך אין דר'היים ז'די רעוואָליוציע געגאנגען איבערן יאם,
פון שיפּ צו שיפּ האָט זי א פלאמיקע געשטיגן;
דעם וועג האָבן זיך ווינטן אָפּגעראמט,
געקרישעט האָבן כוואליעס זיך אפּ שטיקער,
די אָפּגרונטן ווי בוזעמס אופגעכראסטעט,
צו אופשטאנדן די בערג האָט זי געוועקט,
און אויסגעקלעפּט באפעלן אפּ די מאסטן,
און לאָזונגען צעשלײַדערט אפּן דעק:
ארויסגיין זאָלן אלע מיטאמאָל דאָרט
פאנאנדערשפּרייטן פליגלען בא דער פאָן!
און ס'האָט די רעוואָליוציע געמאָלדן:
דאָס האָב און גוטס געהערט דעם פאָלק!
האָט ער ארופּגערוקט דאָס היטל העכער,
האָט ער אין ראש דאָס גוטס געגעבן א בארעכן:
ס'איז צוויי הארמאטן — איינס!
דער קוילנוואָרפער — צוויי!
דאָס פלייש און די קאָנסערוון — דרײַ!
און הונדערט אכט און פופציק פלאשן ווײַן, —

האָט ער מיט אויגן גלאַנציקע געטאָן א פיר, —
א׳ז פיר!
און די פאַנאַנדערוויגטע רויטע פאָן —
פון אויבנאָן!

זי האָט זיך אָפגעזעצט, די צײַט, אזוי געלײַטערט,
ער הערט איר ווײַטן צושלאָג ווי א רוף;
און מיט א שמייכל ער דערמאָנט זיך ווײַטער,
און ראש פאַרגאַנגענער שטייט ווידער פאַר אים אוף.
ווען מ׳האָט אן אָפיצער אראָפגעלאָזט אין יאם
און איינעם בא דער וואַנט געגעבן א צעטעכער, —
האָט ער צו אלעמען געווענדעט זיך: — פאַראַן!
כאַווײרים, רעכן!

דאָס פאָלק גיט אָפ דעם יאם
דאָס, וואָס געהערט דעם יאם!
דאָס פאָלק גיט אָפ דער וואַנט
דאָס, וואָס געהערט דער וואַנט, —
געבליבן זײַנען צוויי האַרמאַטן — איינס,
א קוילנוואַרפער — צוויי,
דאָס פלייש און די קאָנסערוון — דרײַ,
און הונדערט אכט און פופציק פלאַשן ווײַן!

מיט רײַזעס זוניקע אפ יאמען אין דער ווײַט,
מיט זיסן טשאַד פון נאַכטישע געטריפן
געשמעקט האָבן אין שראַנק די פלעשער ווײַן,
פאַרפוצטע אין בערעטן גאָלדענע פון טריוואַקס.
זיי האָבן שטרענג באַקוקן זיך געלאָזט

און אויסלײ'נען אַפּ זיך דעם אָפּשטאַם פון די קוואַלן,
וואָס איז געווען מיט גאָלד דערקלערט אין יעדן אָס
אַפּ עטיקעטן ווײַסע פון מעדאַלן
און שטערנדלעך אַפּ אַקסלען גלעזערנע פּאַרטיפּט,
ווי אַפּ פּאַגאָנעס פון די שטאָלצסטע אָפיצערן.
אַפּ רעדן שיקערע געפירט האָט זיי די שיפ,
אַז איידלע מאָגנס זאָלן זיי פאַרצערן. —
נאָר ס'איז אַ ציטער דורכגאַנג זיך דורך זיי,
ס'האָט אַזאַ קלונג, ווי פון אַ וווּנדערלעכן קסילאָפאָן, געלאָזט זיך,
ווען ער האָט בלויז זיי מיטן אויג געציילט
און אויסגערעכנט, וואָס זיי קאָסטן.
ער האָט באַשײַמפּערלעך געהערט,
ווי פּליסיקײַטן איידלע שרײַען אין די בוטלס,
נו, האָט ער אַפּדערגיך באַוויליקט זייער ווערט
און זיי באַגיטיקט.

די פּאַלוב איז געווען געפּאַקט.
מאַטראָסן האָבן זיך געמערט פון שאָ צו שאָ נאָך,
געשטאַנען זײַנען פלעשער איידעלער קאָניאַק,
ביז העלפט פאַרדעקט אין זילבער-קאַפּישאָנעס.

אַ פיבער האָט געזאָטן און געשלײַכט,
און אויסגעפּעלט האָט פלאַץ, און אויסגעפּעלט האָט אָטעם:
-- מע דאַרף דעם ווײַן צעטיילן גלײַך,
ווי ס'האָט די רעוואָליוציע געבאָטן! —
און איבער דעק — פון זוים צו זוים —
פון טריום און צריק — געלאָפן ז'ער פאַרהאַוועט:
אַז ווי וועט מען דעם ווײַן צעטיילן אָט אַזוי,

אז קײנער זאָל ניט זײַן באַוואָלט?
ווײַל ס'איז פֿאַראַן אַ פֿלאַש אַ פּראָסטער באָצמאַן,
און ס'איז אַ פֿלאַש אַ פּאָשעטער מאַטראָס פֿאַראַן,
און פֿרײד און אומרו אויסגעמישטע שפּראָצן —
און ס'איז פֿאַראַן אַ פֿלאַש אַ גאַנצער קאַפּיטאַן!

ער גיט אין קאָפּ באַ זיך די טעג אַ בלעטער איבער,
און שווער איז אים פֿאַרשטײן
די קראַפּט, וואָס האָט מיט האַסטיקײַט אַזאַ געטריבן,
נ'ער גלײבט זיך קוים אַלײן,
אַז ווען דער צאַרטער קלאַנג איז אים אין קאָפּ אַרײַן,
האָט ער שוין אײַנשטײן ניט געקאָנט נאָכהער,
און ווען דער רײעך האָט אין סאַמע האַרץ געטאָן אַ ריר נאָך,
האָט ער ניט אויסגעהאַלטן מער
נ'צו אַלע הונדערט אַכט און פֿופֿציק פֿלאַשן ווײַן
געגעבן אַ קאָמאַנדע: — סמירנאָ!
ס'באַפֿעלט אײַך די גערעכטיקײַט אַרײַן
אין פֿאָלק, וואָס איז איצט אָפּן שיף פֿאַראַנען! —
און אײדער עפּעס־וואָס
האָט ער די הונדערט אַכט און פֿופֿציק פֿלאַשן ווײַן אַרײַנגעגאָסן
אין דער קאַפּיטאַנסקער וואַנע —
נאָכהער האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן זײַן געוועזענעם בושלאַט
נ'מיט האַנט מיט נאַקעטער, מיט אויסגעטאַטויִרטער
גענומען מישן די געטראַנקען אַקוראַט,
אַז טײלן צווישן אַלע זאָל מען קאָנען ריכטיק,
אַז אויספֿעלן זאָל קײנעם ניט פֿון יעדער פֿלאַש,
אַז אויספֿעלן זאָל קײנעם ניט פֿון יעדן סאָרט,
אַז שעפּן זאָל דאָס פֿאָלק פֿון וואַנע מיט דער קוואָרט,

דאָס פאָלק זאָל זענ גערעכטיקײַט — ווי ס׳טוט זיכ,
געניסנ זאָל דער גאנצער עקיפאזש
פונ אלע סאָרטנ ווײַנ,
וואָס ס׳האָט געשענקט די רעוואָליוציע.

אונ אינ געדראנג פונ פריילעכ־אופגעלייגטע יאמ־לײַט,
וואָס זײַנענ ארומ אימ געווענ פארזאמלט,
האָט ער א יעדער פלאש, וואָס ער האָט אופגעפראָפט,
צוערשט גענומענ פארנ קאָפ
אונ אויסגעשריגנ אפנ העכסטנ קאָל נאָכ:
— טרובא מאטראָס זאָגט די מוסקאטנ — וואָלנאָ!—
מיט יעדער פלאש האָט ער געמאכט א כעזשבנ פונ אמאָל נאָכ:
— טרובא מאטראָס זאָגט די פאָרטווײַנענ — וואָלנאָ! —
אונ צוגעגאנ ז׳צו אימ דער קאָטשעגאר,
ארופגעלייגט אפ פלייצע אימ די האנט
אונ: — וואָלנאָ זאָגט די רעוואָליוציע דעמ לאנד,
ניט דעמ פאָ־טווײַנ מיט די מוסקאטנ! —
ס׳האָבנ די אויגנ זיכ א ציל געטאָנ אפ אימ,
ווי מײַלער צוויי פונ רעוואָלווערנ;
געריסנ האָט זיכ הייזעריק זײַנ שטימ;
א יעדער וואָרט ז׳געפאלנ שווערער,
אונ א באפעל האָט אימ דער קאָטשעגאר דערלאנגט:
— טו זיכ, טרובא, צוריק אינ דײַנ בושלאט אָנ,
ועסט זיכ אראָפלאָזנ פונ שיפ מיטנ דעסאנט,
ניט אינ דער וואנע ווײַנ — אפ א געטרונקל,
ניט צווישנ פלעשער־בראָכ אונ גלאָז געפלאצטס,
נאָר אינעמ ווײַסנ פאלאצ — אפנ פלאצ —
זיכ שלאָגנ מיט די יונקערס!

גֿעגאַנען איז דאָס געשלעג.
געפֿלויגן זײַנען רײַטער,
און דער דעסאַנט געשלונגען האָט דעם וועג
און זיך געריסן ווײַטער.
נאָר ס'האָט פֿאַר אים אינמיטן שלאַכט
אַ בליאַסק געטאָן אַ וווּנדערלעכע טיר,
אַן אײַנגעטונקענע אין פּראַכט,
געשניצט און אינקרוסטירט —
האָט ער דאָס אויג ניט אָפּגעלאָזט פֿון איר,
ס'זײַנען פֿון מויל בײַ אים געפֿלויגן פֿונקען:
— בראַטוואַ, ניט ברעכט די טיר!
די שאַרבנס ברעכט און קנאַקט דאָרט בײַ די יונקערס! —
און ס'האָט זײַן קאָל געריסן זיך נאָך העכער:
— איך וועל זי מיט אַ שליסל עפֿענען, די טיר —
ס'אַ שאָד אַ שיינקייט אָט אַזאַ צו ברעכן! —

פֿון אַלע זײַטן האָט דער פּאַלאַץ זיך געעפֿנט.

ס'גיט אים אַ הייסע פֿרייד אַזאַ פֿאַרהיל,
און אַזוי שטאָלץ גיט ער אין דר'הייך אַ צי זיך
פֿאַר זײַן פֿאַרשטאַנד און זײַן געפֿיל,
וואָס ער האָט דאַן
אַרויסגעוויזן...
נ'ער גיט זיך אַ דערמאָן:
אינמיטן שלאַכט ט'ער אַ שטיק שטאָל געפֿײַלט,
דעם קאָפּ אונטער אַ יעדער שאָס זיך אָנגעבויגן
אין יעדער ווײַל
געקוויקט זיך מיט דער טיר, וואָס האָט געבלענדט די אויגן.

און זי געעפנט מיט געשריי
פונ בלוט, וואָס האָט פונ אימ געקוועלט;
עס האָט זיכ אימ דער קאָפּ פארדרייט,
און פונ די פיס א פאל געגעבנ אפּ דער שוועל.
און ווענ מ'האָט אימ באנדאזשעוועט די ווונדנ, ט'ער געשמייכלט,
דעמ רויטנ קרייצ דערמאָנענ ניט פארפעלט:
— א כייַע נעמענ דארפ מענ נאָר מיט סייכל,
אזוי אפּ ניט צעפּאטערנ איר שיינע פעל! —
ס'האָט שוינ געטאָגט. טרובא ט'דערמאָנונגענ געהיפּערט.
נאָר ס'האָט א קלאפּ זיכ אינ דער טיר דערהערט;
דערשראָקנ, הייזעריק און מיט א כריפּע
א רופ געטאָנ האָט זאָל: — אווראָמ־הערש!

## 39

ס'איז זאָזל יעדנ טאָג צומ פענצטער צוגעקומענ,
דאָס מויל ס'צעפּאָרענע, ווי קיינמאָל ניט, צעשפּרייט,
אונ — שטיקער רויער סליונעדיקער אומעט—
דערשראָקענע געקאַפּעט האָבנ רייד
צו זיכ אליינ אינ אייגענעמ וואטניק,
מיט קיינעמ ניט געקריגט האָט ער זיכ מער שוינ,
געסליונעט בלויז: א טויווע אימ געטאָנ. א גליק!
א שיינער טאכלעס פונ אזא מינ אווראָמ-הערשנ!..

אונ אווראָמ־הערש געלעגנ איז אינ א כאלאט,
אנ אָפּגעגאָלטער ס'ערשטע מאָל אינ לעבנ;
א יעדער ווײַל האָט ער געטאַפּט דאָס פּאָנעמ — גלאט!
נ'די וואָנצעס אויסגעפּרוּווט, צי זײַנענ זיי פאראנ דערנעבנ.
עס זײַנענ ארבעטער מיט אימ זיכ זענ געגאנ,

מאטאָנעס ברענגען אים און סכירעס איבערגעבן.
ס'איז אויך געקומען אים מעוואקער-כוילע זיַין לוקא
און פאר איין וועג א שמועס טאָן וועגן לעבן.

ס'האָט אווראָם־הערש שוין ניט געוווּסט א וועמען פרי'ר
באדאנקען מיטן ווּנק, א וועמען עפּעס זאָגן.
און צו לוקאען מיט די הענט האָט ער דערלאנגט א פיר:
— צעקוועטשט, לוקא, הא־הא, א ביסעלע דעם וואָגן?.. —
לוקא האָט זיך פארהוסט. דאָס מויל צעקנוּפּט,
א כריפּעריַי, ווי הינט אין גאָרגל וואָלטן יאָגן,
און הוסטנדיק דערווידערט אווראָם־הערשן: — נו, נו, נו!
א מענטש, קומט אויס, איז ניט קיין וואָגן!.. —
ארומגעווישט פון מויל דעם זאפט,
א פיַיפ געגעבן מיט איין נאָזלאָך:
— אין דר'היים, קומט אויס, מע ווערט פארשלאפט,
צום ביַישפּיל, פון א ווינט, אָדער פון מאָזלען. —
לוקא האָט נאָכאמאָל א פיַיפ געגעבן מיט דער נאָז:
— צי ס'טרעפט, צום ביַישפּיל, גאָט באהיט, דער מאָגן! —
ער האָט א מאך געגעבן מיט די הענט און ניט געלאָזט,
אז עמעצ זאָל אים איבערשלאָגן,
און ניט געציַילט די ווערטער אויסגעזייט דאָרט:
א קליַיניקיַיט אזא מין, אומגעפער,
געטראָפן אין דער היים האָט מיט זיַין זיידן,
דערלאנגט ט'אים מיט דער קאָפּיטע א פערד,
און אופגעשטאנען איז ער שוין ניט מער...

געווען איז אווראָם-הערשן ריידן שווער נאָך.
פארקלעפּט צום גומען ז'נאָך געווען זיַין קאָל.

און דאָך געדרייט דעם קאָפּ, פּונקט ווי צום נעמען אַפּ די הערנער,
און האָט לוקאַען שולדיק בלײַבן ניט געוואָלט.
און אָנגעהויבן, ווי פון זייער ווייט:
— אין דר׳היים? הא-הא, אין דר׳היים האָט אונדזער קאַצעוו
געכאַפּט אַמאָל אַ זעץ אין בויך פון אַ בוהײַ,
אַז ס׳האָט דאָס אינגעווייד אים גלײַך אַרויסגעקאַטשעט;
האָט ער עס מיט די הענט געטאָן צוריק אַ לייג אַרײַן,
אַזוי עס נאָר פאַרשטעקט,
קיין וואָרט אַפילע קיינעם ניט געזאָגט דאָרט
און איז צופוס אַוועק
אַליין צום דאָקטער. —

לוקאַ האָט אויפמערקזאַם געקוקט אין מויל אים,
דעם קאָפּ געגעבן אַלעמאָל אַ דריי
עס האָט זיך דאַפקע אַפּן זינען ניט געלייגט,
ווי נעמט מען עס מיט הענט, מיט הענט מיט הוילע,
און מע פאַרוואַלקעוועט די קישקעס פּונקט ווי ליים,
נאָר ניט געוואָלט האָט ער מעצאַער זײַן דעם כוילע.
האָט ער געקוקט אַפּ אַוורעם-הערשס כאַלאַט
און נאָכגעבאָמבלט גלאַט:
— הא־הא! אַרײַנגעלייגט, הייסט עס, אַליין!..
און האָט אַ קויעך אַזאַ ערדישן געהאַט...
נו, יאָ... אַ קאַצעוו, הייסט עס,
ווייסט,
ווו — וואָס... אין בויך דאָרט... אַקוראַט! —

געקומען זײַנען נאָך אַ סאַך.
ס׳האָט יעדער עפּעס־וואָס געבראַכט אים.

און אויך מיט אלעמען באגלייך
ז׳געקומען זאָזל נאָך דער וואכטע.

— ווי פילסט זיך עפּעס, אווראָם־הערש? —
— ווי נאָך א בריס פיל איך זיך, זאָזל!
ווי כ׳וואָלט געבוירן ווערן ערשט! —
— דאָס הייסט א בריס? — האָט זאָזל זיך צעבלאָזן, —
מע האָט דיר דאָך אריינגעגאָסן גוייִש בלוט...
ביסט איצטער גאָר א קנאפּער ייִד שוין... —
ס׳איז עפּשער דיר געבליבן נאָך א פּערטל...
— א פּערטל, זאָגסטו, הא? נו, גוט!
און דו? א גאנצער ראָוו! פּארפוילטע פּיצעריטשע!
האָסט אויסגעוועגן אפּ דער וואָגשאָל? פּונקט?
צי אומגעפּער נאָר?
טפו!
אפּ דיר און אפּ דיינ ייִדישקייט! — נעוויילע... מיטנ פּערטל... —

ס׳איז גלייך געוואָרנ שטילער.
ס׳האָט זאָזל שוינ א נעמ געטאָנ אפּנ סאָפּראנ:
— געוואָלט כ׳האָב דייקע זאָגנ א קאפּיטל טילים... —
ער האָט דאָס מויל געגעבנ א צעפּראל
און זיך ארופּגערוקט דעמ הוט:
— אזויפיל אייגענע... אזויפיל זינ...
איך ווייס?.. מע גייט... מע נעמט... מע טוט...
איז פּאָרסטו פּלוצעמ מיר ארייַנ מיט אייסעווס בלוט..
און ווענ דו נעמסט בא מיר?.. וואָסי?..
כ׳וואָלט דיר געזשאלעוועט? ס׳א טייַערע מעציִע?.. —
א לאָז געטאָנ האָט אווראָם־הערש זיך ווי אינ נעפּל

פאר צוועלפ ווייטעקדיקע טעג מיט אזא רויש:
— נעוויילע! בלוט האָט מיר די פּארטיע געגעבנ,
דו הערסט? סאָוועטסקע, ניט קיינ גויִש!
אונ גיי פונדאנענ גלײַכ ארויס!
אונ ברעכ אינ וועג א פּוס זיכ אויס!

## 40

איז וויסנ דאָס געביינ פונ זיידעס לאָז זשע,
אונ לאָז זיי זיס די רו זײַנ אונ געטרײַ, —
עס הייבט זיכ איצטער אָנ דאָס גרויסע זאַפּאָראָזשיע,
עס הייבט זיכ זאַפּאָראָזשיע אָנ איצט פונדאָסנײַ.
צומ ברעג אפנ פאראד פונ אינדערפרי איז מענ געגאנגענ,
ווי פרילינג־צוויט געטאָנ זיכ א צעשאָט.
געגרייט מ'האָט צו דער עפענונג זיכ לאנגזאמ,
אונ אָנגעקומענ איז דער טאָג, די שאָ.
געשווינד צונויפגעזאמלט פאראמאָל דאָרט
זיכ האָבנ העכער דרײַסיק טויזנט מאנ;
אונ לענינס טרוימ האָט מענ געמאָלדנ
פאר א פארווירקלעכטנ אינ לאנד.

א נאכט א גאנצע האָט טרובא
קיינ ווײַל ניט צוגעמאכט די אויגנ;
אימ האָט געדוכט, אז אופגיינ ט'באלד

איבערן דניעפּ א רעגנבויגן,
אז אופגיין וועט דער שליוז אין ליכט,
אין שײַנן ט'זיך אופהייבן די הרעבליע.
איז ער ארויס פון שטוב פארפרי
און דורך א בלויער זיפּ פון נעפּלען
האָט ער דערזען: פון ברעג צו ברעג
א שורע זײַלן אויסגעשטאטע,
וואָס רײַסט זיך אין דער הייך אָן שרעק.
האָט ער דעם טראָט פארשנעלערט גיך,
און פרייד ז'געגאן פון זײַן געזיכט:
ס'איז ניט קיין שליוז! ס'א באריקאדע!
איז ער געשטיגן פעסט אזוי און גראד דאָרט
און ט'זיך געפרישט מיט א געדאנק:
פון אָט־אָ דער־אָ באריקאדע
פארפּאָלגן מיר דעם לעצטן פײַנט!
דער לעצטער קריג וועט זײַן פונדאנען,
די לעצטע שלאכט פאר פרייד און גליק
מיט די געשטאָרבענע ווידאנעס,
וואָס שלעפּן נאָך, ווי שטיינער, אפ צוריק.

עס האָט דער צוג געשטראָמט פון פינף זײַטן
גערדיכטע מאכנעס שטרענג ווי פון א שלאכט;
אין לופט געפלאטערט האָט דאָס רויטע זײַדנס
פון העלע פאָנען, פרילינג און פון פראכט.
אָרקעסטערס, צי פון אונטן צי פון אויבן,
האָבן ווי שליוזן זיך א לאָז געגעבן גראד,
געריטן אפ די העלדזער זײַנען טרויבן
און פײַערלעך געמאָלדן דעם פאראד.

אָט זעט מענ שוינ — פונוואנענ און וווּהינ,
אָט הערט מענ שוינ דאָס דונערנ פונ שפּאנענ.
דער דניעפּער איז געלעגנ אויסגעשלײַפט און גרינ,
און אפ דער הרעבליע — א טריבונע ווי א פּאלוב.

דעם גאנצנ רוים פארכאפּט האָבנ אָרקעסטערס,
געשלײַדערט אינ דער ווײַט דאָס בליאסקענדיקע מעש.
די טריט פארהערנ זיכ, ווער הילכיקער און פעסטער,
און ס׳גייענ פאָנענ מיטנ ווינט אינ א געדרעש.
צעלאָפנ זײַנענ קלאנגענ זיכ אפ ווײַטע סטעפּעס,
קורגאנעס שלאכטיקע מיט מעלדונגענ געוועקט
און זיי דערציילט, אז פונעם אלטנ דניעפּ איז
שוינ צו די יאמענ אויסגעשפּרייט א וועג.
איז וויסנ דאָס געביינ פונ זיידעס לאָז זשע,
און לאָז דאָרט זיס די רו זײַנ און געטרײַ,
ווײַל ס׳הייבט זיכ איצטער אָנ דאָס גרויסע זאפּאָראָזשיע,
ווײַל ס׳הייבט זיכ זאפּאָראָזשיע אָנ איצט פונדאָסנײַ.

געקוקט האָט אווראָמ-הערש אפ זײַנ שערענגע,
צי קלעפּנ זיכ די טריט דאָרט ניט צונויפ;
און ווו מע דארפ — א פּרעס געגעבנ ענגער,
און ווו מע דארפ — געגעבנ א פאַרלויפ.
געטראָגנ האָט לוקא א פאָנ דערנעבנ,
ס׳האָט פײַערלעכע פאָרכטיקײַט אפ אימ געברענט;
און אווראָמ-הערש ט׳אימ אלע ווײַל א פרעג געגעבנ,
צי דארפ מענ אימ ניט בײַטנ שוינ די הענט?
און אז לוקא האָט זיכ קיינ דריי טאָג ניט געוואָלט,
ער זאָל דעמ גרויסנ קאָוועד ניט פארשטערנ,

און ס'האָט זײַן באָרד ווי א געדיכטע וואָל -
די אויערן פארלייגט, ער זאָל ניט הערן,
האָט אווראָם־הערש אליין פארשנעלט דעם גאנג,
מיט קאס א ריס געטאָן דאָס מויל אים:
— מע טראָגט א פאָן, לוקא, אין פלאנג,
איז דארף מען זי ניט טראָגן ווי א גוילעם! —

ס'האָט אונטער טריט געקלונגען שטאָל,
ס'האָט אונטער טריט געשריגן הרודע;
מיט זיי דאָס לאנד איז אָנגעשטאָפּט,
פארקישעפט ס'איז פון זייער הודען.
אָט גייט עס אוף, דאָס גרויסע לאנד,
אָט גיבן א צעשפרייט זיך גיטער;
און איצט באדארף נאָר דער געדאנק
די צײַט א טרײַב טאָן און א צי טאָן
און אף איר אָנטאָן קלוגן צוים,
באלעבן זי מיט שטײַג און קלעטער,
אז בלײַבנדיק געפאסט אין רוים,
זאָל זי אליין זיך איבערטרעטן.

געקוקט טרובא האָט אפן צוג,
אף דעם באפליגלטן מיט פאָנען;
זיי זײַנען בלוטיק אים באקאנט,
זיי קערן אזוי נאָנט זיך אָן אים;
אָט שפאנט דער מעכטיקער לוקא
און טויזנטער ווי ער — דאָס פאָלק,
און אווראָם־הערש, און גלאשא, און עלקאָנע —

צו יעדן איינציקן ער וואָלט
א הילכיקער אצינדער צו
און זיך געפרייט זיי פראָסט אין פּאָנעם,
ווייַל ס׳גיט נאָך אָפּט ביז איצט א צוק
פונעם פאַרגאנגענעם — אזא דערמאָנונג:
...ווי שטומע קעמלען ווי פארצערטע,
מיט נויט געלאָדענע — פארווערטיילט,
זיינען זיי דולדיק ווי דורך שעכטהויז
איבער יאָרהונדערטן אדורכגאנ
צו לעצטע קוואָרימדיקע נאָרעס
און שטיל געטרייסט זיך מיט אן „אוכניעמ״,
און זיך דערנערט מיט א „יעשטשאָ ראז״,
און פאָרנט איז געגאנגען קריסטוס,
נ׳אז מ׳האָט זיי איינ אויג אויסגעריסן,
ז׳דערלאנגען ס׳אנדערע באפעלט ער האָט,
קעדיי אָנשטאָט דעם ברויט דעם ביסן
אריינשטופּן מ׳זאָל זיי א גאָט!

ער וואָלט צו יעדן איצט געגאנ
און פראָסט געפרייט זיך גלייַך אין פּאָנעם;
זיי זיינען בלוטיק אים באקאנט,
זיי קערן אזוי נאָנט זיך אָן אים...
און דאָך האָט ער א רוף געטאָן נעכאמענ
מיט א פארווינטיקטער און פעסטער שטים;
מ׳איז בא דער הרעבליע שוין פארזאמלט,
שוין אלע דאָ. א רעגע שטיל.
עס ווערט די עפענונג דערקלערט.
דאָס פאָלק פארנעמט דאָרט די טריבונע,

און ס'האָט די גאַנצע וועלט געהערט
די שטילע ווערטער גלײַך ווי דונערס:
ס'גייט אויף דאָס פאָלק אַף דער טריבונע,
עס האָט אַ מעלדונג, עס האָט אַ ווענדונג:
דײַן וואָרט איז, פאָלק! דיך הערט דער שטורעם!
דו רעדסט אַזוי, אַז ס'איז פאַרשטענדלעך
דײַן יעדער קלאַנג, דײַן יעדער מורמל!

דעם קאָפּ ט'געריסן אוראַמ־הערש,
עס האָט לוקאַ שוין אויך קיין רו ניט;
און ס'האָט די גאַנצע וועלט געהערט
די שטילע ווערטער גלײַך ווי דונערס,
געשטראָמט פון מענגעס און פון צוגן
און אויפגעגאַנגענע פון שליוז:
— מיר גיבן אָפּ אַ גרוס דער צוקונפט!
— מיר גיבן אָפּ דער ווײַט אַ גרוס!

עס איז דער גאַנצער רוים געווען געפּאַקט,
אַז ווייניק שוין געווען דער סטעפּ איז;
דערזען האָט אַפּדאָסנײַ טרובאַ
די הרעבליע רײַטן אַפן דניעפּער,
ווי אַזאַ וווּנדערלעכע שיף,
ווי אַן אַרויסרוף אַזאַ דרייסטער, —
און צו דער הייך און פון דער טיף
אַזויפיל קראַפט און ליכט זי רײַסט דאָרט.
און ס'האָט זיך אים דערמאָנט די פּראַכט
פון מיטלאַלטערלעכע דענקמאָלס,
וואָס זײַנען פינצטער, ווי די נאַכט,

וואָס האָבן זיך אין בלוט געשווענקען;
האָט ער מיט קאַס געטאָן א טראַכט:
מ׳האָט קירכעס אָנגעבויט און קלויסטערס,
געפּרעסן בראָנזע און גראַניט —
עס גיט דאָס בלוט אין אים א ברויז דאָרט:
זיי אָפּגעדעקט מיט בלויען הני,
מיט פּאַכעד טעמפּ זיי אָנגעשטאָפּט;
בא יעדן ראָג — בייג אויס די קני,
בא יעדן ראָג — אנטבלויז דעם קאָפּ,
בא יעדן ראָג — זיך לייג און פאַל!
זיי שטייען — טויבע טעמפּע היטערס,
אָט די איסאַקיס און ספּאַסיטעלס,
און עפּעס טײַנען זיי מיט כמאַרעס,
און עפּעס מורמלען זיי דעם הימל,
אז איבער ווײַסל געגאַנגען איז מאַריא,
אז אפן דניעפּ ז׳געגאַנגען וולאַדימיר,
נ׳אָפּ דער אלמאָנע דער ניעווא
גייט דער אנטיכריסט אוף מיט גוואַלט;
און ס׳גיט א הייב דעם קאָפּ טרובאַ,
און ס׳ווילט זיך טאָן א זאָג צום דניעפּער:
א נײַע וועלט איצטער פאַרקנעט דיך,
עס הייבט זיך אָן די וועלט פונסנײַ איצט,
פון דער ניעווא צו דיר א גרוס!
א גרוס צו דיר פון וואָלכאָוו־טײַך!
די קוואַלן עפּן אוף, צעשלים!
און פיל זי אויס אונדז, די אנקעטע —
אפּ ווילפל קראַפט ס׳באַטרעפט דײַן פליס,

מיט וויפל וועסטו זײַנ צושטײַער
אפ אומוואַרפנ די אלטע רוס,
אפ אויסברענענ איר שווארצנ טראכט,
אפ אויסגליִענ איר שווארצע שאנד דאָרט,
אפ אויסשפײַענ איר לעצטנ׳ שפור
אונ זיכ א ליכטיקער פארוואנדלענ
נ׳א וויקלשנור פאר איר געבורט!

## 41

אפסנייַ האָט אָנגעהויבנ בושעווענ דאָס לעבנ,
אפסנייַ האָט זיכ דער דניעפּער אויסגעגלעט ווי גלאָז;
צעעפנט חאָט בעטאָנענדיקע טויערנ די הרעבליע,
אונ שיפנ האָבנ מעכטיקע געגעבנ זיכ א לאָז.

פאַרשוווּנדנ פונעמ אויג זייַנענ א כאָפּטע דערפלעכ,
געני̇דערט טרויעריק צומ טייַכ וואָס האָבנ ערשט;
אונ אפ אנ אופגעשטיגענער באנייַטער ערד-פלאַכ
איז ווידער גרייט אינ וועג געשטאַנענ אווראָמ-הערש.

ער וועט דאָ אויכ ארופגייִנ אפ א שיפ אזא מינ,
ער האָט זיכ אויכ דעמ דורכגאַנג דורכגעזוצט אליינ;
ער וועט דאָ אויכ א שוימ טאָנ ווייַט איבער די יאמענ,
ווּהינ — איז אימ אלציינס. ס'איז אומעטומ זייַנ היימ.

דער דניעפּער האָט זיכ אופגעהויבנ. ס׳וואסער האָט געקלעטערט.
די הרעבליע איז געשטאנענ זעכציק-גריוועדיק געשפּאנט;
אונ אויספּילנ געקומענ אווראָמ־הערש איז אנ אנקעטע
אפּ לאָזנ זיכ פּונדאנענ אינ א ווײַטנ קאנט.

ער האָט זיכ שוינ דערקונדיקט, אז דאָרטנ זײַנענ וועלדער,
ער האָט זיכ שוינ דערקונדיקט, אז דאָרטנ זײַנענ בערג;
אונ אז ניט קיינ ציגנ-פליײש אונ פּיש ניט פּעלט דאָרט,
אונ נאָכ — אז זיכ באגעגענענ מע קאָנ דאָרט מיט א בער.

— נו, שרײַבט! — האָט ער געטומלט, — אונ פּארשרײַבט ניט מיכ אליינ נאָר, —
עס האָט זיכ נאָכ זײַנ קאָל געהערט פּונ קאָרידאָר; —
א רועכ אינ דער וועלטס פּארפּוילטע ביינער,
א ווײַב האָט אווראָמ-הערש ביז הונדערט צוואנציק יאָר! —

אמעריקע געכאָלעמט האָט זיכ איר — אנ אומגליק!
ס׳זאָל אווראָמ־הערש אהינ איר פּאָרנ שארנ גאָלד;
איצט פּאָרט מענ, דאנקענ גאָט, אהערצו פּונ קאָלומבנ —
איז שרײַבט ארײַנ מײַנ ווײַב! — געשניטנ האָט זײַנ קאָל. —

געבורעט האָט זי ס׳גאנצע לעבנ אונ געזידלט,
געהאלטנ האָט זי נאָר אינ טײַנענ: — סטײַטש?
וואָס זיצסטו, אז סע פּאָרט א גאנצע וועלט מיט ייִדנ? —
נו, וואָס וואָלט איכ געווענ אוספּייעט מיט דער בײַטש?

איז דאנקענ גאָט צופּרידנ ועט זי זײַנ איצט,
ס׳איז פּונקט ווי ביז אמעריקע. אונ עפּשער מער. נו, זאָל...

אַז גלאָונע איז בא מיר נאָר דאָס, — האָט ער געטײַנעט, —
וואָס פיש, זאָגט מען מיר, זײַנען דאָרט בעזיל האזאָל!

ער איז געווען פארפוצט אין א פּאָר נײַע שטיוול,
ער האָט זיך שוין אפגיך אן אײַל געטאָן פון אָרט;
און מיט אזעלכע סקריפּ — פארבאָרגענע און טיפע —
האָט נאָכגעקרעכצט אים פײַערלעך דער פּאָל פון קאָרידאָר.

אין צימער בא דעם טיש געזעסן איז עלקאָנע,
עס האָט איבערן צימער זיך ארומגעדרייט טרובא;
און אופגערופן האָט מען אוראָם־הערשן גלײַך פון אָנהייב,
און ס'האָט זיך אוראָם־הערש א שטעל געגעבן באלד.

און דאָך האָט עפּעס אומעטיקס פארצויגן אים מיטאמאָל:
— אנטקעגן דעם... מע זאָגט... ס'איז דאָרטן זייער קאלט... —
— נו, יאָ, ס'איז דאָרטן קאלט, — האָט אים עלקאָנע אויסגעשטאמלט, —
ווי אומעטום אין ווינטער... ווען פראָסט און שניי באפאלט! —

א ווײַלע ט'אוראָם־הערש געקוקט אף אים, געשוויגן.
ער האָט עפּעס באטראכט. ער האָט עפּעס צעקײַט;
און ס'האָבן זיך די אקסל גענומען בא אים וויגן:
— נו, אויב אזוי, איז גוט! איז הייסט עס, ווי בא לײַט!

מע זאָגט, אז דאָרט איז עפּעס יאָ... א פּליג אזא פאראנען... —
האָט ראשיק אוראָם-הערשן זיך א גלאנץ געטאָן אין בליק; —
— פאראנן! — האָט אים א רויִקער נאָכגעזאָגט עלקאָנע, —
ז'פון ווען האָסטו זיך אָנגעהויבן שרעקן פאר א פּליג?

און איצט — האָט אים עלקאָנע א נעם געגעבן פריילעך,
ער האָט אים עפּעס זינגענדיק דערמאָנט אין דר'הויך, —
אין בירגערקריג.. האָסטו זיך, דאכט זיך, ניט באַטייליקט,
כוץ דעם, וואָס האָסט א קיצל דאָ געכאפּט אין בויך?..

האָט אווראָם-הערש דעם שליוז א ווײַז געטאָן עלקאָנען,
האָט אווראָם־הערש א ווײַז געטאָן די בויונג מיטן הוט:
— א בירגערקריג מיט בערג ז'דיר אויך ניט לעקן האָניק.. —
און ס'האָט עלקאָנע שטאָלץ א לויב געטאָן אים: — גוט!

איז ווײַטער, אווראָם־הערש! סע דאַרף שוין שפּעט די שאָ זײַן!
האָסט דאָך א ביקס געדרייט אמאָל!.. געהאַט עפּעס צו טאָן... —
— ווער זאָגט עס, אז געדרייט? כ'האָב ניט געדרייט. איך האָב
געשאָסן, —

און ער האָט אים א ווײַז געטאָן זײַן צייכן ג. ט. אָ.!

— און אויב מע וועט באַדאַרפן, — האָט ער ווײַטער שוין געהאַמערט, —
אָט ווי דו זעסט א ייִד — א באַלעגאָלע פון דער באַן,
איז וועט ער זיך אָן אויג פאַרקלעמען ווי נעכאַמע
און וועט דיר נאָך א זעץ געבן — ניט ערגער ווי טרובאַ!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

פאַרשוווּנדן פונעם אויג זײַנען א כאָפּטע דערפלעך,
געניִדערט טרויעריק צום טײַך וואָס האָבן ערשט;
און אַף אופגעשטיגענער באַנײַטער ערד־פלאַך
איז ווידער גרייט אין וועג געשטאַנען אווראָם-הערש.

ער וועט דאָ אויך ארופגיין אפ א שיפ אזא מין,
ער האָט זיך אויך דעם דורכגאנג דורכגעזעצט אליין;
ער וועט דאָ אויך א שוים טאָן ווײַט איבער די יאמען,
וואוהין — איז אים אלצײנס. ס'איז אומעטום זײַן היים!

## 42

עלקאָנען איז אינגאַנצן ניט צום הארצן,
וואָס גלאשא האָט איר בעט אין א באראק:
— אז מאלע וואָס סע טרעפט זיך און סע מאכט זיך, —
גיט בא דער ארבעט אים אין קאָפּ אזא מין האק.

סע קומט אים אויס — א יונגע זאך —
באלאָנים וואָלטן שטעלן זיך געקאָנט דאָרט אין די רייען;
און וויפל דארף מען עס — א סאך?
אז ס'זאָל איר עמעצער דעם קאָפּ פארדרייען...

אָט דרייט זיך שוין לעם איר ארום סומבאטא,
ער, אז ער ווארפט אן אויג, איז שלעכט;
עלקאָנע ווייסט, אז באם אינסטרוקטאָר גייט עס גלאטיק,
אז נאָכדעם ווט מען מעגן שטעלן לעכט...

עלקאָנע ווייסט — סומבאטא האָט א ווינונג,
און אויסגעפוצט די צימערלעך מיט א געשמאק;
און פאָרהענגלעך מיט בלי־אַנדעלעך אזוינע,
און ער ווינט נאָך ביז איצט אין א באראק.

ס'האָט אים אין קאָפּ געגומענע דרעשן,
און ווי א פרייַנט האָט אים געוואָרנט אווראָם־הערש:
— ער קאָן זי דיר, עלקאָנע, פארטיק מאכן אד-לעכעזשבנ,
דו ווערסט זיך ניט אוספייען טאָן א קער!

ער קאָן איר צוזאָגן דאָרט האָרים און געוואָעס,
אָט ווי דו קוקסט אים אָן. ער האָט בעיאד,
און אָט אזוי ביז ווען, ביז וואָס,
איז... בעסער ניט פארלאָז זיך אפ דעם יאט! —

דעריבער איז עלקאָנע גלייַך אוועקגאנ צו טרובא,
ווי א פארוווּנדעטער נאָך הילף, מ'זאָל עפעס טאָן אים;
— איך דארפ א שטוב, טרובא! א ווינונג. באלד! —
ט'אים אָנגעקוקט טרובא נ'געלאכט: — עלקאָנע!

אפילע מיט א גאָרטנ נ'מיט א סאָד
און וואָס דיר ווילט זיך דאָרט אליינ נאָר;
פאראנענ פלאצ גענוג. דו ווילסט, איז אָט
באפעל איך צופירנ דיר האָלצ און שטיינער! —

עלקאָנע איז געבליבנ שטיינ
א ביסל א צעשטרייטער;

ס׳וועט אים טרובא פארשטיין, —
האָט ער א זאָג געגעבן וויַיטער:

— ס׳איז זייער איַיליק. עקסטרענע, טרובא!
סע גייט, טרובא, מיר איצט אין לעבן. —
און ס׳האָט טרובא ארויסגענומען אים דעם פּלאן
דעם גאנצן פון דער שטאָט, וואָס בא דער הרעבליע

און: — קליַיב זיך אויס! —
האָט ער זיך שמייכלדיק צו אים געווענדעט, —
ס׳וועט קלעקן. זעסט? ווי ברייט און גרויס,
מע דארף נאָר האָבן גוטע הענט דאָרט!

און צוטרעטן דו קאָנסט זיך גליַיך.
ס׳איז פּלאַץ פאראנען, אויב דו ווילסט, נעבן סומבאטאן;
פון איין זיַיט קוקן וועט צו דיר דער טיַיך,
און פון דער אנדערער — די נײַע קאָמבינאטן!

## 43

אַז דער סטעפּ ז'אַזוי ברייט, און די ערד — אַזוי גאַנץ,
האָבן הענט האָבן יונגע דאָ פֿלאַנצן געפֿלאַנצט.

האָבן פֿלאַנצן געפֿלאַנצט אין צעזונגענער לאַסט,
און אַ טאָג און אַ צווייטער — און ביימער אַ פּאַס!

שטייען ביימער אַ פּאַס, אין אַ ווירע געפּאַסט,
און אַ שניט אין דער מיט — איז געוואָרן אַ גאַס!

איז געוואָרן אַ גאַס, נעבן איר — איז שוין צוויי.
און פֿון יעטווידן ציגל — דאָ טוט אַזוי וויי.

און סע טוט אַזוי וויי, און סע איז אַזאַ פֿרייד,
נאָר ס'פּאַרזעצט זיך דאָרט יעדער אַפּ גאַסן אַ קווייט!

אפ די גאסן — א קווייט, אפ די גאסן — א גאסט,
אז דער סטעפ ז'אזוי ברייט, בענקט א גאס נאָך א גאס,

בענקט א גאס נאָך א גאס און א שטאָק נאָך א שטאָק,
און א גאס מיט א גאס, און עס איז שוין א שטאָט!

און עס איז שוין א שטאָט, און עס וואקסט אפ די הענט —
ניט פארענדיקטער דאך, ניט פארענדיקטע ווענט!

ניט פארענדיקטע ווענט — בלויז מיט הימל געדעקט,
און עס בויט און עס בלענדט און ס'צעבליט זיך דער ברעג.

איז ווו זײַנען די בויער? מע זעט זיי ניט אָן,
אזוי הויך דאָרט זיי שטײַגן אין כמארעס בעטאָן!

אינדערפרי — א פּאָדמורעק, און פענצטער — צו נאכט,
און א יעדער שטיק ערד אזוי גרייט זיך און ווארט.

אז דער סטעפּ ז'אזוי ברייט, און די ערד אזוי גאנץ,
האָבן הענט האָבן יונגע א שטאָט דאָ געפלאנצט.

עס בליִען די דעכער — זיי בליִען, ווי מאָן.
און ווינטן פון דניעפּער — צוגאסט קומען אָן.

דער הימל איז בלוי, און דער דניעפּער איז בלוי.
טרובא גייט אהיים — און ס'איז פרי נאָך אזוי.

עס ברייטערט פאנאנדער פאר אים זיך דער ראנד,
עס דאכט זיך — ער האלט דאָרט דעם טאָג פאר דער האנט.

אין ווײַט — א געהילכל, אין הארץ — א געקלאַפּ,
טרובא גייט אהיים — פארהויבנ דעם קאָפּ.

ער שפּאנט פונ דער ארבעט. ער גייט אונ ער קײַט,
ער אײַלט ניט אונ שלינגט אזוי לאנגזאמ די ווײַט.

אונ ס'דאכט: א געדאנק דאָרט צעקײַעט ער שווער —
פונ באקציינ אפּ באקציינ — אהינ אונ אהער!

א היימ איז פאראנ, אונ דאָס ברויט איז אלציינס,
דער קאָפּ איז פארהויבנ, אונ טריט — ניט געציילט.

אונ אָט־אָ דאָס ברויט, אז מע גיט א צעשנײַד,
איז קאָנ ער שוינ קלעקנ אפּ צוויי אונ אפּ דרײַ!

אז סטעפּ ז'אזוי ברייט, אונ ערד אזוי פריש,
איז וויפל פארנעמט עס אנ אייגענער טיש?

אז ס'שפּרייט זיך די נאכט אזוי בלוטיק-געטרײַ,
אנ אייגענער טיש אונ אנ אייגענער פרײַנט!

אונ דער הימל איז בלוי, אונ דער דניעפּער איז בלוי.
— נעכאמע! ס'איז אויך אינ די אויגנ אזוי!..

א יעטוו־דערביימל באַגעגנט מיט גרוס,
און ס׳טוט זיך אַ בענק און עס טוט זיך אַ גלוסט. —

און נאָכאַמאָל נאָך. און צוויי און דריי.
ס׳פֿאַרשמעקן די ווייַטן מיט מיידל און לייַב...

אַז דער סטעפּ ז׳אַזוי ברייט, און די ערד — אַזוי גאַנץ,
איז נעם — און פֿאַרזעץ! איז נעם — און פֿאַרפֿלאַנץ!

איז גייט ער, טרובאַ, דורך דעם דניעפּ און דורך בלענד,
דער טאָג איז אַזוי ווי אַ קינד אַף די הענט.

איז שטעלט ער זיך אָפּ. פֿאַרטראַכט. אַליין.
און ס׳גיט אים אַ קיצל אַ צווייַג פֿון אַ בוים.

איז לאָז זייַן אַ צווייַג. איז לאָז זייַן אַ בוים:
דאָס איז עס, דאָס לאַנד! דאָס איז זי, די היים!

אָט איז זי, די היים דערלאַנגט זי אַהער,
אָט איז זי פֿונסנייַ די דערפֿונדענע ערד!

מע שפּאַנט פֿון דער אַרבעט. מע גייט און מע קייַט.
מע אייַלט ניט. מע שלינגט אַזוי לאַנגזאַם די ווייַט.

און ס׳דאַכט: אַ געדאַנק דאָרט צעקייַעט ער שווער —
פֿון באַקציינג אַף באַקציינג — אַהין און אַהער.

אינ דר'הייכ איז די נאכט! אינ דר'הייכ איז א ראש,
ס'האָט עפּעס טרובא נאָכ געהאלטנ אינ טאש.

ער גיט זיכ א דריי, ער דערלאנגט זיכ א טאָר:
ס'איז ניט אזוי פראָסט עס דערלאנגענ פונ דאָרט.

ס'זאָל עמעצ אינ טאש מיט דער האנט אימ ארײַנ —
ס'איז יעדנ דערלויבט! ס'איז פאר יעדערנ — פרײַ!

ס'זאָל עמעצער נעמענ דאָס ברויט פונ זײַנ האנט, —
— ס'איז — זאָגט ער, — אלציינס, ס'איז דאָס ברויט פונעמ לאנד!

אונ אָט איז די נאכט, אונ ער איז אלײנ,
אונ אָט איז די גאס, אונ א בוימ אפּ א בוימ...

אונ ס'גיט אפנ אָרט דאָרט טרובא זיכ א דריי,
אונ אָט איז ער שוינ בא נעכאמענ אינ דר'היימ.

נעכאמע! דײַנ היימ איז נאָכ אויכ אָנ א דאכ!
אונ ווּ איז דײַנ צודעק? אונ ווּ איז דײַנ נאכט?

איז נא דיר דאָס הארצ אונ — גיב א צעשנײַד,
ס'ווע‏ט קלעקנ פאר צוויי, אונ ס'וועט קלעקנ פאר דרײַ!

Редактор—И. Нусинов.—Техред.—М. Погостер.
Корректор—Л. Кенигсберг. Сдано в набор
4|VIII-37 г. Подписано к печати 27|XI-37 г. Ф.
б. 82Х110 20 п. л. Уп. л. Главлита. РСФСР
Б—33438 „Эмес“ № 81. Тираж 3000.

---

Тип. „Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 644.





UNIVERSITÄT POTSDAM
Universitäts-
bibliothek
Inventarnr.
*98032496*

Цена 10 руб.

ПЕРЕЦ МАРКИШ

# ЗАРЯ НАД ДНЕПРОМ

Universitätsbibliothek Potsdam

Ausleihnr.

*98032496*

Издательство «Эмес»,
Москва 1937